ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# נפלאות היהודי
## מפרשיסחא

אידיש

**667**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# נפלאות

# היהודי

## מפרשיסחא

# נפלאות היהודי

דער יוד הקדוש איז אַמאָהל געווען ביי דעם רבין פון לובלין אויף שבת. בּיי שלש סעודות האָט ער זיך פערשפעטיגט און ער איז געקומען ווען עס איז שוין געוועזען פינסטער איז ער נישט געגאַנגען צום טיש נאָר ער איז געשטאַנען צווישען אַלע חסידים און וויל עס איז געוועזען פינסטער האָט מען איהם ניט געזעהן ווער ער איז. און ער איז געשטאַנען און געציטערט גלייך ווי ער האָט דאָס קדחת רח״ל האָבען די חסידים וואָס זענען געשטאַנען לעבען איהם געזאָגט די האָסט דאָס קדחת גיי אַהיים אין לייג זיך אין בעט אַריין אין ער האָט זיך גאָר ניט ווייסענדיג געמאַכט ער האָט זיי גאָר ניט געענטפערט. ווען מען האָט אָנגעצינדען אַ ליכט האָט ער אויף געהערט צו ציטערען און ער איז געשטאַנען גלייך ווי יעדער מענש און מען האָט איהם תיכף צו גערופען צום טיש פון דאַנען קענען מיר זעהן זיין צדקות. פאַר דער רבין און די אויגען איז ער געשטאַנען מיט דרך ארץ גלייך ווי אַ פראָסטער מענש זכותו יגן עלינו:

דער רבי ר׳ בינם איז אַמאָהל געוועזען ביי נאַכט ביי דעם יוד הקדוש און דער יוד הקדוש איז געלעגען און בעט און ער האָט געקרעכצט האָט איהם דער רבי ר׳ בינם געפרעגט פאַר וואָס ער קרעכצט אַזוי. האָט ער איהם געענטפערט נאָך משה רבינו עה״ש איז געוועזען שופטים נאָך די שופטים איז געוועזען נביאים נאָך די נביאים איז געוועזען אנשי כנסת הגדולה אין נאָך זיי תנאים ואמוראים און פוסקים אין נאָך זיי איז געוועזען מוכיחים לשם שמים און דער נאָך האָט זיך געמעהרט מוכיחים שלא לשם שמים און נאָך דעם האָט זיך אָהן געהויבען רביי״ס און אויף דעם קרעכץ איך דאָס איך זעה אַז שפעטער וועט דאָס אויך קאַלי ווערען וואָס וועלען די יודען טוהן:

אַמאָהל איז דעם יוד הקדוש׳ס אַ תלמיד פון צפּאָטשנאָ לעבען פרשיסחא געפאָהרען קיין לייפּציק ווען ער איז צוריק געקומען האָט איהם דער יוד הקדוש געפרעגט וואָס פאַר אַ נייעס ער האָט דאָרט געזעהן האָט ער איהם געענטפערט אַז ער האָט ניט געזעהן קיין שום נייעס דער וויל האָט ער זיך דערמאַנט אַז ער איז געגאַנגען ביינאַכט און גאַס איז צו איהם צו געקומען אַ דייטש און ער האָט איהם געזאָגט גיט נאָווינט דער מענטש

אַז

איז אזוי נאך געגאנגען דעם דייטש ביז אהיים ווי ער איז צו איהם אריין געקומען האט ער דעם דייטש געזעהן זיצען אין לערנען און דעם הייליגען ספר סמ״ג האט דער דייטש איהם געפרעגט פון וואנען ער איז האט ער איהם גיענפערט אז ער איז פון אפטא האט ער איהם געזאגט אז ער זאל איבער געבען א גריס ר׳ יעקב יצחק׳ן דעם יוד הקדוש. האט דער יוד הקדוש געזאגט אז דאס האט ער געמיינט וואס ער האט איהם געפרעגט אויף נייעס. און ווער דער דייטש איז געוועזען ווייסט מען ניט עד היום זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

דער יוד הקדוש איז אמאהל געוועזען ביי דעם רבי׳ן פון לובלין און עס איז דאמאלס געוועזען פיעל מענשען און עס איז געוועזען זייער ענג און דער יוד הקדוש איז געשטאנען און מוטען און עס איז איהם געוועזען זייער ענג איין חסיד האט אויף איהם ארויף געלייגט זיינע הענד ווי דער חסיד האט דערזעהן אז דאס איז דער יוד הקדוש׳ האט ער זיך זייער דערשראקען האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט שרעק זיך ניט ביי אונזער רבי׳ן זענען מיר אלע גלייך:

דער יוד הקדוש איז אמאהל געזעסען אין בעלערענט מיט זיינע תלמודים האט ער געזאגט צו זיינע תלמודים קוקט ארויס אויף דער גאס וועט איהר זעהן נייעס זיי האבען ארויס געקוקט אין האבען גאר ניט געזעהן האט דער יוד הקדוש ארויסגענומען זיין פאטשיילע און ער האט זי ארויף געלייגט אויף זייער פנים האבען די תלמודים אהנגעהויבען צו שרייען מיר זעהן דאך ווי א גזלן ליגט אויף א יוד און ער שלאגט איהם און ער וויל ביי איהם צו נעמען דאס געלד האט דער יוד הקדוש גענומען דאס ברויט וואס עס איז געלעגען אויף דעם טיש און ער האט עס איבער געדרייט אויף דער צווייטער זייט האבען די תלמודים געזעהן ווי דער יוד האט זיך איבער געדרייט אויף דעם גזלן און ער האט איהם גוט געשלאגען און ער איז פון איהם ניצול געווארען. און א צייט ארום איז דער יוד אדורך געפארען דורך פרשיסחא און ער איז אריין געגאנגען צום יוד הקדוש ווי די תלמידים האבען איהם דערזעהן האבען זיי איהם תיכף דערקענט און זיי האבען זיך מיט איהם דערפריידט דער יוד הקדוש האט זיי געפרעגט וואס זיי פרייען זיך אזוי האבען זיי איהם דערצעהלט וואס ער האט זיי מיט א צייט צוריק געוויזען האט זיי דער יוד דערציילט אז ער האט זיך שוין געהאט מיאש געוועזען אז ער זאל ניצול ווערען פון דעם גזלן נאר פלוצלינג האט ער און זיך דערשפיערט א פרישען כח און ער האט זיך

זיך געשטארקט איבער דעם גזלן און ער איז פון איהם ניצול געווארען
עם איז אמאהל געקומען א יוד צום יוד הקדוש מיט א בקשה אז ער איז
שלאף אין די דאקטורים האבען איהם מיאש געווען זיי זאגען אז
ער קען ניט לעבען קיין יאהר האט איהם דער יוד הקדוש געהייסען פאהרען
אין א שטאדט אריין ווי עס וואהנט דארט א גרויסער צדיק און זיינע קינדער
האלטען א גיוועלב גיי א פריץ און ער זאל זיי אויס דינגען דאס געוועלב
וועט דאך איהם דער צדיק זיכער שיקען רופען און ער זאל נישט געהן
וועט איהם דער רבי שעלטען אז ער זאל האבען א יאהר מיט פיער וואכען
דאס קדחת. דער צדיק פלעגט שעלטען אזא קללה און אזוי ווי דער צדיק
וועט גוזר זיין אזוי וועט זיין ממלא וועט ער נאך לעבען מעהר ווי א יאהר
וועט ער שוין מוזען געזונד ווערען און אזוי ווי דער צדיק וועט איהם
געבען די קללה זאל ער אב לאזען דאס גיוועלב דעם רבינ'ס קינדער און ער
וועט שוין זעהן אז ער זאל ניט האבען דאס קדחת און ער זאל ווערען געזונד
דער מענש האט אזוי געטוהן ער איז געפארען אין דער שטאדט אריין
און ער האט אויס געדינגען דעם רבינ'ס קינדער דאס געוועלב און דער
רבי האט נאך איהם עטליכע מאהל געשיקט און ער האט ניט געוואלט
געהן און דער רבי האט איהם געשאלטען אויף א יאהר מיט פיער וואכען
דאס קדחת ווי ער האט געהערט די קללה האט ער דאס גיוועלב אב
געגעבען דעם רבינ'ס קינדער און ער איז געפאהרען קיין פרשיסחא צום
יוד הקדוש און ער איז געזונד געווארען און ער האט ניט געהאט קיין
קדחת און ער האט פיעל יאהרען געלעבט:

דער יוד הקדוש איז יונגערהייט געפארען צו ר' משה לייב מסאסוב
זצללה"ה גלייך מיט דעם רבין ר' ארי' לייב משפאלע וועלכער ער
איז בעוואוסט מיט דעם נאמען דער שפאלער זיידע זיי זענען געוועזען ביידע
חברים ווי דער שפאלער זיידע האט דער הערט אז דער יוד הקדוש איז
מפורסים געווארען פאר א איש מופת האט ער ביי זיך געטראכט אפשר
איז ער משמש מיט שמות הקדושים האט ער זיך מיישב געוועזען ער וועט
פאהרען קיין פרשיסחא און ער וועט זעהן וואס ער טוהט ער האט אזוי
געטוהן און ער איז געפאהרען קיין פרשיסחא. ביי דעם יוד הקדוש איז
שטענדיג געוועזען זייער פיעל מענשען עס פלעגען מענשעןווארטען צוויי
דריי טעג ביז זיי האבען געקענט צו קומען און דער יוד הקדוש פלעגט
צו זיצען ביי זיך און שטיבעל סגר ומסוגר און צייטענווייז פלעגט ער אריין
צו לאזען מענשען צו זיך ווי דער שפאלער זיידע איז צו געקומען צו
דער

דער טיהר האָט ער אָהן געקלאַפּט און דער טיהר מען זאָל איהם אַריין לאָזען דער משמש איז אויף איהם שטאַרק און כעס געוואָרען ווי אַזוי ער שטעלט זיך אונטער אַריין צו געהן צום רבי'ן אָהן רשות און ער האָט איהם געוואָלט אַוועק ווארפען פון דער טיהר דער שפּאָלער זיידע האָט געשריגען יצחק ברידער עפין אויף די טיהר ווען ניט וועל איך די טיהר צו ברעכען ער האָט זיך געטראַכט אַז ער זיצט פערשלאָסען מי יודע וואָס ער טיהט דאָרט ווי דער יוד הקדוש האָט דער הערט דעם שפּאָלער זיידענס קול האָט ער געזאָגט צום משמש עפין אויף די טהיר דער משמש האָט גיעפענט די טיהר דער שפּאָלער זיידע איז אַריין געקומען און ער איז גלייך צו געגאַנגען צום טיש קעסטעל אונ ער האָט עס גיעפענט ווייל ער האָט געמיינט אפשר ליגט דאָרט קמיעות ווי ער האָט געזעהן אַז עס ליגט דאָרט גאָר ניט האָט ער איהם געפרעגט זאָגט מיר פאַר וואָס זיצט איהר פערשלאָסען און אַזוי פיעל מענשען שטייען אַרום אייער שטיב? האָט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט איך וועל אייך דער ציילען פון וואַנען דאָס נעמט זיך איך בין אַמאָהל געוועזען אינטער וועגענס שבת און איך בין איינגעשטאַנען און אַ אַכסניא נאָך שבת האָב איך געוואָלט בעצאָלען פאַר דעם עסען האָט דער בעה"ב ביי מיר ניט געוואָלט נעמען האָב איך איהם געפרעגט וואָס זאָל איך אייך בעצאָהלען פאַר אייער גוטס האָט מיר דער בעל הבית געענטפערט אַז ער וויל אַז איך זאָל איהם בענטשען. איך האָב מיך מיט זיי געזעגענט און איך האָב זיך אַרויף געזעצט אויף דער בויד פלוצלינג האָב איך דער הערט אַ קול דער רבי האָט זיך פערגעסען צו געזעגענען מיט אונזער טאָכטער בין איך אַביסעל בייז געוואָרען ווייל איהר קענט מיך אַז איך בין אַשווערער מענש איידער איך בין אַרויף געגאַנגען אויף דער בויר זאָל איך יעצט אַראָב געהן פון דער בויד און זיך געזעגענען מיט זייער טאָכטער און איך האָב געזאָגט צו איז אייער טאָכטער שוואַך צו מיר אַרויס צו קומען זיך געזעגענען זאָל זי אַרויס קומען צו מיר און זי איז תיכף אַרויס געקומען צו מיר און איך האָב ניט געוויסט אַז זי איז שוין געלעגען עליף יאָהר קראַנק אין בעט און בשעת איך האָב געזאָגט די ווערטער איז זי געזונד געוואָרען און עס איז תיכף געוואָרען אַ רעש אויף דער וועלט און פון דאַמאָלס אָהן האַלט מען מיך פאַר אַ איש מופת און מענשען פאָהרען צו מיר און מען טרעדט מיך נישט אָב מען לאָזט מיך ניט דאָס שפּייעכטץ פון מויל אַראָב שלינגען און ווייל איך בין אַ שוואַכער מענש איך מוז זיך אויסרוהען און איך בין אַ ווייכהאַרציגער מענש איך קען קיין מענשען ניט אַרויס טרייבען

טרייבען פון מיר אלזא מיז איך זיין פערשלאָסען נאָ וואס קען איך טוהן:

**דעם** יוד הקדושים קינדער זענען אַ מאָהל גיוועזען אין לעמבערג אָהן פּעסער און זיי האבען דארט בעדארפען שבת האַלטען איך זיי האבען שטארק מורא גיהאט פּלוצלונג ביי נאכט איז אַ גביר פון לעמבערג געקומען צו זייער אכסניא אין ער האט אהן געקלאפּט אין ער האט גיבעטען זייער משמש אַז ער זאָל איהם אריין לאָזען ער האט זיך געמעלדען ווער ער איז אַז ער איז דער גביר... און ער איז געקומען בייהעלפיג זיין דעם יוד קדושים קינדער דער משמש האט איהם אריין געלאָזט אין ער האט זיי גיבעטען אַז זיי זאָלען ביי איהם זיין שבת ער נעמט זיי אויף זיין פעראנטוואָרטליכקייט און ער וועט זיי געבען וואס זיי וועלען נאר דארפען. זיי האבען איהם גיפרעגט פון וואנען ער האט געוויסט אַז זיי זענען דאָ אין לעמבערג האט ער זיי דערציילט אַז ער איז אַ מאָהל געוועזען אַ מלמד אין אַ דאָרף לעבען לובלין אין ער פלעגט צו פאָהרען צום רבי׳ן פון לובלין אַ מאָהל איז ער גיוועזען אין לובלין איז דאמאלס גיוועזען ר׳ פּישעלע ביי דעם רבי׳ן פון לובלין און ער האט גירעדט שלעכטס אויף דעם יוד הקדוש דער מלמד האט זיך בעהאלטען אינטער דער קליידער שאפע און ער האט אלעס גיהערט און ער האט שוין ניט גיקענט איבער טראָגען איז ער אפּער גיגאנגען פון אינטער דער שאפע און דער רבי פון לובלין האט אָבגעלייגט די תפילין דרש״י און ער האט גילייגט די תפילין דר״ת און דער מלמד האט גענומען דעם רבינ׳ס תפילין און דער האנד אריין און ער האט גיזאָגט אַז עס איז שקר חאטש ער האט ניט גיקענט דעם יוד הקדוש נאר זיין הארץ האט איהם געזאָגט אַז עס איז שקר און ר׳ פּישעלע איז תיכף אנטשלאָפען גיוואָרען און דער רבי פון לובלין האט געזאָגט צום מלמד יישר כח וואס ד׳ האסט אַזוי געטוהן אין עטליכע מינוט האט מען דערהערט אַז דער יוד הקדוש קומט אָהן קיין לובלין דער מלמד איז איהם אַ קעגען געגאנגען און ער האט איהם דערצעהלט וואס ער האט דאָ געטוהן דער יוד הקדוש איז שטארק דער פרייד געוואָרען און ער האט איהם גיבענשט מיט עשורות כל ימי חיוו און ער איז פון דאמאלס אָהן אַ גרויסער עושר אין יעצט איז דער יוד הקדוש צו איהם געקומען בחלום און ער האט צו איהם געזאָגט מיינע קינדער זענען בצער און די שווייגסט ע״כ איז ער געקומען זיי בעטען אויף שבת זי זיך זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן:

**דער** רבי פון קאצק זכותו יגן עלינו ווען ער איז געוועזען אַ יונגעל ביי זיינע עלטערען און גורי׳ האט ער גערעדט גאט בצנעה עס זאָל

קיינער

קיינער ניִשט זעהן דער רבי פון לובלין האָט אָבער פון איהם געוואוסט מיט זיין הייליגען רוח הקודש. האָט ער געזאָגט צו אַ מלמד פון גוריי וואָס ער איז געוועזען ביי דעם רבין די זאָלסט וויסען אַז אין דיין שטאָדט געפינט זיך אַ ניצוץ קדוש די זאָלסט זעהן ווער דאָס איז און די זאָלסט איהם ברענגען צו מיר דער מלמד האָט זיך גוט צו געקוקט אויף אַלע מענשען פון שטאָדט ער האָט אָבער ניט געפינען קיין מענש וואָס דער רבי זאָל מיינען אויף איהם ער האָט זיך מיישב געוועזען ער וועט נעכטיגען און בית המדרש אפשר וועט ער געפינען דעם מענש וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט. דער מלמד האָט גענעכטיגט און בית המדרש נאָך האַלבע נאַכט איז אַריין געקומען דער בחור מענדיל (דער קאָצקער רבי) איינער אַליין אין בית המדרש אַריין און ער האָט זיך גענומען אַ גמרא און ער האָט געלערענט מיט גרויס התלהבות אַז דער מלמד האָט פערשטאַנען אַז דעם בחור מיינט דער רבי ער האָט אָבער געטראַכט אפשר איז עס נאָר אַ מקרה אַז נאָר היינט ביי נאַכט איז ער געקומען אין בית המדרש אַריין. האָט ער זיך מיישב געוועזען און ער האָט נאָך עטליכע נעכט גענעכטיגט אין בית המדרש ער האָט געזעהן אַז דער אייגענער בחור איז ווייטער אַריין געקומען און האָט געלערענט מיט גרויס התלהבות האָט ער שוין געוואוסט אַז דער רבי מיינט זיכער דעם בחור האָט דער מלמד געגעבען אַהיים האָט דער בחור דערהערט אַז עס איז עמיצער דאָ און בית המדרש איז ער צו געגאַנגען צום מלמד און ער האָט אָנגעהויבען מאַכען פון איהם לצנות כדי דער מלמד זאָל איהם ניִשט מרגיש זיין וואָס ער איז. דער דער מלמד האָט איהם אָבער געזאָגט איך ווייס אַז די מאַכסט עקסטרי לצנות כדי איך זאָל ניט בעמערקען ווער די ביזט עס וועט דיר אָבער גאָר ניט העלפען די זאָלסט וויסען אַז איך ווייס אַלעס און דער רבי פון לובלין האָט מיך געהייסען אַז איך זאָל דיך צו איהם ברענגען דער בחור איז מיט דעם מלמד גלייך געפאָרען קיין לובלין איידער דער בחור איז אַריין געגאַנגען צום רבין האָט ער זיך געקויפט אַמעסערל אַזוי ווי ער איז אַריין געקומען צים רבין האָט איהם דער רבי געפרעגט די ביזט געקומען דיר קויפען אַ מעסערעל האָט איהם דער בחור געענטפערט איך בין ניט געקומען זעהן קיין רוח הקודש און ניט מיט קיין רוח הקודש וועט איהר מיך נעמען דעם בחורים פאָטער איז תיכף געקומען קיין לובלין און האָט געשריגען אויף איהם פאַר וואָס ער פערלאָזט זיינע עלטערינס דרך און ער איז געוואָרען אַחסיד האָט ער איהם געענטפערט עם שטעהט צום ערשטען און דער תורה „זה

אלי

אלי ואנוהו" דאס איז דער טייטש דאסאיז מיין גאט איך וועל איהם בעשיינען דאס מיינט מען מיין גאט איך דארף דינען גאט מיט מיין דרך אזוי ווי מיר געפעלט און נאך דעם שטעדט הערשט „אלהי אבי וארוממנהו". ער איז אבער ניט לאנג געוועזען אין לובלין ביי דעם לעצטען מאהל פון זיין זיין און לובלין האט ער געגעבען א קוויטעל דעם רביין. דער רבי האט איהם געענפערט דיין וועג איז מרה שחורה פערלאז דיין דרך ער געפעלט מיר ניט ער איז ארויס געגאנגען פון רבין טרויריג און ער האט זיך תיכף געשמארקט און ער האט ביי זיך געטראכט דעם רבין געפעלט ניט מיין דרך מיר געפעלט ער אבער. און ער האט זיך מיישב געוועזען אז ער זאל פאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש און ער איז דער וויל געגאנגען אין בית המדרש אריין ווי ער איז אין בית המדרש אריין געקומען און ער האט געזעהן ווי א יונגער מאן דרעהט זיך ארום אין טראכט צו פאהרען קיין פרשיסחא ער איז צו געגאנגען צום יונגען מאן און ער האט איהם געפרעגט וואס טראכסט די? האט איהם דער יונגער מאן געענפערט וואס איז דיין עסק וואס איך טראכט האט ער איהם געענפערט איך וויים וואס די טראכסט די ווילסט פאהרען קיין פרשיסחא איך וויל אויך פאהרען. האט שוין דער יונגער מאן געזעהן אז ער ווייסט וואס ער טראכט האט איהם דער יונגער מאן געענפערט וואס זאל איך אבער טוהן איך בין דעם רבינ'ס א קרוב און אז איך וועל זיך געזעגענען מיט דעם רביין וועט ער מיך פרעגען ווי איך פאהר וועט ער דאך האבען א הקפדה אויף מיר אז איך וועל איהם זאגען אז איך פאהר קיין פרשיסחא און לייקענען קען איך דאך ניט ווייל דער רבי איז דאך א יודע מחשבות האט ער איהם געענפערט מיין דעה איז אז מיר זאלען אוועק פאהרען און מיר זאלען זיך נישט געזעגען זיי האבען אזוי געטוהן און זיי זענען געפאהרען קיין פרשיסחא און אויף דעם וועג איז דער קאצקער רבי שלאף געווארען אזוי ווי זיי זענען געקומען קיין פרשיסחא איז דער יונגער מאן געלאפען צום יוד הקדוש אז ער זאל אויף זיין חבר מתפלל זיין האט דער יוד הקדוש געזאגט ער איז זיכער אוועק געפאהרען פון לובלין ניט געזעגענט געה און זאג איהם אז ער זאל אויף זיך געמען אז ווען ער וועט געזונד ווערען זאל ער פאהרען קיין לובלין וועט ער געזונד ווערען ווי דער קאצקער רבי האט דאס דער הערט האט ער געזאגט איך האב ניט קיין חרטה וואס איך בין אוועק געפאהרען פון לובלין האט דער יוד הקדוש געזאגט אז ער

איז

איז בײַ זיך אַזאַ תקיף װעט ער אַזױ גזױנד װערען און ער איז תיכף געזונד געװאָרען:

דער יוד הקדוש האָט און יוגענד געװאָהנט אין אפּטא ער איז געװעזען אַ שענקערס אַ אײדעם דער עיקר פּיהרער פון דער שענק איז געװעזען זײַן שװיגער גאָלדעלע די שענק איז גערופען געװאָרען אױף איהר נאָמען און זי האָט איהם געהאַלטען בײַ זיך עטליכע יאָהר און ער איז געזעסען אין געלערענט ער איז געװעזען מפורסם אין שטאָדט פאַר אַ גרױסען גאון אָבער פאַר אַ חסיד האָט מען איהם ניט געהאַלטען. אין אַפּטא איז געװעזען פיעל גרױסע חסידים דעם רבין פון לובלין'ס חסידים און דעם קאָזניצער מגיד'ס חסידים אין אַפּטאָ אַלײן האָט געװאָהנט דער רבי ר' אברהם יהושיע העשיל זצ"ל װאָס בסוף ימיו האָט ער געװאָהנט אין מעזיבוז און װײַל דער יוד הקדוש איז בײַ זײַ געװעזען חשוב װײַל ער איז געװעזען אַ גרױסער גאון האָבען זײַ איהם מפציר געװעזען אַז ער זאָל זיך פיהרען בדרך החסידות און ער זאָל פאָהרען צו װעלכען רבין און ער האָט זײַ ניט געװאָלט פאָלגען אױך האָבען זײַ איהם חושד געװעזען אַז ער געהט ניט אין מקוה אַרײַן װײַל דיא מקוה איז געװעזען זײַער טיעף עס איז געװעזען אַראָב צו געהן אין דער מקוה אַרײַן בײַנציג טרעפּ און מען האָט זי בשום אופן ניט געקענט דערװאַרימען דאָס װאַסער איז געװע[זע]ן פערפרױרען אַז די חסידים האָבען געװאָלט געהן אין מקוה אַרײַן האָבען זײַ זיך צו זאַמען גענומען חסידים און מען האָט פריער אָהן געלײגט אַ פײַער און אַזױ װי זענען אַרױס געגאַנגען פון דער מקוה האָבען זײַ זיך געװאַרימט בײַ דעם פײַער אײַן מענש אַלײן האָט בשום אופן ניט געקענט געהן און מקוה אַרײַן און װײַל ער איז קײנמאָהל ניט געגאַנגען מיט זײַ אין מקוה אַרײַן איבער דעם האָבען זײַ גערעכענט אַז ער געהט ניט אין מקוה אַרײַן אָבער זײַ האָבען ניט גוט גערעכענט. דער יוד הקדוש איז אַלע טאָג געגאַנגען אַלײן מיט מסירות נפש אין מקוה אַרײַן און ער פלעגט יעדער האַלבער נאַכט געהן אַלײן אין מקוה אַרײַן און ער האָט זיך טובל געװעזען און ער האָט זיך געלײגט אין בעט אַרײַן ער זאָל זיך אַביסעל דער װאַרימען און פאַר טאָג איז ער געגאַנגען אין בית המדרש אַרײַן מען האָט איהם דערקענט אַז ער האָט זיך ערשט אױף געהױבען איבער דעם האָבען זײַ געװיסט אױף זיכער אַז ער געהט ניט אין מקוה אַרײַן און אױך האָבען זײַ איהם קײן מאָהל ניט געזעהן עוסק זײַן בחכמת הקבלה װײַל קבלה האָט ער געלערענט בײַ נאַכט אין דער הײם און זײַ האָבען

האָבען איהם ניט געזעהן דאווענען בציבור ווייל ער פלעגט דאווענען ביי זיך אין דער היים און שפּעטער ווי דער זמן תפלה איז. ווייל ער איז געוועזען דער ערשטער פון די צדיקים וואָס האָבען מאחר געוועהן דעם זמן תפלה צו ליעב דעם האָט ער געדאַוונט אין דעם היים ביי זיין שווער איז געוועזען אויף דעם בוירעם היי און ער האָט זיך אויסגערייניגט אַוועקגעלעגט אויף דעם בוירעם און ער פלעגט דאָרט דאַווענען מיט גרויס התלהבות און עס האָט קיינער פון דעם ניט געוויסט נאָר זיין ווייב האָט ער פון דעם דערצעהלט בסוד אַז זי זאָל וויסען אויב ער וועט ניט אַהיים קומען צו דער בעשטימטע צייט זאָל זי איהם זוכען אויף דעם בוירים ווייל ער פלעגט פיעל מאָהל פער חלי׳שט ווערן נאָך דעם דאַווענען זאָל זי איהם קומען ראַטעווען פיהל מאָהל איז טאַקי אַזוי געוועזען אַז זי איז אַרויף געקומען האָט זי איהם געטראָפען ליגען פאַר חליש׳ט און מיט גרויס מוה פלעגט זי איהם דער מינטערען.

אמאָהל איז דורך זיין שווערס הויז אַדורך געגאַנגען דער צדיק ר׳ אברהם יהושע העשיל זצל״ה און ער האָט דערשפּירט אַגוטען ריח אַז ער האָט ניט געקענט אַוועק געהן פון דאָרט אין ער האָט געהייסען זיין משמש אַז ער זאָל אַריין געהן אין שטיב אַריין ער זאָל זעהן אפשר איז וועלכער אוה״ה הגון דאָ אָהנגעקומען דער משמש האָט געזוכט אין האָט קיינעם ניט געפינען דער צדיק איז אַהיים געגאַנגען און ער האָט ניט געוויסט פון וועמין דער גוטער ריח איז. אויף דעם צווייטען טאָג איז ער צדיק ווייטער אַדורך געגאַנגען דורך דעם הויז און האָט ווייטער מרגיש געוועזען אַ קדושה פון דעם הויז און האָט ווייטער געשיקט אַריין זיין משמש זעהן ווער דאָ איז דאָ. דער משמש האָט ווייטער קיינעם ניט געטראָפען און אויף דעם יוד הקדוש איז איהם ניט איינגעפאַלען ווייל מען האָט איהם געהאַלטען פאַר אַ מתנגד אוף דעם דריטען טאָג איז דער צדיק ר׳ אברהם יהושע העשיל אַליין אריין געגאַנגען זיך אום קוקען ווער דאָרט איז היתכן ער זאָל זיך אַזוי קענען בעהאַלטען אַז ער זאָל פון איהם ניט וויסען און דער יוד הקדוש איז דאַמאָלס געוועזען אויף דעם בוידעם אַזוי ווי זיין שטייגער איז געוועזען און ער האָט מרגיש געוועזען אַז דער צדיק זוכט איהם און ער וועט איהם זיכער געפינען וועט ער דאָך איהם מגלה זיין פאַר יעדען איינעם אין ער האָט אָבער געוואָלט אַז עס זאָל קיינער ניט וויסען איז ער אַראָב געגאַנגען פון בוידעם און צו געגאַנגען צום צדיק ר׳ אברהם יהושע העשיל און ער האָט איהם געבעטען

געבעטען אז ער זאל איהם ניט מפרסם זיין און דער צדיק איז אַוועק געגאנגען אַ היים און ער האָט עס פאַר קיינעם ניט דערציילט און ער האָט ניט געוויזען דעם יוד הקדוש קיין שום התקרבות און ער האָט זיך ווייטער געטוהן זיינס און עס האָט קיינער פון איהם ניט געוויסט:

נאָר איין חבר האָט ער געהאַט אין אָסטראָוצי צווי מאָהל וויים פון אַפּטאָ וואָס ער איז אויך געוועזען אַ גדול בתורה ובחסידות ער איז געפאָהרען להסבא קדישא צו דעם צדיק ר׳ מרדכי זצ״ל מנישכיז פאַר זיין חבר פלעגט ער אויס זאָגען זיינע אַלע סודות איין מאָהל און דער וואָך פלעגט איינער צום צווייטען געהן, אַ מאָהל איז דער יוד הקדוש געגאַנגען צו זיין חבר און אַ מאָהל איז דער חבר געגאַנגען צום יוד הקדוש און זיי פלעגען זיך אַ דורך שמועסען אַלע חדושים וואָס זיי האָבען מחדש געוועזען און דער וואָך הן בנגלה והן בנסתר. זיי האָבען זיך אַזוי געפיהרט אַ לאַנגע צייט אַ מאָהל איז דער יוד הקדוש געקומען צו זיין חבר ניט און זייער אויסגעזעצטע צייט ווי דער חבר האָט איהם דערזעהן האָט ער זיך זייער דערשראָקען און ער האָט איהם געפרעגט וואָס איז די סיבה וואָס ער איז געקומען ניט אין דער צייט. האָט איהם דער יוד הקדוש געענטפערט אַז בשעת ער האָט עוסק געוועזען און אַ ענין בדרך נסתר האָט ער מסיק געוועזען אַז פון הימעל וויל מען ניט צו נעמען דעם צדיק פון דעם עולם ווייל עס איז גלייכער אַז ער זאָל נאָך זיין אויף דעם עולם און ער זאָל נאָך מוסיף זיין תורה ועבודה. נאָר אַז מען דאַרף דעם צדיק אויף יענעם עולם ווייזט מען איהם אַ גרויסע מדרגה אַז עס דאַכט זיך דעם צדיק ער וועט ניט קענען משיג זיין די מדרגה אויף דעם עולם און ווייל ער האָט שטאַרק חשק משיג צו זיין די מדרגה בעט ער ביי השי״ת אַז ער זאָל איהם צו נעמען פון דעם עולם כדי ער זאָל קענען קומען צו דער מדרגה א״כ דאַכט זיך איהם אַז ער האָלט שוין ביי דער מדרגה אַז ער זאָל שוין בעטען ביי השי״ת אַז ער זאָל איהם צו נעמען פון דעם עולם און אפשר קען זיין אַז ער האָט אַ טעות. ע״כ וויל ער פאָהרען צו אַ צדיק הדור אַז ער זאָל איהם דערלייכטען זיינע אויגען האָט איהם זיין חבר געענטפערט הער מיך אויס וואָס איך וועל דיר זאָגען הגם איך פאָהר קיין נעשכיז נאָר צו דער זאַך וועט גיכער זיין מסוגל דער רבי פון לובלין ער זאָל דיר דערלייכטערין דיינע אויגען און ער זאָל דיר ווייזען דעם אמת׳דיגען וועג דער יוד אקדוש האָט אויסגעהערט זיין חברים רייד און ער איז זיך גלייך געגאַנגען קיין אַפּטאָ און דער פריה איז דער יוד הקדוש געקומען אין בית המדרש אַריין

און

און ער האט גיפרעגט ביי די חסידים וואס זיי פאהרען קיין לובלין צו עס איז דא וועלכעס געלעגענהייט קיין לובלין צו עס פאהרט עמיצער פון זיי קיין לובלין ווייל ער וויל אויך פאהרען אויף שבת קיין לובלין צום רבין. ווי די חסידים האבען דאס דערהערט האבען זיי זיך שטארק דער פריידט זיי האבען שוין פיעל מאהל געבעטען אז ער זאל מיט זיי פאהרען קיין לובלין און ער האט ניט געוואלט. און יעצט וויל ער פאהרען קיין לובלין מיט זיין אייגענעם ווילען זיי האבען זיך פארגישטעלט אז אזא גאון אז ער וועט זיך פיהרען בדרך החסידות וועט ער זיין איינער פון די גרעסטע צדיקים. הגם זיי האבען ניט געוויסט פון זיין צדקות ווייל ער איז דאך ביז יעצט געוועזען זייער בעהאלטען דאך האבען זיי זיך געפריידט אז ער וועט פאהרען קיין לובלין און ער וועט זיך פיהרען בדרך החסידות:

**א שבת** פריהער איידער דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין האט דער רבי פון לובלין גיבעטען ביי השי"ת אז ער זאל איהם ווייזען ווער עס וועט זיין א ממלה מקומו און ער וועט פיהרען די עדה נאך זיין פטורה. האט מען איהם מגלה געוועזען פון הימעל דער מענש וואס זיין נאמען און זיין מוטערס נאמען איז גלייך מיט איהם דער וועט זיין א ממלה מקומו. די חסידים פון אפטא ווייל עס איז ביי זיי געוועזען זייער חשוב אז דער יוד הקדוש פאהרט קיין לובלין האבען זיי געדינגען א פיהר פער זייניט וועגען און עטליכע חסידים זענען מיט געפאהרען זיי זאלען זעהן ווי אזוי דער רבי וועט צו נעמען דעם חשובין אורח. אזוי ווי דער יוד הקדוש איז אריין בעקומען צום רבין מלובלין האט דער רבי צו איהם גיזאגט אז מען דארף געניג בעטען צו השי"ת אז ער זאל הערען זיין קול. דער יוד הקדוש האט פערשטאנען אז דאס מיינט ער איהם אז ער האט מרגיש געוועזען וואס ער טראכט דאס הייסט ער דארף נאך געניג ארבייטען ביז ער זאל קומען צו דער מדרגה און דער רבי האט זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און ער איז צו גיגאנגען צו איהם און ער האט איהם געגעבען שלום און ער האט איהם ארום גענומען מיט זיינע הייליגע הענד און ער האט איהם געהייסען זעצען לעבען איהם און ער האט איהם געזאגט יישר כחכם וואס איהר זענט צו מיר יעצט געקומען ווען איהר זאלט ניט געוועזען צו מיר יעצט קומען וואלט איך עס ניט געוועזען אויסגעהאלטען פון עגמת נפש וואס איך האב ביז יעצט בעראט. ווייל מען האט מיר מגלה געוועזען מן השמים אז דער מענש וואס ער הייסט גלייך מיט מיר ער וועט

זיין

זיין א ממלה מקומו און היינט און דער פריה איז צו מיר קומען אמענש וואס ער הייסט גליך מיט מיר און ער זעהט אויס א חסיד א צדיק אבער ער איז נאר פערשעלט און באמת איז ער ניט אזוי און ווען איך האב זיך פארגעשטעלט אז ער וועט זיין א ממלה מקומי און ער וועט פיהרען די עדה איז אויף מיר געפאלען א אימה אז איך האב שוין ניט געהאט קיין כח צו שטען אויף מיינע פיס און איך האב פון שוואכקייט ניט געקענט רוהען מיט קיין אבר פון עגמת נפש און יעצט אז איהר זענט געקומען האט איהר מיך מחיה געוועזען וויל איך זעה אז איהר זענט ראוי איהר זאלט זיין א ממלה מקומי צום בעדויערען האט זיך געמאכט א גרויס מחלוקת צווישען דעם רביין פון לובלין מיט דעם יוד הקדוש וואס מענשען האבען פיעל רכילות און לשון הרע דערצעהלט און דער בעל דבר האט גובר געווען און דאס מחלוקת האט געשאדט דעם יוד הקדוש בעונותינו הרבים איז ער נפטר געווארען נאך פאר דעם רביין פון לובלין יום ג' דחמ"מ סוכות שנת תקע"ד זי"ע ועכי"א:

און פרשיסחא האט געוואהנט דעם רבי'נס ר' ברוך פון מעזיביז א חסיד ווען ער פלעגט צו פאהרען קיין מעזיביז איז ער פריהער אריין געגאנגען צום יוד הקדוש זיך געזעגענען איינמאהל איז ער אריין געגאנגען צום יוד הקדוש זיך געזעגענען האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט די זאלסט איבער געבען א גרוס פאר מיינעט וועגען דעם רביין ר' ברוך און די זאלסט איהם זאגען א סימן אז די תורה האט ער מחדש געווען... דער חסיד האט אזוי געטוהן ווי דער רבי ר' ברוך האט דערהערט די תורה האט ער זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און ער האט געזאגט מיט גרויס התלהבות מלאכים און שרפים ווייסען נאך ניט פון דער תורה דען איך האב נאר די תורה מחדש געוועזען און מיין געדאנק און איך האב זי נאך ניט מיט מיין מויל געזאגט און דער קדוש מפרשיסחא ווייסט זי שוין פון דאמאלסט אהן איז ער איהם געוועזען זייער פון זיינע גוטע פריינד זי"ע:

דאס איז דאך ידוע דער גאנצער וועלט פון דער גרויסער התונה וואס עס איז געוועזען און אוסטילא און דער צדיק ממעזביז איז אויף געוועזען אויף דער חתונה (דאס איז שוין געוועזען נאך דעם יוד הקדוש'ס פטורה) און דאמאלס איז געוועזען א גרויסע א סיפה פון אלע גרעסטע וועלט רביים וועגען דעם רביין ר' בינם וואס מענשען האבען אויף איהם געזאגט אז ער פיהרט זיך ח"ו נגד התורה און מען האט גובה עדות געוועזען. וועגען דעם האט דער רבי ר' ירחמיאל דער יוד הקדוש'ס זוהן עדות געזאגט

געזאָגט פאַר די רבי׳ס אַז ווען ער איז געווען אַ קליין יונגעל איז דער רבי ר׳ בונם געווען מיט דעם יוד הקדוש אין אַ בעזונדער חדר און ער איז אויך ביי דעם געווען און דער יוד הקדוש האָט געשמיעסט מיט דעם רבין ר׳ בינם וועלכעס עס האָט איהם אויסגעוויזען אַז זיי ריידען פון פראָסטע וועלטליכע זאַכען. נאָך דעם ווי דער רבי ר׳ בינם איז אַרויס געגאַנגען האָט דער יוד הקדוש צו איהם גיזאָגט מיין קינד די ווייסט וואָס מיר האָבען געשמיעסט מיר האָבען גירייד פון אַלעס וואָס עס געפינט זיך פון דעם תהום ביז אינטער דער כסא הכבוד. און מיט דעם האָט דער רבי ר׳ ירחמיאל מציל גיוועזען דעם רבין ר׳ בינם אַז די רבי׳ס זאָלען איהם גאָהר ניט טוהן זי״ע:

אַמאָהל האָט דער יוד הקדוש געזאָגט צום רבין ר׳ בינם אַז ער זאָל פאָהרען אין וועג אַריין און ער האָט איהם ניט געזאָגט ווי אַהין און נאָך וואָס. דער רבי ר׳ בינם האָט ניט גיפרעגט דעם יוד הקדוש ווי ער זאָל פאָהרען נאָר ער האָט גלייך געדינגען אַפיהר און ער האָט מיט זיך גענימען עטליכע חסידים און זיי זענען געפאָהרען. זיי זענען געקומען אין אַדאָרף אריין און זיי האָבען זיך געהייסען געבען עסין דער בעל הבית האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין מילעכדיג עסין נאָר פלייש זיי האָבען אָהן געהויבען חוקר ודורש זיין ווער דער שוחט איז געווען און צי די בהמה איז געווען גלאַט כשר אָהן אַסירכאָ און צי מען האָט דאָס פלייש געזאַלצען אזוי ווי עס גיהערט צו זיין. האָט זיך צו זיי אָהן געריפען אמענש פין אינטער דעם אויבען ער איז געגאַנגען קריעה ובלי׳ אַזוי ווי אַ אָרימאַן. חסידים חסידים! דאָס וואָס איהר לעגט אַריין אין מויל זענט איהר חוקר ודורש צי עס איז כשר אָבער דאָס וואָס איהר לאָזט ארויס פין אייער מויל דאָס הייסט דאָס וואָס איהר ריידט קלעהרט איהר גאָר ניט צי עס איז כשר צי ניט ווי דער רבי ר׳ בינם האָט דאָס דערהערט האָט ער פאַרשטאַנען אַז צוליעב דעם האָט איהם דער רבי געהייסען פאָהרען און ער איז תיכף צוריק געפאָהרען און דער אורח איז געוועזען אליהו הנביא זכור לטוב:

דער יוד הקדוש האָט אַמאָהל דערצעהלט פאַר זיינע חסידים אַז אַחסיד איז נפטר געוואָרען און ער איז געקומען פאַר דעם ב״ד של מעלה און ער האָט געהאַט פיעל מליצים וועלכעס זיי האָבען אויף איהם מלמד זכות געוועזען און מען האָט איהם געוואָלט מזכה זיין דער ווייל איז צו געקומען אַמלאך און ער האָט אויף איהם מלמד חוב געוועזען אַז ער האָט אַ עבירה געטוהן מען האָט דעם חסיד גיפרעגט פאַר וואָס ער האָט די אַ עבירה

עבירה געטוהן האט ער גיענטפערט אז ער איז אין דער עבירה ניט שולדיג דאס זיין ווייב האט איהם געצווינגען צו דער עבירה ווי דער מלאך האט דערהערט דעם חסיד'ס ענטפער האט ער אהנגעהויבען שטארק צו לאכען און ער האט געזאגט וואס איז דאס פאר אתירוץ ער האט ניט בעדארפען צו פאלגען זיין ווייב. דאס ב"ד של מעלה האט דעם חסיד געגעבען זיין פסק פאר דער עבירה און דער מלאך וואס ער האט געלאכט פון דעם חסיד האט דאס ב"ד של מעלה גפסקנת אז ער זאל אראב געהן אויף דעם עולם ער זאל מגולגל ווערען אין אמענש און ער זאל נעמען אווייב וואס זי זאל איהם זיין א כנגד און מען וועט זעהן ווי אזוי ער וועט זיך פיהרען. די חסידים האבען תופס געוועזען אז ער מיינט דאס זיך ווייל זיין ווייב האט איהם תמיד מצער געוועזען זי"ע ועכי"א:

דער רבי ר' חנוך מאלעקסאנדער זצ"ל איז א חתן געווארען פון פרשיסחא פאר די תנאים האט דער מחותן געבעטען דעם יוד הקדוש אז ער זאל פרובען דעם חתן דער יוד הקדוש האט איהם געפרובט און ער האט איהם גיפרעגט א קשיא און דער חתן האט תיכף ניט געוויסט די קשיא צו פער ענטפערין. ער האט אביסעל גיקלעהרט און ער האט גיענטפערט דעם תירוץ האט דער יוד הקדוש צו איהם געזאגט ווען איך בין אזוי אלט געוועזען ווי די האב איך א גרעסרע זאך שוין געזאגט און ווען איך בין אלט געווארען אכצעהן יאהר בין איך שוין געוועזען אגדול בתורה וואס איך האב געזעהן אז פון דעם לערנען אליין קען קיין מענש ניט קומען צו דעם אמת'דיגען תכלית האב איך ביי זיך געטראכט ביי אברהם אבינו שטעהט אז ער האט חוקר געוועזען אין דער לבנה און די מזלות און ער האט געזעהן אז עס איז אין זיי ניט דא קיין מענש זא ווי עס איז דא אמושל און הימעל וואס ער איז א מושל און א מנהיג אוף דער גאנצער וועלט און פון דעם איז ער געקומען צו דעם אמת'דיגען תכלית איך בין אויך ארום געגאנגען מיט דער מחשבה דריי חדשים ביז איך בין געוואהר געווארען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט און מחמת דעם פחד וואס איך האב געהאט דאמאלס ווען איך בין שוין געוואהר געווארען אז עס איז דא א גאט אוף דער וועלט און בשעת איך האב געזאגט דעם פסוק שמע ישראל איז פאר גרויס פחד מיר ארויס געפאלען אלע צעהן און ער האט איהם געוויזען אז ער האט ניט קיין איין צאהן אין מויל:

אין דעם רבין פון לובלין'ס צייטען איז געוועזען א רב אין לובלין הגאון ר' עזריאל הארוויץ מען האט איהם גערופען דער אייזערינער קאפ ווייל

ווייל ער איז געוועזען זייער א גרויסער גאון און ער איז געוועזען א מתנגד אויף דעם דרך חחסידות א מאהל האט זיך געמאכט א שאלה ביי דעם רבי'ן און היות דער רב איז ניט געוועזען אין דער היים האט דער רבי געהייסען זיין תלמיד ר' ישעי' מפשעדבורז אז ער זאל פסקנען די שאלה ווייל ער איז געוועזען בעוויסט פאר א גרויסער למדן און ר' ישעי' האט כשר געמאכט די שאלה ווי דער אייזערינער קאפ איז א היים געקומען און ער האט גיהערט פון דעם און ר' ישעי' האט גע'פסקנט אז עס איז כשר האט זיך דעם אייזערינער קאפ אויסגעוויזען אז די שאלה איז טרפה און ער האט געשיקט צום רבי'ן אז ער זאל איהם שיקען דעם פוסק ווייל ער וויל מיט איהם האבען א וכוח און זיך מיט איהם מפלפל זיין ווייל ער האט ניט גיט גע'פסקנט. ר' ישעי' האט מורא געהאט צו געהן ווייל ער האט מורא געהאט אז דער אייזערינער קאפ זאל איהם ניט מנצח זיין האט דער רבי מיט געשיקט מיט איהם דעם יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האט גיזאגט דעם אייזערינעם קאפ אז ער האט גע'פסקנט גיט די שאלה און ווי האבען זיך מפלפל געוועזען אז דער אייזערינער קאפ איז מיעד געווארען און ער האט זיך געמוזט צו בינדען דעם קאפ מיט א טיכעל דער וכוח האט אזוי געדויערט צוויי טעג און דער יוד הקדוש האט מנצח געוועזען און די שאלה איז געבליבען כשר און דער אייזערינער קאפ האט געבעטען דעם יוד הקדוש אז ווען ער וועט זיין אין לובלין זאל ער צו איהם אריין קומען שמועסען און לערנען זי"ע :

דער אייזערינער קאפ האט א מאהל געשיקט זיינס א מענש צום רבי'נס טיש ער זאל הערען וואס פאר א תורה דער רבי וועט זאגען ער האט גיהערט אז דער רבי וועט זיכער זאגען א טיעפען פלפול דער רבי האט גיזאגט תורה אויף דעם פסוק ואקח את אביכם מעבר הנהר די טייטש פון פסוק איז איך האב גענומען אייער פאטער אברהם פון יענער זייט טייך דער רבי האט געטייטש ואקח את אביכם. איך וועל נעמען אייער וועלער „מעבר" פון איבער פאהרען „הנהר" צו דער לייכטען. ווי דער אייזערינער קאפ האט גיהערט די תורה האט ער אויס דער תורה שטארק געלאכט און ווען דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין און ער איז א ריין געקומען צום אייזערינעם קאפ האט איהם דער אייזערינער קאפ דערצעהלט פון דעם רבי'נס תורה מיט א געלעכטער און ער האט איהם גיפרעגט היתכן איהר זאלט פאהרען צו אזא רבי'ן וואס ער ווייסט ניט קיין טייטש פון א פסוק האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט פאר וואס בין איך שולדיג אז איהר פארשטעהט

פֿערשטעהט ניט קיין פשט אין דעם רביינס תורה און ער האט איהם פֿערטייטשט די תורה דאס איז דאך ידוע אז ביי א יוד אז ער האט אין געדאנק צו טוהן א מצוה און עס האט זיך איהם געמאכט א סיבה אז ער האט די מצוה ניט גיקענט טוהן ווייל זיין מחשבה איז גיוועזען צו טוהן די מצוה איז גלייך ווי ער האט די מצוה געטוהן. און אויב א יוד האט געוואלט טוהן א עבירה און ער האט זי ניט געטוהן איז ניט גלייך ווי ער האט די עבירה געטוהן. נאך איז דער דין אז א מענש טוהט תשובה מאהבה איז די אלע עבירות וואס ער האט ביז יעצט געטוהן ווערען איהם גירעכינט פאר מצות ווי איז אבער דער דין אז א מענש האט גירעכנט צו טוהן א עבירה און ער האט זי ניט געטוהן און ער האט נאך דעם געטוהן תשובה מאהבה אז איך וועל זאגען אז א מחשבה רעה איז ניט גירעכענט גלייך ווי א מעשה קומט דאך ארויס אז ווען ער טוהט תשובה ווערט דאך פון דער מחשבה רעה ניט קיין מצוה ווייל א מחשבה רעה איז דאך ניט גלייך ווי א מעשה דאס האט געטייטשט דער רבי „ואקח את אביכם” איך וועל נעמען אייער וועלער "מעבר” פון איבער פאהרען דאס הייסט איך וועל נעמען אייערע מחשבות וואס איהר האט געטראכט צו טוהן א עבירה „הנהר” צו דער לייכטען אז איהר וועט טוהן תשובה וועלען אייערע שלעכטע מחשבות אויך ווערען גירעכענט פאר מצות חאטשי אזוי ווערד קיין שלעכטע מחשבה ניט גירעכענט פאר א מעשה אבער דאמאלס ווען איהר וועט טוהן תשובה וואס פון די עבירות ווערד מצות דאמאלסט ווערען די שלעכטע מחשבות גירעכענט פאר מעשים כדי עס זאל פון זיי ווערען מצות:

דער יוד הקדוש האט א מאהל געזעהן מיט זיין רוח הקודש אז דער קאזיניצער מגיד איז שלאף עס האלט ביי סכנות נפשות האט ער געהייסען זיינע צוויי חסידים איינער האט גיהייסען ר' שמואל יעדליניסקער און דער צווייטער האט געהייסען ר' שמואל סקשינער אז זיי זאלען תיכף פאהרען קיין קאזיניץ אויף שבת און אויב זיי וועלען איהם נאך טרעפען לעבעגדיג זאלען זיי מקבל שבת זיין ביי איהם ווייל זיי זענען גיוועזען גרויסע בעלי מנגנים און זיי וועלען קענען מיט זייער נגונים איהם דער האלטען אויף דעם עולם די צוויי חסידים האבען אזוי געטוהן און זיי זענען תיכף געפאהרען קיין קאזיניץ און זיי האבען געטראפען דעם מגיד נאך לעבעדיג און ער האט זיי גיפרעגט פון וואנען זיי זענען האבען זיי איהם גיענטפערט אז דער יוד הקדוש האט זיי א הער געשיקט און ר' שמואל יעדליניסקער האט געזאגט דעם מגיד אז ער קען זינגען און דער מגיד האט

האָט איהם מכבד געוועזען אַז ער זאָל מקבל שבת זיין און ר׳ שמואל סקשינער האָט איהם צו געהאָלפען און אַזוי ווי דער מגיד האָט געהערט זינגען איז איהם תיכף בעסער געוואָרען און ער האָט ביי זיך געשפּירט אַז דאָס זינגען איז פאַר איהם אַ רפואה בדיקה און ער איז געזונד געוואָרען. און דער מגיד האָט געזאָגט אַז דער יוד הקדוש האָט געזעהן אז ער איז שוין געוועזען אין אַלע עולמות נאָר אין עולם הניגון איז ער נאָך ניט געוועזען האָט ער איהם געשיקט די צוויי בעלי מנגנים אַז זיי זאָלען מיך מיט זייערע נגינים דערהאַלטען אויף דעם עולם דאָס הייסט אַזוי ווי אויבען שטעהט אַז דער צדיק זעהט אַ מדרגה וואָס ער קען צו איהר ניט צו קומען אויף דעם עולם בעט ער ביי השי״ת אַז ער זאָל איהם אַ רויף געמען אויף יענעם עולם כדי ער זאָל קענען משיג זיין די מדרגה און דער מגיד איז ניט געוועזען בעולם הניגון וואָלט ער בעדאַרפען נפטר ווערען כדי ער זאָל קאָנען אַריין קומען בעולם הניגון האָט ער איהם געשיקט זיינע צוויי מנגנים אַז זיי זאָלען איהם אַריין פיהרען און עולם בניגון אַריין כדי ער זאָל קענען בלייבען לעבען זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש האָט געזאָגט אַז ער איז געקומען צו אַלע מדריגות דורך אַקאָוואַל וואָרים בשעת ער איז געוועזען ביי זיין שוועהר האָט דער לעבען געוואָהנט אַקאָוואַל און ווען עס איז געקומען די צייט פון שלאָפען האָט דער קאָוואַל נאָך געאַרבייט און געקלאַפּט מיט זיין האַמער האָט דער יוד הקדוש ביי זיך געטראַכט דער קאָוואַל אַרבייט דאָך נאָר אויף חיי שעה דאס הייסט נאָר פאַר דער וועלט אַרבייט ער אַזוי שפּעט ווי אַזוי קען איך זיך געהן לייגען און פערלוהרען עולם הבא האָט ער נאָך געלערענט דער קאָוואַל אַז ער האָט איהם גיהערט לערנען האָט ער ביי זיך געטראַכט עס איז נאָך פריה צו געהן שלאָפען אַז דער יונגער מאַן זיצט נאָך אין לערענט ממילא האָט דער קאָוואַל געאַרבייט ביז שפּעט אין דער נאַכט. און דער יוד הקדוש איז גיזעסען און גילערענט ביז שפּעט אין דער נאַכט אזוי איז געוועזען אין דער פריה דער קאָוואַל פלעגט אויף צו שטעהן פאַר טאָג אין זיך שטעלען אַרבייטען ווי דער יוד הקדוש האָט דערהערט דעם קאָוואַל קלאַפּען האָט ער שוין ניט געקענט שלאָפען ער האָט געזאָגט אז דער קאָוואַל הייבט זיך אויף אַזוי פריה צוליעב געלד ווי אַזוי קען איך שלאָפען און ער איז אויף געשטאַנען און ער האָט זיך געזעצט לערנען זי״ע:

עס איז אַ מאָהל געקומען אַ אשה צום קאָזעניצער מגיד זצ״ל אַז ער זאָל אויף איהר מתפלל זיין זי האָט ניט דעם שטייגער ווי אַלע פרויען

דער

דער יוד הקדוש איז דאמאלס געוועזען אין קאזיניץ האט דער מגיד זי געהייסען געהן צום יוד הקדוש ווייל ער קען איהר א טובה טוהן. די אשה איז געגאנגען צום יוד הקדוש און זי האט פאר איהם געוויינט אז ער זאל איהר א טובה טוהן האט ער איהר געענטפערט אז ער קען איהר גאר נים טוהן. זי איז צוריק געגאנגען צום מגיד און זי האט איהם דערצעהלט אז דער יוד הקדוש זאגט אז ער קען איהר גאר נים טוהן האט דער מגיד געגומען פארמיט מיט טינט און פעדער און ער האט עס געגעבען דער אשה און ער האט איהר געהייסען געהן נאך א מאהל צום יוד הקדוש און זי זאל איהם זאגען אז דער מגיד האט איהם געהייסען שרייבען א קמיע דער יוד הקדוש האט גענומען דעם פארמיט מיט דער טינט און ער האט אהנגעהויבען צו קלעהרען וואס ער זאל שרייבען איז איהם איינגעפאלען אז ער זאל שרייבען דעם פסוק „וטהרה ממקור דמי‟ דאס איז טייטש זי זאל זיך רייניגען פון קוועלען איהר בלוט ווי ער האט אבגעשריבען די צוויי ווערטער „וטהרה ממקור‟ איז די טינט אויס געגאסען געווארען און זי האט תיכף בעקומען דעם שטייגער ווי אלע פרויען און זי איז צוריק געגאנגען צום מגיד און זי האט איהם דערצעהלט ווי אזוי עס איז פארגעקומען ביי דעם יוד הקדוש האט איהר דער מגיד געזאגט אז זי האט געהאט אגליק וואס די טינט איז אויס געגאסען געווארען ווארים ווען די טינט וואלט נים אויסגעגאסען געווארען און ער וואלט געשריבען דאס דריטע ווארט „דמי‟ וואלט אין איהר נים געבליבען קיין טראפען בלוט זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש איז אמאהל געוועזען אין לובלין בעזאמען מיט ר׳ שמעון דייטש האט דער יוד הקדוש געזאגט צו ר׳ שמעון דייטש אז זיי זאלען פאהרען קיין אפטא צו ר׳ אברהם יהושע העשיל זצ״ל מאפטא זיי האבען זיך געזעגענט ביי דעם רבי׳ן פון לובלין און זיי זענען געגאנגען פון שטאדט צו שטאדט קיין אפטא זיי זענען געוועזען אין מיטען וועג האט ר׳ שמעון דייטש געזאגט צום יוד הקדוש מיר מעגען צוריק געהן ווייל איך זעה אז דער רבי איז נים דא אין דער היים האט דער יוד הקדוש געענטפערט איך זעה אז ער איז יאה דא אין דער היים. זיי זענען ווייטער געגאנגען עטליכע מייל האט ווייטער ר׳ שמעון דייטש געזאגט אז מען זאל צוריק געהן ווייל ער זעהט אז דער רבי איז נים דא אין דער היים. זיי זענען געקומען לעבען אפטא און זיי האבען געפרעגט צו דער רבי איז אין דער היים האט מען זיי געענטפערט אז דער רבי איז נים דא און דער היים. האט ר׳ שמעון דייטש געוויזען דעם יוד הקדוש אז ער האט אמת געזאגט.

דער

דער יוד הקדוש האט זיך אבער געהאלטען ביי זיינעם אז דער רבי איז דא אין דער היים זיי זענען אריין געקומען פרייטאג בייטאג קיין אפטא און זיי האבען זיך גיפרעגט צו דער רבי איז דא אין דער היים האט מען זיי גיענטפערט אז דער רבי איז ניט דא אין דער היים דא איז שוין ר' שמעון דייטש געוועזען זיכער אז ער האט אמת געזאגט דער יוד הקדוש האט זיך אבער געהאלטען ביי זיינעם אז דער רבי איז דא אין דער היים זיי זענען אריין געקומען צום רבי'ן אין שטוב אריין שוין אין מיטען טאג אין דער רבי איז טאקי ניט געוועזען אין דער היים און מען האט זיך גאר ניט גירעכט אז דער רבי זאל א היים קומען אויף שבת. פאר מנחה איז דער רבי אהנגעקומען און ער האט זיך תיכף מכין געוועזען צו מנחה אין ער האט גענימען דעם טלית אהן צו טוהן ווי ער האט זיך דערוויסט אז א זעלכע צוויי חשובע אורחים איז צו איהם געקימען אוף שבת האט ער אוועק געלעגט דעם טלית און ער איז צו זיי צי געגאנגען און ער האט זיי געגעבען שלום דאמאלס האט מען געזעהן זיין קלארען רוח הקודש זי"ע ועכי"א.

דער יוד הקדוש איידער ער איז נתגלה געווארען איז ער געוועזען אמלמד ביי אגביר אין פרשיסחא אין עס האט נאך איהם קיינער ניט גיקענט מען האט נאך קיינער נישט געוויסט פין זיין צדקות נאר די דיענסט האט איהם דער קענט אז ער איז א הייליגער מענש אין זי האט אויף איהם אכטונג געגעבען אז ער זאל האבען אלעס צי דער צייט דהיינו זי האט געזעהן אז ער זאל האבען די קאווע צי דער צייט אין דאס עסין צי דער צייט. אמאהל האט זיך די דיענסט מיישב געוועזען ווי אזוי קען זי האבען אזכי' אהן צי רורען אזא הייליגען מענש חאטשי זיינע מלבושים זי האט ניט גירעכינט ח"ו מחמת חציפות נאר זי האט גירעכינט אז דאס וועט זיין פאר איהר אזכי'. אמאהל האט זי אהנגעגאסען א פאס וואסער אין דאס פאס איז געשטאנען אין פעדער הויז האט זי דאס פאס גישטעלט אויף אזא ארט לעבין דער טיהר אין זי האט זיך גישטעלט אין דער צווייטער זייט טיהר ביינאכט אין דער פינסטער כדי אז דער יוד הקדוש וועט אדורך געהן וועט ער זי מוזען אהן רורען ווי דער יוד הקדוש איז אהן בעקומען האט ער דאס תיכף מרגיש געוועזען מיט זיין רוח הקודש אין ער האט א וועק גישטעלט דאס פאס אין ער האט עס צוגעשטעלט צי דער זייט וואס די דיענסט איז געשטאנען הגם דאס פאס איז געוועזען גרויס אין פיהעל מיט וואסער פין דאנען זעהן מיר זיין הייליגקייט אין זיין שטארקייט זיין זכות זאל אויף אינז מגין זיין:

ווען

ווען דער יוד הקדוש האט נאך געוואהנט אין פשיסחא פלעגט ער יעדער טאג געהן אין מקוה אריין אייגער אליין און דאס וואסער פון מקוה איז געוועזען זייער קאלט עס איז ניט מעגליך געוועזען צו דער ווארימען דאס וואסער. און ער פלעגט יעדען טאג צו געהן אין מקוה אריין מיט מסירות נפש. אמאהל האט זיך געמאכט אשטארקער פראסט אז עס איז ממש ניט מעגליך געוועזען צו געהן אין מקוה אריין און דער יוד הקדוש האט אויף דער קעלט ניט געקוקט און ער איז געגאנגען אין מקוה אריין. לעבען דער מקוה האט געוואהנט א בייגעל בעקערין (די בייגעל אידער מען זעצט זיי איין אין אויבין קאכט מען זיי צום ערשטען אויף אין אקעסעל) זי האט געזעהן אז דער יוד הקדוש געהט אין אזא קעלט אין מקוה אריין האט זי גענומען דאס קעסיל מיט הייס וואסער אין מקוה אריין כדי דער יוד הקדוש זאל זיך אהן ווארימען ווען ער וועט ארויס געהן פון מקוה. ווי דער יוד הקדוש איז ארויס געגאנגען פון מקוה און ער האט דערזעהן דאס קעסיל הייס וואסער האט ער זיך מחיי געוועזען און ער האט גיבענטשט די אשה אז זי זאל האבען א זוהן אז ער זאל דער לייכטען די וועלט מיט זיין צדקות זיין ברכה איז מקוים געווארען זי האט געהאט א זוהן ר׳ שמואל מדרילטש זצלה״ה:

דער צדיק ר׳ דוד מלעליב דעם יוד הקדוש׳ס תלמיד איז אמאהל געוועזען אויף שבועות ביי דעם רבין מלובלין דאס איז דאך ידועה אז עס איז געוועזען א גרויס מחלוקת צווישען דעם רבין מלובלין און דער יוד הקדוש האט ר׳ דוד גיהערט ווי דער רבי מלובלין האט געזאגט דעם ערשטען טאג שבועות אז ער געהט אויס רייסען בערג האט ער זיך זייער דערשראקען ווייל ער האט פערשטאנען אז דער רבי מיינט זיכער דעם יוד הקדוש דעם צווייטען טאג האט ער ווייטער גיהערט דאס זעלבע ער איז אביסעל בערוהיגט געווארען ווייל ער האט געזעהן אז דעם ערשטען טאג האט דער רבי גאהר ניט געטוהן דאך האט ער מורא געהאט אפשר וועט ער איהם היינט קענען טוהן און מוצאי יו״ט תיכף נאך הבדלה האט ער זיך גיזעגינט און ער איז געפאהרען קיין פרשיסחא ווי ער איז אריין געקומען צום יוד הקדוש איז ער איהם אקייגען געגאנגען און ער האט איהם געגעבין שלום און ער האט איהם געזאגט ר׳ דוד מיר האבען זיך בעהאלטען אויף אזא ארט וואס דער רבי מלובלין האט ניט געהאט קיין רשות אהער אריין צו קומען:

דער יוד הקדוש האט אין זיין יוגענד געלערענט ביי דעם גאון ר׳ ארי׳ לייביש חריף מאפטא אין דערנאך איז ער געווארען רב אין טאמערשוב ער האט ביי איהם געלערענט אנדערהאלבען יאהר. איידער דער יוד הקדוש איז אוועק געפאהרען פון זיין רבין אין דאמאלס האט זיך אהנגעהויבען צו שפרייטען דאס חסידות אין פוילען. האט זיין רבי מורא געהאט אז ער זאל זיך ניט מבחר זיין צו די חסידים אין די מתנגדים האבען גירעכענט אז די חסידים לערנען ביט. האט זיין רבי פאר איהם אהן געוויינט אפלעשעל טרערען אין ער האט איהם געבעטען אז ער זאל זיך ניט מחבר זיין צו די חסידים וויל ער האט מורא געהאט אז ער וועט פערגעסען דאס לערנען אין דאס איז איהם זייער אשאהד געוועזען אזא טייערע כלי זאל קאליע ווערין. עס איז פאר ביי געגאנגען עטליכע יאהר אין דער גאון ר׳ ארי׳ לייביש חריף איז געקומען קיין אפטא אין דער יוד הקדוש האט געוואהנט אין אפטא אין מען האט דער ציילט דעם גאון ר׳ ארי׳ לייביש חריף אז ר׳ איציקעל (אזוי האט מען איהם גערופען) איז געווארען א חסיד זיין הארץ האט איהם זייער וועה געטוהן ווי דער יוד הקדוש איז אריין געקומען צו זיין רבין דער רבי האט זיך מיט איהם זייער דערפרייט אונ ער האט איהם געהאלדזט אין געקושט און ער האט צו איהם געזאגט טייערער תלמיד מען האט מיר געזאגט אז די האסט דיך מחבר געוועזען צו די חסידים אמווסט זענען געוועזען מיינע טרערען וואס איך האב אויף דעם פערגאסען מיין הארץ טוהט מיר זייער וועה די האסט זיכער פערגעסען מיין לערנען וואס איך האב מיט דיר גילערענט. האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט זאל מיר דער רבי ערלויבען צו רויכערין א ליולקע ציביך דער רבי האט איהם ערלויבט אין אזוי ווי ער האט נאך אהנגעהויבען צו רויכערין האט ער געזאגט איך וועל מיין רבין ווייזען אז אלע חדושי תורה וואס איהר האט מחדש געוועזען בשעת איך האב ביי אייך גילערענט האב איך גאר ניט פערגעסען איך גידענק זיי אלע גלייך ווי איך האב זיי בעכטין גילערענט. און ער האט זיי אלע געזאגט פאר זיין רבין זיין רבי איז שטארק בשתומם געווארען פון זיין שטארקען שכל און זכרון אין ער איז בערוהיגט געווארען אז ער האט גיזעהן אז ער איז א גרויסער גאון. באך דעם האט ער איהם גיפרעגט ווי אזוי שטעלסטו דיך איין אין די געהסט אין אזא קאלטע מקוה אריין יעדען טאג (וויל די מקוה פון אפטא איז געוועזען שטארק קאלט אזוי ווי מיר האבען פריהער געשריבען) עס שטעהט דאך אין דער תורה „ונשמרתם מאוד לנפשותיכם" איהר זאלט היטען

היטען אייער נפש אין ווי אזוי שטעלט איהר אייך איין אין אסכנה האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט דאך נאר „לנפשותיכם" דאס איז טייטש אייערע נשמות אבער ניט דעם גוף דארף מען ניט היטען האט איהם דער רבי גיפרעגט דעם גוף פערהיט דאך די נשמה אז דער גוף שטארבט האט זיך ניט די נשמה ווי צו בעהאלטען האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה אז אמענש געהט צו צו אהייליגע זאך אין ער איז טמא קומט איהם כרת און אז די נשמה ווערד פערשניטען פון דעם שורש ממילא ווערד דאך דער גוף פערלענד איז גלייכער אז דער גוף זאל שטארבען ריין אין די נשמה זאל דבוק זיין אין איהר שורש איידער די נשמה זאל ווערען אבגעריסען פון איהר שורש אין דער גוף זאל שטארבען טמא ווי דער רבי האט דאס גיהערט האט ער איהם געקישט אין קאפ אריין אין ער האט איהם געזאגט פיהר דיך אזוי ווי ביז יעצט אין השי"ת זאל דיר העלפין זי"ע ועכי"א:

דער מגיד מטריסק האט אמאהל גשמיעסט פון דעם רביין מלובלין און פון דעם יוד הקדוש און ער האט געהאלטען גרעסער דעם יוד הקדוש ווי פון דעם רביין מלובלין און ער האט דערצעהלט אז ער האט אמאהל גיהערט פון זיין פאטער הצדיק ר' מאטילע מטשערנאביל און ער האט אויך פערגרעסעט דעם יוד הקדוש פון דעם רביין מלובלין האט ער איהם גיפרעגט דער יוד הקדוש איז דאך געוועזען דעם רביינס מלובלין א תלמיד האט ער איהם גיענטפערט אויף דעם עולם קען ער זיין א תלמיד און אויף יענעם עולם איז ער א רבי ר' אורי' מסטרעלוסק האט געזאגט אז דער יוד הקדוש מיט דעם רביין מלובלין זענען אזוי ווי רש"י אין דער ר"ת און די מקובלים האלטען די תפילין דר"ת פאר מעהר הייליגער ווי די תפילין דרש"י אזוי איז דער יוד הקדוש איז דוגמה תפילין דר"ת און דער רבי מלובלין דוגמת תפילין דרש"י און די וועלט האלט טאקי אז דער יוד הקדוש האט געהאט נשמת ר"ת זי"ע ועכי"א:

דער רבי ר' ישראל מרוזין זצ"ל האט אמאהל גיפרעגט דעם רבין ר' נחמי' זצ"ל דעם יוד הקדוש'ס זוהן איך האב גיהערט אז אייער פאטער האט שטארק השגחה געגעבין אויף זיינע קינדער זיי זאלען געהן אין גאט'ס וועג האט ער איהם גיענטפערט אז עס איז אמת. איין מאהל איז מיין פאטער געפאהרען מיט מיין ברידער ר' ירחמיאל קיין רומאנאב צו דעם רבין ר' מענדעלע זצ"ל אין זיי האבען א גאנצי נאכט געבלאזעט עס איז געוועזען ווינטער די קעלט איז געוועזען זייער גרוים. זיי זענען

הערשט

הערשט אין מיטען טאג אריין געקומען אין אדארף אריין. אין דעם דארף האט געוואוינט א יוד זיי זענען אריין געגאנגען צו דעם יוד דאווינען דער יוד הקדוש איז אריין געגאנגען אין אבעזונדער חדר אריין און ער האט זיך געשטעלט דאווינען און זיי האבען געדאווענט אין דער ערשטער שטוב און וויל זיי זענען געוועזען שטארק הונגעריג און עס האט זיך געברענט אין אויבען האבען זיי גענומען ביי דעם בעל הבית עטליכע ערד עפיל און זיי האבען זיי אבגעבראטען און זיי האבען זיי נאר וואס געוואלט עסען האט דער יוד הקדוש גיעפינט די טהיר פון זיין חדר און ער האט צוגערופען זיין זוהן ר׳ ירחמיאל און ער האט איהם געזאגט מיר האבען אגאנצע נאכט און אהאלבען טאג געבלאנדזעט און מיר זענען ב״ה גיקומען צו א ישוב דארף מען דאך האבען ישוב הדעת און צו לויבען השי״ת אז ער האט אונז געבראכט צו א ישוב דאס איז דיין ישוב הדעת צו עסען די ערד עפיל מיט אתאוה און ער האט איהם פאר דעם געקנסט אז פון דעם דארף קיין רומאנאב איז נאך געוועזען פיער מייל האט ער איהם ניט אריין געלאזט אין דער בויד אריין נאר ער איז געשטאנען אין דרויסען אויף דער שטאג: זי״ע ועכי״א:

ווען דער רבי ר׳ אברהם יהושע העשיל זצ״ל איז געקומען קיין אפטא איז דער יוד הקדוש דאמאלס געוועזען און לובלין און ער האט שטארק משתוקק געוועזען א היים צו פאהרען קיין אפטא. דער יוד הקדוש האט דאמאלס געוואנהט אין אפטא כדי ער זאל זיך זעהן מיט דעם צדיק האט ער געהייסען זיין משמש ר׳ לייזער אז ער זאל אהנגרייטען א פוהר כדי ער זאל קענען תיכף נאך שבת א היים פאהרען און דער יוד הקדוש ווען ער פלעגט וועלען אהיים פאהרען פון לובלין פלעגט ער זיך ניט אריין געהן גיזעגענען צום רבי׳ן נאר דער רבי האט אליין מרגיש געוועזען אז ער וויל פאהרען און ער האט איהם אריין גערופען און ער האט איהם געזעגינט און דעם יעצטיגען מאהל האט איהם דער רבי הערשט א ריין גערופען דאנערשטיג ביי נאכט און ער האט איהם געזעגענט. און דער יוד הקדוש איז א היים געפאהרען ער איז געקומען פיער מייל אינטער אפטא און עס איז שוין געוועזען פרייטאג שפעט האט זיך צוליעב דעם געכין פאהרען צובראכען א ראהד פון וואגען דעם יוד הקדוש איז שוין ניט איינגעפאלען אז ער זאל נאך זיין אויף שבת אין אפטא עס איז ביי איהם געבליבען במוסכם צו האלטען שבת אויף דעם פעלד. פלוצלינג איז אהנגעפאהרען א קאטש מיט פיער פערד און איין מענש איז געזעסען אין דער קאטש און

דער

דער מענש האט געזאגט צום יוד הקדוש אז ער פאהרט אויף שבת קיין אפטא, ע"כ זאל ער מיט איהם אויף זיצען וועט ער מיט איהם ארײַן פאהרען קיין אפטא. האט איהם דער יוד הקדוש געענטפערט ווי אזוי איז מעגליך אז מיר זאלען ארײַן קומען קיין אפטא אויף שבת די זון האלט דאך שוין בײַ זעצען האט איהם דער מענש געענטפערט אז ער דארף ניט פאהרען מעהר ווי צוויי מונוט אמ׳ל. דער יוד הקדוש האט זיך שטארק געוואונדערט אין דער מענש האט געגעבין אנעשריי אויף פויליש שדי ווי דער יוד הקדוש האט געהערט דאס ווארט שדי דאס איז דאך אשם פין השי"ת האט ער מרגיש געוועזען אז ער מיינט דעם שם שדי איז ער גלייך ארויף אויף דער קאטש אין ער האט ארויס גענומען דעם זייגער אין ער האט געקוקט אין עס איז טאקי אזוי געוועזען צייט אכט מונוט זעבען זיי געוועזען אין אפטא אין ער איז גלייך געגאנגען צום רבי'ן אין דער רבי האט בודק געוועזען זיינע ציצית פון טלית ער זאל דאווינען מנחה:

**עס איז** געוועזען א יוד וואס ער האט ניט געהאט קיין קינדער און ער פלעגט פאהרען צום רבי'ן מלובלין אלאנגע צייט אין ער איז גפקד געווארען. א מאהל איז דער יוד הקדוש געוועזען אין לובלין און דער מענש איז אויך געוועזען אין לובלין און ווייל די חסידים האבען געהאט מיטלייד מיט דעם מענש האבען זיי איהם געזאגט אז ער זאל א רײַן געהן צום יוד הקדוש אפשר וועט ער געהאלפען ווערען דער מענש האט אזוי געטוהן און ער איז א ריבער בעגאנגען צום יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האט איהם מבטיח געוועזען אז ער וועט נפקד ווערען מיט א בן זכר און זיין הבטחה איז מקוים געווארען און ער האט געהאט א בן זכר אין א צייט א רום איז דאס קינד שטארק שלאף געווארען איז ער געפאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש מזכיר זיין דאס קינד ווי ער איז ארײַן געקומען צום יוד הקדוש און שטיב ארײַן האט דער יוד הקדוש געדאוועט און די טיהר פון חדר איז געוועזען פערשלאסען דער מענש האט זיך א ניידער געזעצט לעבען דער טיהר כדי אזוי ווי דער רבי וועט עפינען די טיהר זאל ער קענען גלייך צו געהן און מזכיר זיין קינד. דער מענש איז אבער געוועזען זייער מיעד אין איז אנטשלאפען געווארען האט זיך איהם בע'חלום'ט אז דער רבי מלובלין אין נאך צדיקים זענען זיך מפלפל וועגען זיין קינד צו עס זאל בלייבען לעבען צו ניט און דער רבי מלובלין האט בוטה געוועזען אז דאס קינד זאל שטארבען דערווייל האט דער יוד הקדוש אב געדאוועט און ער האט געעפענט די טיהר דער מענש איז ארײַן געגאנגען

ביגאנגען און ער האט מזכיר געווען אז זיין קינד זאל געזינד ווערען. ער איז ארויס געגאנגען און ער האט זיך דערמאנט פון דעם חלום און ער איז צוריק אריין געגאנגען און ער האט דערצעהלט דעם חלום האט דער יהודי הקדוש געזאגט ער וויל מבחר זיין די זאך מיט פשעטליך פשעטליך קען איך ב״ה בעסער פון איהם געה א היים און האב ניט קיין מורא דיין קינד וועט געזינד ווערען און עס איז אזוי געוועזען זי״ע ועכי״א:

דער קאזניצער מגיד האט אמאהל גיפרעגט דעם רבין מלובלין צי ער האט חסידים יונגע לייט וועלכעס זיי קאנען לערנען האט איהם דער רבי גיענטפערט יא. האט ער איהם גיבעטען אז ער זאל איהם שיקען צוויי יונגע לייט ער וויל מיט זיי שמועסען אין לערנען אין חסידות. האט איהם דער רבי געשיקט דעם יהודי הקדוש און ר׳ דוד מלעלוב. ווי זיי זענען אריין געקומען צים מגיד האט ער זיי גיפרעגט ווער זיי זענען האבען זיי איהם גיענטפערט מיר זענען דער רביני׳ס מלובלין תלמידים. האט זיי דער מגיד געזאגט איך פערשטעה אז דער רבי האט אייך צי מיר געשיקט אזוי ווי ער האט מיר צי געזאגט. נאך דעם האט דער מגיד זיך אויס געדרעהט צים יהודי הקדוש און ער האט איהם גיפרעגט איהר קאנט לערנען האט ער איהם גיענטפערט יאה האט איהם דער מגיד גיבעטען אז ער זאל איהם זאגען וועלכען חידוש דער יהודי הקדוש האט איהם געזאגט אטיעפין פלפול דער פלפול איז דעם מגיד זייער גיפעלין נאך דעם האט דער מגיד געזאגט א פלפול ווי דער יהודי הקדוש האט אויס גיהערט דעם פלפול האט ער איהם אבגיווענד פין אהנהייב ביז דעם סוף דער יהודי הקדוש האט גיזעהן אז דער מגיד האט געהאט פין דעם גרויס חלשות הדעת האט ער צוריק פערענטפערט דעם מגידי׳ס פלפול נאך דעם האט איהם דער מגיד געזאגט איהר האט גלייך געטוהן וואס איהר האט מיין פלפול צוריק פערענטפערט איהר זאלט וויסען אז אלע מיינע חדושים זענען על דרך האמת און ווער עס ווענדעט אב מיין חידוש דער פאלט אוועק פין אמת און ביי איהם בלייבען די אותיות מת האט איהר געהאט אסיעתא דשמיא וואס איהר האט צוריק פערענטפערט מיין פלפול ווען ניט וואלט איהר ח״ו נפטר געווארען נאך דעם האט זיך דער מגיד גיווענדערט צי ר׳ דוד מלעלוב און ער האט איהם גיפרעגט צו ער קען לערנען האט איהם ר׳ דוד גיענטפערט וואס איך קען לערנען ? ווי פאלט איהר אויס אויף מיר צו קלעהרען אז איך קען לערנען איך בין דאך גאר ניט קיין בן תורה האט איהם דער מגיד גיפרעגט מסתמא לערענט איהר דאך גמרא אדער מדרש אדער זוהר זאגט מיר וועלכען

חידוש

חידוש האָט איהם ר׳ דוד געענטפערט איך קען ניט לערנען זאָל איך נאָך קענען זאָגען אַ חידוש האָט איהם דער מגיד ווייטער געזאָגט אפשר ווייסט איהר וועלכע מעשה צו דערצעהלען דערצעהלט מיר האָט ר׳ דוד געענטפע ט אַ מעשה ווייס איך צו דערצעהלען אין ער האָט דערצעהלט אַ מעשה ווי ער האָט גיענדיגט די מעשה האָט איהם דער מגיד געזאָגט איהר זאָלט אזוי דער קוויקט ווערען אַזוי ווי איהר האָט מיך דער קוויקט איך שטעה שוין ביי אַ שטיקעל תקיני הזוהר אַ לאַנגע צייט אין איך ווייס ניט קיין פשט אין מיט דער מעשה איז מיר בעוויסט געוואָרען דער פשט האָט דער יוד הקדוש געזאָגט צום מגיד איך וועל אייך זאָגען דעם חילוק פון מיר ביז צו איהם איך בין געקומען פון תורה לידי יראָה אין ער איז געקומען פון יראָה צו תורה זי״ע ועכי״א:

דער רבי ר׳ העניך זצ״ל מאַלעכסאַנדער האָט דערצעהלט אַז בעת דער יוד הקדוש האָט אָהנגעהויבען צו פיהרען דאָס רבנות האָט ער פערשטעלט אַז דער רבי מלובלין זאָל ניט וויסען פון דעם. ער האָט אַלעס געזאָגט פאַר דעם רביין אַז ער פיהרט ניט קיין רבנות עס איז דאָך אָבער געוועזען מענשין וואָס זיי האָבען געזאָגט דעם רביין אַז ער פיהרט אַ רבנות האָט זיך דער רבי מלובלין מיישב געוועזען ער וועט פאָהרען קיין פרשיסחאָ אין ער וועט זעהן צו עס איז אמת צו ניט ווי דער רבי איז אַריין געקומען צום יוד הקדוש אין ער האָט ביי איהם געטראָפען א עדה יודען האָט איהם דער יוד הקדוש געזאָגט אַז די מענשין זענען ניט זיינע חסידים נאָר ווי זיי האָבען גיהערט אַז דער רבי מלובלין איז געקומען זענען זיי צו איהם געקומען מקבל פנים זיין. עס האָט זיך געפינען מענשין וואָס זיי האָבין געזאָגט אַז דאָ אין פרשיסחאָ האָבין מיר אינזער רביין אין אַז דער רבי מלובלין איז אהער געקומען איז דאָך אסימן אַז דער רבי איז אויך מודה אַז אינזער רבי (דער יוד הקדוש) דאַרף זיין רבי נאָך דעם ווי דער רבי מלובלין איז אַ רויס געגאַנגען האָט דער יוד הקדוש געוויזען זיינע חסידים אַז אַלע זיינע צעהן זענין איהם ארויס געפאַלען פאַר פחד וואָס ער האָט געהאַט פאַר דעם רביין פון לובלין:

דער צדיק ר׳ פנחס מגנזוושוב איז נפטר געוואָרען יונג אין ער האָט אָבער געלאָזט אַקליין יונגעל ער האָט געהייסען אלימלך אין ער האָט גיבעטען אַז נאָך זיין פטירה זאָל מען זיין יונגעל פיהרען קיין פרשיסחאָ צום יוד הקדוש ער זאָל אויף איהם האָבען השגחה מען האָט אַזוי געטוהן מען האָט תיכף נאָך זיין פטירה דאָס יונגעל אָבגעפיהרט

קיין

קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער יוד הקדוש האט איהם זייער ארענטליך אויף גענומען און די חסידים האבען גיפרעגט דעם יוד הקדוש צו דער צדיק ר׳ פנחס האט איהם גיקענט. האט דער יוד הקדוש גיענטפערט אז פארזעגדליך האט ער איהם ניט גיקענט נאר ברוח הקודש האט ער איהם גיקענט. עס איז אזוי געוועזען ווען דער יוד הקדוש איז נאך געוועזען אבחור האט אגביר איהם געוואלט נעמען פאר אחתן און דער גביר איז געפאהרען צום צדיק מגניוושוב ער איז געוועזען זיינס אחסיד דער וויל האט זיך אצווייטער גביר מקדים געוועזען און ער האט איהם גענומען פאר אחתן. דער גביר האט זיך מיישב געוועזען און ער איז געפאהרען קיין גניוושוב צום רבין און ער האט דערצעהלט דעם רבין אזוי ווי עס געפינט זיך ביי אינז אין שטאדט אבחור וואס ער זיצט און לערענט נאר בעהאלטען איז ער עוסק בהכמות הצוניות ע״כ זאל ער זעהן מבטל צו זיין דאס שלעכץ פון דער וועלט ער האט דאס געזאגט דעם רבין כדי דער רבי זאל אהנהייבען ריידען שלעכץ אויף איהם כדי דער גביר זאל אבלאזען דעם שידוך און ער זאל איהם נעמען פאר אחתן ווי דער רבי האט גיהערט די רייד האט ער אהנגעבויגען זיין הייליגען קאפ אויף דעם טיש עטליכע מינוט און ער האט געזאגט צו דעם גביר איך זעה אז די זאגסט ליגענט איך זעה אז דער בחור איז אקדוש וטהור און איך בין זיכער אז ער וועט זיין אגרויסער רבי און ער וועט זיין א פועל ישועות בקרב ישראל און די וויל די האסט מוצא שם רע געוועזען אויף איהם פאר צו איהם און בעט איהם אז ער זאל דער מוחל זיין אויב ניט וועט זיין דיין סוף ניט גוט. דער גביר איז שטארק דערשראקען געווארען און ער איז תיכף געפאהרען צום יוד הקדוש און ער האט איהם געבעטען אז ער זאל איהם מוחל זיין און ער האט איהם מוחל געוועזען:

אין אדארף לעבין לובלין איז געוועזען איין ארענדאר א ארימאן ער האט קיינמאהל ניט געהאט צו בעצאהלען די ראטע נאר ווען עס איז געקומען די צייט צו בעצאהלען די ראטע איז ער געפאהרען קיין לובלין צום רבין און ער איז געהאלפין געווארען השי״ת האט איהם צו געשיקט פערדיענסט און ער האט גיהאט צו בעצאהלען די ראטע. אין א דארף דער לעבין האט אויך געוואהנט א ארענדאר א ארימאן האט איהם זיין ווייב געזאגט צו זעהסט דאך אז יענער ארענדאר ווען ער פאהרט בים רבין ווערד ער געהאלפין פאהר די אויך וועסטו אויך געהאלפען ווערען דער א רענדאר איז געפאהרען קיין לובלין און ער האט זיך גיפרעגט

אויף דעם רבי'ן האט מען איהם גיענפערט אז דער רבי איז אוועק געפאהרען ער האט זיך ניט געוואלט גלייבען היתכן א רבי זאל ניט זיין אין דערהיים און ער איז אריין געגאנגען צום רבין אין שטוב א ריין ער האט אבער דארט אויך גיהערט אז דער רבי איז ניט דא אין דער היים ער האט זיך אבער ניט געוואלט גלייבען ער האט זיך מיישב געווען ער וועט אריין געהן אין בית המדרש אריין און ער וועט זעהן ווער עס זיצט אין טלית און תפילין (עס איז שוין געווען שפעט) דער איז זיכער דער רבי ער איז אריין געקומען אין בית המדרש אריין און ער האט געטראפען דעם יוד הקדוש זיצען לערנען אהן גיטוהן דעם טלית ותפילין ער האט גערעכינט אז דאס איז זיכער דער רבי און ער איז צו געגאנגען צו איהם און ער האט איהם דער לאנגט דאס קוויטעל מיט א פדיון און ער האט איהם דער ציילט זיין בקשה האט דער יוד הקדוש געזאגט איך בין ניט קיין רבי געה צום רבי'ן מיט דיין בקשה ווי דער א רענדאר האט דער הערט אז ער איז ניט דער רבי איז ער אנידער געפאלען אויף דער ערד און איז פער'חלשט געווארען דער יוד הקדוש האט איהם דערמינטערט און ער האט אויף איהם רחמנות געהאט און ער האט איהם גיענטפערט איך בין דער רבי געה אהיים אין קויף דיר אהאן און ער וועט דיך אויף וועקען האלבע נאכט און די זאלסט דיך אנידער זעצען און זאגען תהלים און השי"ת וועט דיר העלפען. דער ארענדאר האט אזוי געטוהן. האלבע נאכט ווי דער האן האט געגעבען א קריי האט ער זיך אויף געהויבען און געזאגט תהלים דער וויל איז צו גיקומען א ערל און ער האט אהן גיקלאפט ער האט איהם גיעפענט דער ערל איז אריין גיקומען און ער האט זיך געהייסען געבין אביסעל יי"ש און ער און אוועק געגאנגען און אשעה ארום איז דער ערל ווייטער אריין געקומען און ער האט ווייטער געקויפט אביסעל יי"ש און ער האט געזאגט צום ארענדאר אזוי ווי איך האב ליעב צו טרינקען און מיין בני בית לאזען מיך ניט טרינקען און איך האב ביי זיך פיעל געלד וואס מיין בני בית ווייסען ניט פון דעם געלד נעם ביי מיר צו דאס געלד און פאר דעם געלד זאלסטו מיר שטענדיג געבען צו טרינקען דער ארענדאר האט ביי דעם ערל צו גענומען דאס געלד און ער האט תיכף בעצאהלט די ראטע און עס איז נאך איהם פיהל געלד איבער געבליבען און האט מיט דעם געלד אהנגעהויבען צו האנדלען און ער איז געווארען אגרויסער עושר:

**דער רבי** ר' יחיאל מלענטשנא ווען ער האט געהאלטען פאהרען להרו הצדיק ר' מענדיל זצ"ל מקאצק איז ער א ריין געגאנגען

זיך

זיך געזעגענען צו דעם רבין ר׳ שלמה לייב זצ״ל מלענטשנע האט איהם דער רבי ר׳ שלמה לייב געזאגט בזה הלשון דער יוד הקדוש האט אויף מיר אמאהל געזאגט אז דיא ביזט פון דיא ל״ו צדיקים. דער נאך האט ער מיר געזאגט די גרעסטע כפרה פון דעם מענש איז אז ער זאל זיין נעבעך אין איך האב שטארק משתוקק געווען צו האבען תפילין פון דעם רבין ר׳ משה הסופר מפשעווארסק נאר איך האב דאך אבער ניט געהאט דאס רענדיל צו בעצאהלען פאר די תפילין דען ער האט גענומען א רענדיל פאר א פאר פרשיות שרייבען בין איך געגאנגען פון שטאדט צו שטאדט ביז איך האב צו זאממען גענומען א רענדיל און אוך בין געקומען קיין פשעווארסק איך בין א ריין געקומען צום רבין האט ער מיר געזאגט בזה הלשון יונגער מאן די תפילין האב איך דיר שוין לאנג אהן געגרייט און דאס רענדיל וויל איך ניט נאר האסט דאך עס שון מקדש געווען ע״כ זאלסטו דאס רענדיל צו טיילען צדקה איך האב ביי איהם גענומען די תפילין און איך בין צוריק אהיים געגאנגען נעבעך דאס אללעס האט דער רבי ר׳ שלמה לייב דערצעהלט דעם רבין ר׳ יחיאל ווען ער האט זיך מיט איהם געזעגענט ווי ר׳ יחיאל איז געקומען קיין קאצק האט איהם דער קאצקער רבי געפרעגט צו דער רבי ר׳ שלמה לייב איז בשמחה האט ער איהם געענפערט אז ער איז בשמחה האט דער קאצקער רבי געזאגט ווער עס איז פריהר נעבעך דער איז דער נאך בשמחה זי״ע ועכי״א:

**אין פלאצק** איז געוועזען א חסיד וואס ער פלעגט צו פאהרען צום יוד הקדוש קיין פרשיסחא האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט אז ער זאל זעהן צו ברענגען דעם פלאצקער עלוי דער רב הגאון הקדוש ר׳ אברהם זצ״ל מטשעכאנאוו האט אין זיין יוגענד געוואהנט אין פלאצק אין מען האט איהם גערופען דער פלאצקער עילוי דער חסיד איז אהיים געקומען אין ער האט גערעדט מיט דעם עלוי אז ער זאל מיט איהם פאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער עלוי האט איהם צו געזאגט אז ער וועט מיט איהם פאהרען דעם עלוי׳ס שווער איז אבער געוואהר געווארען אין ער איז געוועזען א מתנגד האט ער איהם ניט געלאזט פאהרען ווי דער חסיד איז געקומען קיין פרשיסחא האט איהם דער יוד הקדוש געפרעגט פאר וואס ער האט ניט געברענגט דעם עילוי האט ער איהם דערציילט אז זיין שווער לאזט איהם ניט פאהרען דער יוד הקדוש האט איהם געזאגט אז ער זאל זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צו ברענגען דעם עילוי דער חסיד האט איהם צו בעזאגט אז ער וועט זעהן ווי ווייט עס וועט נאר מעגליך זיין

אז ער זאָל איהם ברענגען ווי דער חסיד איז ארויס געגאַנגען פון יוד הקדוש האָט איהם דער רבי ר׳ בינם געזאָגט איך ווייס דאָך אז ער איז אַדאַווינער אפשר האָט ער מורא אַז ער וועט דאָ ניט האָבען קיין בערוהיג אָרט צום דאַווינען זאָג איהם אַז איך וועל זיך אויס ציהען פון מיין שטיב און איך וועל איהם אָב געבען מיין שטיב כדי ער זאָל האָבען אַ בערוהיג אָרט צום דאַווינען דער חסיד איז אהיים געפאָרען און ער האָט איבער געריידט דעם עלוי אַז ער זאָל מיט איהם פאָהרען אָהן זיין שווערס ידיעה דער עילוי האָט איהם צו געזאָגט און זיי זענען אַוועק געפאָהרען און דעם עילויס שווער האָט פון דעם ניט געוויסט ווי זיי זענען שוין געוועזען ביי דער ווייכסעל איז דער שווער פון דעם געוואָהר געוואָרען און ער האָט איהם דורך פאָליציי צוריק געברענגט אהיים. ווי דער חסיד איז געקומען צום יוד הקדוש און ער האָט איהם דאָס דערציי־לט האָט דער יוד הקדוש געזאָגט איך האָב געוואָלט דורך איהם אויף הייבען און דער לייכטען זיין גלגל נאָר וואָס זאָל איך טוהן אַז מען לאָזט ניט און דער עלוי האָט איינביג תורה געהאַט און ער האָט געהאַט תרעומות אויף זיין שווער וואָס ער האָט איהם ניט געלאָזט פאָהרען צום יוד הקדוש זי״ע:

**הרב הגאון** ר׳ יעקעל דעם גאָסטינינער רבינ׳ס איידים האָט דערצעהלט אז ער איז אַמאָהל געוועזען און גור האָט ער געזעהן צווי מענשען געהן שפּאַצירען אין הויף און ווייל עס איז געוועזען ביינאַכט האָט ער זיי ניט דערקענט איז ער צו געגאַנגען לעבין זיי באַהנט האָט ער געזעהן ווי דער חדושי הרי״מ זצ״ל געהט מיט ר׳ שמואל שינאָווער און ער האָט געהערט ווי דער חדושי הרי״מ זצ״ל האָט דערצעהלט ר׳ שמואליקן אַז ווען ער איז געוועזען אַ קליין יונגעל האָט איהם זיין פאָטער מיט גענומען צום יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האָט איהם פערהערט און ער האָט איהם געגעבען אַ גמרא און ער האָט איהם געהייסען אליין לערנען און זיין לערנען איז איהם זייער געפעלען האָט דער יוד הקדוש בעפּעטען זיין פאָטער אַז ער זאָל איהם ביי איהם לאָזען ער זאָל ביי איהם לערנען האָט זיין פאָטער ניט געוואָלט נאָר ער האָט איהם געפיהרט קיין קאָזיניץ צום קאָזיניצער מגיד און עס איז איהם איינביג אשאָהד פאַר וואָס ער האָט ניט געלערענט ביי דעם יוד הקדוש זי״ע:

**דער רבי** ר׳ אלעזר זצ״ל מסאָכטשוב האָט דערצעהלט אַז נאָך דעם ווי דער חדושי הרי״מ איז נפטר געוואָרען האָט ער געוואָלט פאָהרען קיין טשעכינאָוו און ער האָט געהאַט אַ זוהן און טשעכינאָוו האָט ער

ער געשריבען צו זיין זהן אז ער זאל פרעגען דעם רבין צו ער זאל צו איהם קומען אויף שבת האט דער רבי איהם געהייסען אז ער זאל דינגען אפיהר אין ער זאל פאהרען צו זיין פאטער און ער זאל איהם זאגען אז ער הייסט איהם ניט קומען אויף דעם צווייטען שבת האט ער שוין ניט געשיקט פרעגען נאר ער איז גלייך געפאהרען קיין טשעכינאוו האט איהם דער רבי גיפרעגט פאר וואס ער איז צו איהם געקומען האט ער איהם גיענטפערט פון מיין יוגענד בין איך געהאדעוויט ביי רבי'ס ווען איך בין אלט געוועזען אכט יאהר האט מען מיך ארויס גענאנבעט פון מיינע עלטערען און מען האט מיך געפיהרט קיין פרשיסחא צום רבין ר' בונם נאך דעם רבין ר' בונם בין איך געפאהרען קיין קאצק. און דער נאך צום חדושי הרי"ם דער חדושי הרי"ם איז געוועזען מיין רבי און מיין פאטער פאר איהם האב איך מגלה געוועזען מיינע סודות מעהר ווי פאר מיין פאטער. און יעצט אז דער חדושי הרי"ם איז נפטר געווארען זיך איך מיר א רבין ע"כ בין איך געקומען צו אייך האט איהם דער רבי גיענטפערט אינזער דרכים זענען דאך ניט גלייך און בעזונדער איהר דאווענט דאך שפעט האט ער איהם גיענטפערט אויף דעם שפעטין דאווינען וועט דער יוד הקדוש פערענטפערין ווי דער רבי האט דאס דערהערט האט ער אהנגעהויבען צו שרייען איהר פערקוקט אייך אויף דעם יוד הקדוש און איהר ווילט אייך גלייכען צו איהם דער יוד הקדוש ווען ער איז אלט געוועזען דריי און דרייסיג יאהר האט ער שוין ניט געהאט קיין איין צאהן און זיין מויל פאר פחד צו איהם קענען מיר זיך ניט גלייכען זי"ע ועכי"א:

דאס איז דאך בעוויסט פון דעם מחלוקת וואס עס איז געוועזען בין הצדיק מלובלין ובין היוד הקדוש זצ"ל און פיעל מענשען האבען גירעדט פאר דעם רבין מלובלין לשון הרע אויף דעם יוד הקדוש און דער יוד הקדוש איז אלע מאהל געפאהרען קיין לובלין זיך פערענטפערין בעת ער האט זיך פערענטפערט און עס איז געווארען צווישען זיי שלום ווען דער יוד הקדוש איז אוועק געפאהרען האט זיך ווייטער דערוועקט דאס מחלוקת אמאהל איז דער יוד הקדוש געקומען קיין לובלין זיך פערענטפערין און דער רבי איז מיט איהם געווארען גיט בעפריינדעט און דער רבי האט איהם געגעבען זיינס א העמד. דעם יוד הקדושים שונאים האבען אהנגערעדט אשיכור אז ער זאל געהן צום יוד הקדוש און ער זאל איהם בעטען אז ער זאל איהם געבין א העמד ווייל ער געהט אהן א העמד דער שיכור האט אזוי געטוהן און ער איז אריבער געגאנגען צום יוד הקודש און דער יוד הקדוש

הקדוש האט איהם אוועק געגעבען דעם רבינ'ס העמד אין דער שיכור איז תיכף געגאנגען אין שענק אריין אין ער האט פער זעצט דאס העמד פאר אביסעל יי"ש. די שונאים זענען תיכף אריבער געגאנגען צום רביין מלובלין אין זיי האבען איהם געזאגט דער רבי איז דאך מקפיד אז זיינע מלבושים זאל קיינער ניט אהנטוהין אפילו זיין אייגענע קינדער אין יעצט האט דער רבי אוועק געגעבען זיינס א העמד דעם יוד הקדוש אין יעצט געפינט זיך דאס העמד אין דער שענק דער רבי האט געשיקט רופען דעם יוד הקדוש אין ער האט איהם געפרעגט ווי קומט אז זיין העמד זאל זיין אין דער שענק דער יוד הקדוש האט איהם דערצעהלט די גאנצי מעשה אז א ארימאן איז צי איהם געקומען אין ער האט פאר איהם געוויינט אז ער האט ניט קיין העמד האט ער עס אוועק געגעבען אין ער האט געזאגט דער רבי ווייסט דאך אז ווען א ארימאן קומט צו מיר וואלט איך איהם אוועק געגעבן אפילו בגדי כהונה ווען איך זאל האבען. האט איהם דער רבי מלובלין געזאגט דוד המלך ע"ה האט געזאגט „אנכי תולעת ולא איש" איך בין אווארם ניט קיין מענש דער פשט דער פון איז ווייל דאס איז דאך ידוע אז אדם הראשון האט בעדארפען לעבען טויזענד יאהר אין דוד המלך האט קיין יאהרען ניט געהאט נאר אדם הראשון האט גישענקט פין זיינע יאהרען זיבציג יאהר דוד המלך. דאס איז דער פשט וואס דוד המלך האט געזאגט איך וואלט דאך ראוי געוועזען צי זיין א ווערמיל ניט קיין מענש וויל איך האב דאך ניט געהאט קיין יאהרען קומט דאך אויס אז דוד המלך האט ניט געלעבט זיינע יאהרען נאר אדם הראשונ'ס יאהרען איבער דעם האט ער זיך בעקלאגט „חרפת אדם בזיתי" דאס איז טייטש די שאנד פין אדם הראשונ'ס טעג האב איך מבזה געוועזען די יאהרען זאלען געוועזען זיין מיינע וואלט איך ניט אזוי פיעל געזארגט אבער אז די יאהרען זענען אדם הראשונ'ס איז דאך מיר אבושה פאר וואס האב איך זיי פערשעמט דאס זעלבע איז ביי דעם העמד ווען דאס העמד וואלט געוועזען דיין קענסטו מיט דעם העמד טוהן וואס די ווילסט אבער מיט מיין העמד ווי אזוי האסטו עס מבזה געוועזען זאלסט עס אוועק געבען א שיכור ער זאל עס פאר זעצין אין דער שענק. האט דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט אין פסוק „כל אשר יש לו יתן בעד נפשו" דאס איז טייטש וואס א מענש פער מאגט דארף ער עס אוועק צי געבען ער זאל זיך אויס לייזען זיין נפש איבער דעם אז דער ארימאן האט ביי מיר געבעטען דאס העמד האב איך עס איהם בעדארפען אוועק געבען. ער פלעגט שטענדיג אזוי צי טוהן ער פלעגט אלעס וואס ער האט פער מאגט אוועק געבען

געבען אויף צדקה. אַמאָהל איז זיין זוהן שלאָף געוועזען האָט ער אַוועק געגעבען אַלעס וואָס ער האָט געהאַט אין שטיב צו אָרימעלייט זי״ע:

**דער יוד** הקדוש אין דער רבי ר׳ נפתלי מראָפשיץ אין ר׳ דוד מלעלוב האָבען אַ מאָהל בעזאַמען גיגעסען אין עס האָט זיי צו גיפעהלט געלד משלים צו זיין צו דער סעודה דער וויל איז אַריין געקומען אַ יונגער מאַן אין ער האָט זיי געגעבען אַ רו״כ אין זיי האָבען געהאַט משלים צו זיין די סעודה אין זיי האָבען געשיקט נאָך וויין אין זיי האָבען ביי דער סעודה פיעל חדושי תורה מחדש געוועזען אין אַ צייט אַרום האָבען זיי זיך ווייטער געטראָפען אין זיי האָבען זיך דער מאַנט אין דער סעודה אַז די שמחה איז זיי געקומען דורך דעם יונגען מאַן וויל ער האָט זיי געגעבען אַ רו״כ זיי האָבען מיט זייער רוח הקודש אָהן געהויבען זוכען דעם יונגען מאַן זיי האָבען איהם ניט געפינען ניט אויף דעם עולם אין ניט אויף יענעם עולם זיי האָבען איהם אַזוי לאַנג געזוכט ביז זיי האָבען איהם געפינען ער איז אַ רו״ס געגאַנגען לתרבות רעה זיי האָבען אַזוי לאַנג געאַרבייט ביז זיי האָבען איהם מחוור מוטב געוועזען פון דאַנען זעהן מיר ווי גרויס עס איז אַז מען איז מהנה אַ תלמיד חכם:

**הרב הצדיק** ר׳ שלום רוקח מבעלז אין זיין יוגענד איז ער געפאָהרען קיין לובלין אין דער היים האָט ער קיין שום מסחר ניט געהאַט דעם נדן וואָס ער האָט גענומען האָט ער שוין באַלד ניט געהאַט ער האָט נאָך געהאַט אַ קליינע סומע פון זיין נדן אין קיין רבנות האָט ער ניט געוואָלט אָהנעמען האָט ער ביי זיך בעשטימט אַז ער זאָל זיך צו נעמען אַ שותף אין זיי זאָלען זיך מאַכען אַ מסחר בשותפות וויל ער אַליין איז ניט געוועזען פעהיג צו קיין מסחר אין בעזונדער האָט ער געוואָלט אַז ער זאָל קענען זיצען אין לערנען ער האָט זיך אויסגעקליבען אַ יונגען מאַן אין זיי האָבען געמאַכט שותפות נאָר זיי האָבען ניט געוואָלט אָהנהייבען האַנדלין ביז זיי וועלין פרעגען פריער דעם רבין מלובלין. אין זיי זענען ביידי געפאָהרען קיין לובלין אין זיי זענען אַריין געגאַנגען צום רבין איינער אָהן דעם צווייטען דער רבי ר׳ שלום איז פריהער אַריין געגאַנגען צום רבין מלובלין אין ער האָט איהם גיפרעגט צו ער זאָל מאַכען שותפות מיט דעם יונגען מאַן דער רבי האָט איהם געהייסען. דער צווייטער איז אַריין געגאַנגען פרעגען האָט מען איהם ניט געהייסען זיי האָבען זיך דערצעהלט דעם רבינ׳ס ענטפער זיי האָבען גאָר ניט פערשטאַנען וואָס דאָס איז. דער וויל איז אָהנגעקומען קיין לובלין דער יוד הקדוש זיי זענען צו איהם אַריין געגאַנגען

אין

אין זיי האָבען איהם דערצעהלט דעם רביניס ענטפער אין זיי האָבען איהם אויף גיפרעגט צי זיי זאָלען מאַכען שותפות צי ניט האָט דער יוד הקדוש זיי געהייסען מאַכען שותפות זיי זענען אהיים געפאָרען אין זיי האָבען גימאַכט דאָס שותפות אין אקאָרצי צייט האָבען זיי אָהנגעוואָרען דאָס גאַנצע געלד אין עס איז זיי ניט געבליבען אפילו קיין איין פרוטה. זיי זענען געפאָרען קיין לובלין אין זיי האָבען געוואַרט ביז דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין זיי זענען צי איהם אַריין געגאַנגען אין זיי האָבען איהם דערציילט אז זיי האָבען היזק געהאַט דאָס גאַנצע געלד אין זיי האָבען איהם געבעטען אַז ער זאָל זיי זאָגען פאַר וואָס דער רבי מלובלין האָט דעם שותף ניט געהייסען מאַכען דאָס שותפות אין דעם בעלזער רביןן האָט ער יאה געהייסען אין ער האָט זיי ביידע געהייסען מאַכען דאָס שותפות האָט דער יוד הקדוש זיי געזאָגט דער רבי האָט געזעהן אַז ר׳ שלום דאַרף ווערען רבי אין וויל ער האָט נאָך געהאַט עפּיס געלד האָט ער ניט געוואָלט ווערען קיין רבי ע״כ האָט איהם דער רבי מלובלין געהייסען מאַכין דאָס שותפות כדי ער זאָל היזק האָבען זיין געלד וועט ער מיזען ווערען רבי אין דעם שותף האָט ער ניט געהייסען מאַכין דאָס שותפות וויל עס איז איהם אַ שאָהד געוועזין זיין געלד אין איך האָב אָבער געזעהן אַז דאָס דור דאַרף האָבען ר׳ שלום׳ין פאַר אַ רבין אין אויף קיין צווייטען אופן וועט ער ניט וועלען ווערען קיין רבי אין ציליעב טובת הכלל איז כדאי אַז דער שותף זאָל היזק האָבען עטליכע הינדערט גילדען אין ר׳ שלום זאָל ווערען רבי אין ר׳ שלום איז תיכף אַהיים געפאָהרען אין ער איז געוואָרען רבי זי״ע:

**דער יוד** הקדוש האָט גיפרעגט ווי אַזוי איז מעגליך ליעב צי האָבען יעדען יוד גלייך אַמער די צדיקים דאַרפען דאָך מעהר ליעב האָבען אין דער תורה שטעהט דאָך אָבער „ואהבת לרעך כמוך” די זאָלסט ליעב האָבען דיין חבר גלייך ווי דיך אַליין שטעהט דאָך סתם דיין חבר ווייזט דאָך אויס אַז יעדען איינים גלייך האָט דער יוד הקדוש געטייטשט „כמוך” אַזוי ווי די פונקט גלייך ווי דער מענש ביי זיך אַליין האָט ער אַלע אברים ליעב אָבער דעם קאָפּ האָט ער ליבער פין דעם גאַנצען גוף אַזוי דאַרף מען ליבער האָבען די צדיקים וואָס זיי הייסען דעם קאָפּ פין די יודען מעהר פין אַנדערע יודען:

**הרב הצדיק** מגראָדזיסק זצ״ל האָט דערצעהלט עס איז אַמאָהל געקומען אַיוד צום רבין מלובלין מיט אַ בקשה אַז ער איז שלאַף האָט איהם דער רבי מלובלין אָבגעשיקט צום קאָזיניצער מגיד אין דער מגיד מקאָזיניץ

מקאָזיניץ האָט איהם אָבגעשיקט צום יוּד הקדוש אין דער יוּד הקדוש האָט איהם געהייסען פאָהרען אין אַ שטאָדט אַריין לעבין בּרדיטשוב צו אמענש וואָס ער הייסט שלום דער מענש האָט אזוי געטוהן. ווי ער איז געקומען אין דער שטאָדט אַריין אין ער האָט זיך גיפרעגט אויף אַמענש וואָס ער הייסט שלום אין די שטאָדט מענשען האָבען ניט געוויסט. ער האָט חוקר ודורש געוועזען אויף דעם מענש אין ער האָט איהם ניט געפינען דער ווייל האָט זיך אייגער אָהנגערופען אפשר מיינט ער דעם שלום'ן וואָס ער וואָהנט אינטער דער שטאָדט דער שיכור דער מענש איז צו איהם געגאַנגען ער איז אַריין געקומען אין שטיב אַריין אין ער האָט גיפרעגט זיין ווייב אויף דעם מאַן זי האָט איהם גיענטפערט וואָס פאַר אַ עסק קענט איהם מאַכין מיט מיין מאַן ער איז דאָך תמיד שיכור ער האָט אויף איהם געוואַרט ביז ער האָט זיך אויס געניכטערט אין ער איז צו איהם צו געגאַנגען ער האָט איהם בעגעבען שלום אין ער האָט איהם גיפרעגט וואָס ער וויל האָט ער איהם גיענטפערט אַז דער יוּד הקדוש האָט איהם צו איהם געשיקט אַז ער זאָל איהם אָהנווינשען אַז ער זאָל האָבען א רפואה שלימה האָט ער איהם גיענטפערט אז איהר וועט מיר געבען אטאָפּ יי״ש וועט ער האָבען ארפואה שלימה דער מענש האָט איהם געגעבען אטאָפּ יי״ש אין ער האָט איהם געהייסען אַז ער זאָל זיך טובל זיין אין טייך וואָס איז אינטער דער שטאָדט וועט ער האָבען אַ רפואה שלימה דער מענש האָט אזוי געטוהן ער האָט זיך טובל געוועזען אין טייך אין איז תיכף געזונד געוואָרען דער מענש איז אַ היים געפאָהרען אין ער האָט אָבגיטרעטען ביי דעם יוּד הקדוש אין ער האָט איהם דער צעהלט ווי אַזוי איהם איז פאָרגעקומען אין ער האָט געבעטען דעם יוּד הקדוש אַז ער זאָל איהם זאָגען ווער דער שלום איז האָט דער יוּד הקדוש איהם געזאָגט דער מענש איז אין ערשטען גלגול געוועזען אצדיק גאַר איין חטא האָט ער געהאַט אַז ער האָט ניט געדאַווענט ביי הודו בכונה האָט מען איהם געפסקנ'ט אַז ער זאָל מגילגול ווערין האָט ער מורא געהאַט אַז ער זאָל ניט זינדיגען אויף דער וועלט אין ער האָט געטענ'ט פאַר דעם בית דין של מעלה אַז ער האָט מורא מגילגול צו ווערען מען שיקט איהם אַראָב אויף דער וועלט אַז ער זאָל פערריכטען וואָס ער האָט פריהר קאַליע געמאַכט האָט ער מורא אז ער זאָל ניט נאָך מעהר קאַליע מאַכען האָט מען איהם צו געזאָגט אַז מען וועט ביי איהם צו נעמען די בחירה דאָס ער וועט שטענדיג זיין שיכור אין ער וועט ניט זינדיגען האָט דער יוּד הקדוש אויסגעפיהרט אַז אמענש דאַרף זיין געהיטען צו דאַווינען אין אָהנהייב בכונה:

דער רבי ר׳ בנים האט אמאהל דערצעהלט עס איז געוועזען אגרויסער גוטער יוד וואס ער האט גיבעטען בייא השי״ת אז ער זאל איהם ווייזען דעם צדיק הדור האט מען איהם געוויזען אין וועלכער שטאדט דער צדיק הדור געפינט זיך ער איז געפאהרען אין דער שטאדט אריין און ער האט גיט חוקר ודורש געוועזען און ער האט איהם ניט געפינען האט ער תפלה געטוהן צו השי״ת אז ער זאל איהם ווייזען אין וועלכען הויז דער צדיק הדור געפינט זיך מען האט איהם געוויזען דאס הויז וואס דער צדיק הדור געפינט זיך דארט אין דעם הויז איז געוועזען א שענק דער רבי איז אריין געגאנגען אין שענק אריין און ער האט גיט א דורך געקוקט אלע מענשען וואס זענען דארט געוועזען ער האט ניט אהנגעזעהן אין קיין שום מענש וועלכעס ער זאל זיין דער צדיק הדור נאר ער האט געזעהן א מענש א שיכור דרעהט זיך ארום אין שענק ער דרעהט זיך ליידיג ער טוהט גאר ניט נאר תפלין האט ער איהם געזעהן לייגען. דער רבי האט אהנגעהויבען חוקר דורש צו ביי דעם בעל הבית וועגען דעם מענש ער האט איהם גיפרעגט וואס דער מענש טוהט ביי איהם איך זעה דאך אז ער טוהט דיר גאר ניט וואס דרעהט ער זיך ביי דיר ארום אין שטיב. האט איהם דער בעל הבית געענטפערט דער מענש איז ביי מיר א משרת ער וויל פון מיר בשום אופן ניט א וועק געהן און ער וויל גאר ניט טוהן איך האב איהם ארויס געווארפען האב איך אבער געזעהן אז כל זמן ער איז ביי מיר געוועזען אין שטיב האב איך געהאט פרנסה און אז איך האב איהם ארויס געווארפען האב איך ניט געהאט קיין פרנסה האב איך איהם געמוזט צוריק אריין נעמען אין שטיב אריין האט דער רבי פערשטאנען אז דאס איז דער צדיק הדור. האט דער רבי ווייטער מתפלל געוועזען צו השי״ת אז ער זאל איהם ווייזען וועהר דער צדיק איז האט מען איהם געוויזען פון הימעל אז דער מענש איז שוין געוועזען איינמאהל אויף דעם עולם און ער האט אויף זיך ניט געהאט קיין שום חטא נאר וואס ער האט ניט מכוין געוועזען ווען ער האט געזאגט די פרשה אזהו מקומן איז ער נאך אמאהל געקומען אויף דעם עולם אז ער זאל דאס מתקן זיין דער גרויסער גיטער יוד וואס דער רבי ר׳ בינם האט געזאגט האט ער געמיינט דעם יוד הקדוש זי״ע ועכי״א:

דער רבי ר׳ מאיר הלוי מסטאבניק איז געוועזען פון די גרעסטע תלמידים פון רבין מלובלין און אמאהל פלעגט ער צו פאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער רבי מלובלין האט אמאהל געזאגט צו ר׳ מאירן אז ער זאל מתפלל זיין אז דער יוד הקדוש זאל האבען אריכת ימים ממילא

וועט

וועט זיין פאר איהם אויך אגרויסע טובה וויל ווען איינער איז מתפלל פאר דעם צדיק וועגען איז עס א גרויסע טובה פאר דעם מתפלל. אין אצייט ארום איז ער ווייטער געוועזען אין לובלין און ער איז געזעסען לעבען דעם רבין ביי דעם טיש האט זיך דער רבי צו איהם צו געבויגען אין ער האט איהם גיפרעגט צו ער איז מתפלל פאר דעם יוד הקדוש׳ס וועגען האט ער איהם געענטפערט אז צייט דער רבי האט איהם געהייסען מתפלל זיין פאר דעם יוד הקדוש׳ס וועגען איז ער יעדער טאג מתפלל ער האט נאך ניט קיין טאג פערפעהלט האט איהם דער רבי גיענטפערט גיט גיט אך תיכף האט דער רבי אהנגעהויבען צו ריידען אויף דעם יוד הקדוש די חסידים האבען גירעכענט אז ר׳ מאיר דערצעהלט שלעכטס אויף דעם יוד הקדוש פאר דעם רבין אין מען האט עס דערצעהלט דעם יוד הקדוש אז ר׳ מאיר סטאבניצער האט אויף איהם גירעדט שלעכטס פאר דעם רבין ווי ר׳ מאיר איז שוין אהיים געקומען האט זיך איהם געחלומט אז א גרויסער לייב יאגט איהם נאך און ער וויל איהם הרגינ׳ן ער האט זיך אויף געכאפט האט ער פערשטאנען אז דער לייב איז דער יוד הקדוש אין מן הסתם האבען מענשען דערצעהלט דעם יוד הקדוש אז ער האט אויף איהם גירעדט שלעכטס אין ער האט תיכף געשיקט זיינע צוויי מקורבים צום יוד הקדוש אין ער האט זיי גאר ניט אהנגעזאגט וויל ער האט געוויסט אז ער וועט אליין וויסען צוליעב וואס ער האט זיי געשיקט ווי זיי זענען אריין געקומען צום יוד הקדוש האט ער זיי געזאגט הגם עס איז שוין אלעס רעכט אין ער האט שוין אייך ניט בעדארפען שיקען

נאר בדיעבד האט ער גלייך געטאהן וואס ער האט אייך געשיקט:

## דער יוד הקדוש איז אמאהל געפאהרען מיט דעם רבין ר׳ בינם קיין

רימינאוו צו ר׳ מענדעלי רימינאווער עס איז געווארען אגרויסער

רעש אין רימינאוו אין ר׳ מענדעלי האט זיך אויף צו געגרייט מקבל פנים זיין דעם יוד הקדוש ווי ער איז אהנגעקומען אין ר׳ מענדעלי האט דערהערט אז דער יוד הקדוש איז שוין לעבען זיין הויף איז ער איהם א קעגען געגאנגען אין ער האט איהם אריין געפיהרט צו זיך אין שטוב אריין מיט גרויס כבוד אין ער האט געמאכט פאר זיינעט וועגין א סעודה אין מיטען דער סעודה האט זיך ר׳ מענדעלי דערמאנט פון דעם מחלוקת וואס דער יוד הקדוש האט מיט דעם רבי׳ן מלובלין און וויל ר׳ מענדעלי איז געוועזען דעם רבינ׳ס א גרויסער ידיד האט ער געוואלט מעניש זיין דעם יוד הקדוש אין ער האט איהם געהייסען זאגען תורה אין ער האט געוואלט

געוואלט ביי איהם צו נעמען די מדרגות דער רבי ר׳ בינם האט דאס מרגיש געווען האט ער געזאגט צום יוד הקדוש רבי פאלגט מיך און זאגט ניט אפילו קיין איין ווארט איך בין שטענדיג צווישען סוחרים זעה איך אז דער מענש וואס איז אין געשעפט האט מעהר דעה ווי דער איגענטימער וויל דער מענש האט מעהר ידיעה אין געשעפט מעהר ווי דער סוחר אליין ע״כ זאג איך אייך אז דאס געשעפט טויג ניט פאר אייך און איהר זאלט ניט זאגען קיין תורה ר׳ מענדעלי האט געזעהן מיט וואס ער האנדעלט ער האט געזעהן אז ער וועט גאר ניט קענען טוהן האט ער זיך פערענטפערט און ער האט געזאגט צום יוד הקדוש אמת איך האב אייך געוואלט טוהן וויל איהר קריגט אויף דעם רבי׳ן מלובלין און פאר וואס זאלט איהר קריגען אויף איהם האט זיך דער יוד הקדוש פערענטפערט אז ער האט נאך קיין מאהל ניט גערעדט קיין שלעכט ווארט אויף דעם רבי׳ן וואס זאל ער טוהן אז מענטשען ריידען אויף איהם רכילות דער רבי ר׳ מענדעלי האט זיין תירץ אנגענומען און ער איז געווארען פון זיינע גרעסטע פריינד זי״ע ועכי״א:

דער רבי מלובלין האט אמאהל גיפרעגט דעם יוד הקדוש בזה הלשון יוד לעבין פאר וואס דאווענט איהר אזוי גיך. האט ער איהם גיענטפערט די ווערטער זענען ביי מיר געליעבט אז איך שלינג זיי איין גיך האט איהם דער רבי גיפרעגט פאר וואס דאווען איך ניט גיך האב איך דען ניט ליעב דאס דאווינען האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אייער דאווינען איז פייער און פייער אז מען כאפט עס גיך ברייהט מען זיך אב:

דער רבי ר׳ מאיר מאפטא האט דערצעהלט פאר זיינע תלמודים אז ער איז אמאהל געווען ביי דעם יוד הקדוש בשעת ער האט זיך געזעגענט האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט איך בין זעכער אז דער יוד וואס ער זאגט ערינסט שמע ישראל מיט זיין גאנצען כח איז זיך דער בעל דבר פון איהם מיאש ער ווייסט שוין אז ער וועט מיט איהם גאר ניט מאכען נאר וואס טוהט דער בעל דבר ער גיט איהם גרויסע מדרגות און דא בעקומט ער איהם און ער טוהט שוין מיט איהם וואס ער וויל דער מענש האט אבער א עצה אז ער זאל פון איהם ניצול ווערען ער זאל געהן אין וואלד אריין און ער זאל שרייען און וויינען צו השי״ת אז ער זאל פון איהם די מדרגות צו נעמען און ער זאל זיך ניט אוועק רוהרען פון ארט ביז מען וועט פון איהם צו נעמען די מדרגות דאס האט איהם דער יוד הקדוש דערצייהלט און ער האט איהם געזעגענט דער רבי ר׳ מאיר האט ניט

ניט פער שטאנען אויף וואס דאס בעדייט אין א צייט ארום איז דער רבי ר׳ מאיר אויף געשטאנען אין דער פריה אין ער איז ארויס געגאנגען אויף דעם הויף פלוצלינג פערשטעהט ער וואס דאס עוף ריידט אין וואס די בהמה ריידט ער האט ניט געוויסט פין וואנען עס איז דאס איהם געקומען ער האט אהנגעהויבען גיט צו קלעהרען ביז ער האט זיך דערמאנט וואס דער יוד הקדוש האט איהם א מאהל געזאגט אז די מדרגות קענען א מאהל זיין פין דעם בעל דבר רחל אין איז ניט אוועק געגאנגען פין ארט נאר ער האט תפלה געטוהן אין מען האט פין איהם אלע מדרגות צו גענומען נאר איין זאך איז איהם געבליבען אין ער האט געזאגט צו זיינע תלמידים אז זיי זאלען זיך ניט צוקוקען אז זיי זאלען אויף אזוי טוהן עס איז זייער גיט פאר דער נשמה אז מען זאל זי שיקען טובל זיין אין נהר דינור. אין אז זי קומט צוריק פין דארט אין גוף אריין איז זי זייער ריין אין ער האט תיכף פערווארפען זיין קאפ אינטער דער שטוהל אין ער איז פאר חלשת געווארען אז כמעט מען האט אין איהם אהנגעזעהן אצייכען פין לעבען אין עס האט אזוי געדויערט א שעה צייט אין בוסלעכווייס איז ער וואכענדיג געווארען אין ער האט געזאגט זיינע תלמידים איך קען אייך ניט פארשטעלען דעם תענוג אין דאס לויטעקייט פין דער נשמה זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש איז אמאהל געזעסען אין געלערענט מיט זיינע תלמידים א שיעור אין מיטען לערנען האט ער זיך זייער פעקלעהרט אין א טיפען ענין אין וויל דער בחור האט געוויסט אז ווען זייער רבי פערקלעהרט זיך אין א ענין געדויערט ביי איהם א לאנגע צייט אין וויל ער איז געווען הונגעריג איז ער אהיים געגאנגען צו זיין מוטער עסין ער האט אב גיגעסין אין ער האט געוואלט צוריק געהן לערנען האט איהם די מוטער געהייסען א ראב נעמען פין בוידעם אביסעל היי ער האט אבער ניט געוואלט וויל ער האט זיך געאיילט צוריק צו געהן לערנען ער האט מורא געהאט אפשר האט שוין דער רבי אהנגעהויבען לערנען אין ער וועט זיך פערשפעטיגען. אין מוטען וועג האט ער זיך מיישב געוועזען דער עיקר פין לערנען איז אז מען זאל וויסען וואס מקיים צו זיין אין יעצט אז עס איז מיר אינטער געקומען מקיים צו זיין מצות כיבוד אם זאל איך זי ניט מקיים זיין אין ער איז צוריק געגאנגען אהיים אין ער האט א ראב גענימען דאס היי פין בוידעם אין ער איז צוריק געגאנגען לערנען ווי ער האט גיעפינט די טהיר א ריין צו געהן צום יוד הקדוש האט זיך דער יוד הקדוש אויף געכאפט פין זיין קלעהרין אין ער האט זיך פאר דעם

בחור

בחור אויף געשטעלט און ער איז געווארען זייער פריילך און ער האט ביפרעגט דעם בחור וואס פאר א מצוה ער האט געטוהן ווייל אזוי ווי דער בחור איז אריין געקומען איז מיט איהם אביי מיט געקומען און עס איז איהם פארגעשטעלט געווארען די קשיא ז״ע ועכי״א:

דער רבי ר׳ העניך מאלכסנדר איז געפאהרען פריהער קיין קאצק ער איז געוועזען זיינס א אמת׳דיגער תלמיד. אויף דער קאצקער רבינ׳ס יאהר צייט איז געקומען קיין אלכסנדר דער רבי מגור דער שפת אמת און עס איז פונקט געוועזען אין דעם טאג פון דער יאהר צייט א פדיון הבן דער אלכסנדער רבי איז געוועזען זייער צופרידען אז עס האט זיך געטראפען אין דעם טאג פון דער יאהר צייט א פדיון הבן א סעודת מצוה און דער רבי האט געשיקט זיין משמש מודיע זיין דעם רבי׳ן מגור אז ער זאל זיך צוגרייטען צו דער סעודה און דער רבי האט אהנגעזאגט אז אויף דער סעודה זאל ניט זיין נאר בלויז די חסידים וואס זיי זענען געפאהרען קיין קאצק די סעודה האט זיך אהנגעהויבען זייגער צוויי בעטאג דער רבי מאלכסנדר איז געזעסען אויבען אהן און דער גורער רבי איז געזעסען ביי זיין רעכטער האנד און די חסידים ארום ביי דעם טיש און דער רבי מאלכסנדר איז געווען זייער פריילך און ער האט געזאגט געלויבט איז השי״ת וואס עס איז אויס געקומען די יאהרצייט פונקט ווען עס א פדיון הבן זיין היילג פנים האט געלייכט און ער האט פיעל תורה געזאגט פון קאצקער רבי׳ן און ער האט דערציילט ווי אזוי ער איז געווארען א קאצקער חסיד בזה הלשון. נאך דעם ווי דער יוד הקדוש איז נפטר געווארען בין איך א גאנץ יאהר ניט געפאהרען צו קיין רבי׳ן הגם די אלע גדולי הדור האבען געזאגט אז אין טאמאשוב ברענט א היילגע פייער ובפרט איך האב געהערט פון דעם חדושי הרי״ם אז ער האט געזאגט אזוי ווי עס איז געוועזען קולות וברקים אויף דעם בארג סיני ביי קבלת התורה אזוי איז היינט די תורה בקולות וברקים אין טאמאשוב נאר עס איז פערביי געגאנגען א יאהר איז מיר איינגעפאלען איך זאל פאהרען קיין פרשיסחא און איך וועל שוין דארט זעהן וואס איך זאל טוהן איך בין געפאהרען קיין פרשיסחא און איך בין אריין געגאנגען להרבי ר׳ אברהם משה דעם רבי׳ן ר׳ בונם׳ס אזוהן מיר זענען זיך געוועזען גוטע פריינד ווי איך בין אריין געקומען האט איך געזעהן ווי ר׳ אברהם משה ליגט און בעט און ר׳ יצחק ווארקער און ר׳ יעקלי ראדזימינער שטעהן לעבען איהם האב איך פערשטאנען זיי האלטען ר׳ אברהם משה׳ן פאר א רבי׳ן האט איך געזאגט

געזאגט וואס איז דאס אברהם משה עס זעהט מיר אויס אז צו ביסט געווארען רבי ? האט מיר ר׳ יצחק ווארקער גיענטפערט אפשר גיפעלט דיר ניט זיי די רבי האב איך איהם גיענטפערט זיי די רבי און איך בין א רויס געגאנגען פון שטוב און איך בין א היים געפאהרען. ווי איך בין אהיים געקומען האב איך זיך אנידער געזעצט אויף דער שטוהל זיך אביסעל אברוהען און איך האב שטארק גיקלעהרט און געטראכט וועגען א רבי און איך האב שטארק בעדויערט וואס מיין רבי איז נפטר געווארען און איך בין יעצט געבליבען אהן ארביין איך בין אנטשלאפען געווארען און עס האט זיך מיר געחלומט אז איך בין אין טאמאשוב און דער רבי ר׳ בונם שטעהט אונטער דער שטוהל בין איך צו געלאפען צו דעם רבי׳ן ר׳ בונם און איך האב פאר איהם געוויינט און איך האב איהם געזאגט רבי ווי אזוי האט איהר מיך איבער געלאזט האט ער מיר געזאגט די זעהסט ניט און ער האט מיר געוויזען מיט דעם פינגער אויף דעם ווארקער רבי׳ן; איך בין תיכף געפאהרען קיין טאמאשוב אזוי ווי איך בין אריין געקומען צום רבי׳ן האט ער צו מיר געזאגט יעצט ווייסטו שוין ווער עס איז רבי אין פרשיסחא און ער האט מיר דערציילט ווי אזוי ער איז געווארען דעם רבי׳ן ר׳ בונם׳ס תלמיד בזה הלשון. ווען איך בין געוועזען נאך ביי דעם יוד הקדוש דאך האב איך ניט געקוקט אויף קיין שום שיינעם יוד איך בין עטליכע יאהר געפאהרען צום יוד הקדוש ווען דער יוד הקדוש איז שלאף געווארען האט מען שטארק איינגעריסען און איך האב זיך געשטעלט אונטער דעם אויבען און איך האב געטוהן וואס איך האב בעדארפען איז צו מיר צו געקומען איינער און ער האט מיר געזאגט רייס ניט איין עס איז פערפאלען. איך האב אויף זיינע רייד ניט געקוקט און איך האב ווייטער תפלה געטוהן און דער יוד הקדוש איז פארט נפטר געווארען און ביי דער לוי׳ איז צו מיר ווייטער דער אייגענער צו געקומען און ער האט צו מיר געזאגט די זאלסט וויסען דער יוד הקדוש איז טאקי נפטר געווארען נאר זיין יראת חטא איז ביי מיר געבליבען דאס איז געוועזען דער רבי ר׳ בונם די זאלסט ניט רעכענען אז יראת חטא איז א קליינע זאך די זאלסט וויסען אז יראת חטא איז גאהר א גרויסע זאך איך האב זיך ניט געמאכט פון די רייד און איך בין געפאהרען צו ר׳ לייביש שידלאווצער איך בין דארט געוועזען א האלב יאהר און קיין שום מענש האט פון מיר ניט געוויסט און איך האב דארט שטארק געליטען הונגער און קעלט. און ווינטער בין איך געשלאפען אויף אבוידים אז איך האב זיך גישטעלט דאווינען און איך האב אהנגעשפארט

מיינע הענד אין דער וואנד זענען מיינע הענד צו גיקלעבט געווארען צו דער וואנד דורך דער קעלט דאס בלוט איז געריננען פון די הענד דורך דער קעלט. אין נאך דעם דאווינען האב איך ניט געהאט קיין עסן איך האב זיך שוין געהאט מייאש געוועזען פון לעבין אין השי״ת האט מיר צוגעשיקט אמענש ער האט געהייסען משה ארנאוויטש ער האט געהאט אויף מיר גרויס השגחה אין ער האט מיר יעדען פאר נאכט געגעבען עטליכע בייגיל מיט גריטץ איך בין שטארק פערשווארצט געווארען. איך האב אבער געזעהן אז דאס איז ניט פאר מיר קיין תכלית איך זאל דא זיין האב איך זיך דערמאנט אז בעת דער יוד הקדוש איז נתתלק געווארען האט מיר דער רבי ר' בונם געזאגט אז די יראת חטא איז ביי איהם געבליבען בין איך געפאהרען קיין פרשיסחא צום רבי'ן ר' בונם אין איך בין געווארען זיין תלמוד אין נאך האט דער קאצקער רבי מיר געזאגט אז ווען ר' אברהם משה דעם רבי'ן ר' בונם'ס זוהן זאל מיך געוועזען פאלגען אין ניט ווערען קיין רבי וואלט ער לאנג געלעבט נאר וואס זאל איך טוהן ער האט מיך ניט גיוואלט פאלגען אין ער האט טאקי ניט לאנג געלעבט ער איז געוועזען רבי צוויי יאהר אין ער איז נפטר געווארען דאס אלעס האט איהם דער קאצקער רבי דער צוילם דער רבי מאלכסנדר איז געוועזען זייער פריילך מען האט פיהל משקה געטרינקען אין מען האט פיהל תורה געזאגט. נאך דעם בענטשען האט ער געזאגט איך בין געוועזען א תלמוד ביי דעם יוד הקדוש אין ביי דעם רבי'ן ר' בונם אין גם בקאצק וגם בגור אין איך זאג אויך אז ווער עס טוהט ניט קיין תשובה וועט איהם זיין ביטער איך וועל פון אייך אדערען טרעגען קומט אהער וועל איך אייך לערנען ווי אזוי מען טוהט תשובה אין ער האט זיך אויף גישטעלט אין ער האט מיט אגעוויין געזאגט צו וואס טויג אינז דאס לעבען אויב מיר האבען נאהר איינמאהל דערצערענט אינזער בורא איז דאך דאס גיהנם פאר אינץ ווינציג. א מענש דארף ביי זיך זיין נבזה אין נידריג אין זיך שעהמען פאר הקב״ה אלע מענשען וואס זיי זענען דארט גיוועזען איז אין זיי די הערצער צו גאנגען פון וויינען אין ער האט ווייטער געזאגט עס איז דא יונגע לייט מפלגי תורה האבען זיי אבער אין זיך גיאות דאס איז דאך בלויז עבודה זרה דאס גיט אריין בהקליפות עס איז גלייכער אז מען דערלעבט עס ניט זענען זיי זיך אפילו מיישב אין זיי ווארפען פון זיך אוועק דאס גיאות געהט זיך אויף חלשות אהן זיי ווערען צו בראכען אין דאס איז אויך עצת היצר ער זאל אריין ווארפען דעם מענש אין עצבות אריין איהר

איהר מיינט אז איך קען אייך ניט מען מיז ארבייטען מען זאל זיין ביי זיך גבוה אין שרייען געוואלט מען וויל מיך הרגנין דער עיקר איז גמרא און פוסקים אין ישוב הדעת אין צו זיין דבוק אין צדיק הדור דער רבי איז ארויין געגאנגען אין זיין חדר אריין און ער האט בעגלייט דעם שפת אמת ביז אויף דער גאס דער שפת אמת האט געזאגט ער שיסט מיט פייער זי״ע עכי״א:

דער רבי ר' בינם האט אמאהל גיפרעגט דעם יוד הקדוש די זאגט „כל המחובר לטהור טהור" דאס איז טייטש דער מענש ווע״ס בעהעפט זיך צו א ריינעם מענש צו אצדיק ווערט ער אויך ריין א צדיק היתכן פאר וואס זאל דאס אזוי זיין א צדיק וואס ער איז כל ימיו אבגעשיידט פון דער וועלט און ער דינט גאט ב״ה כל ימיו במסירת נפש און דער מענש וואס ער בעהעפט זיך צו דעם צדיק זאל זיין גלייך ריין ווי דער צדיק האט איהם דער יוד הקדוש געענטפערט אז מען וויל זיך באמת בעהעפטען צו אצדיק איז אגרעסערע עבודה ווי צו זיין אליין א צדיק און ער האט געזאגט אז ווען משיח וועט קומען וועלען אלע צדיקים איהם א קעגען געהן יעדער רבי וועט געהן מיט זיינע חסידים עס וועט זיך געפינען אזעלכע רבי״ס וואס משיח וועט זיי זאגען געהט אוועק פון מיר מיט אייערע חסידים וועלען די חסידים צו געהן צו משיחן און זיי וועלען פאר איהם וויינען און זיי וועלען זאגען וואס זענען מיר שולדיג מיר האבען דאך גערעכענט און מיר האבען געהאט אמונה אז איבוער רבי איז דער אמת׳דיגער צדיק הדור וואס זענט איהר און כעס אויף אינז וועט זיי משיח ענטפערען כל זמן דער מענש לעבט דארף ער בעטען צו השי״ת אז ער זאל זוכה זיין זיך צו בעהפטען און דעם אמת׳דיגען צדיק און השי״ת איז ממלא דעם מענשים בקשה און אז איהר זאלט אייך געווען וועלין מדבק זיין צו דעם אמת׳דיגען צדיק וואלט אייך השי״ת געוויזען דעם אמת׳דיגען וועג איז דאך א סימן אז איהר האט ניט געמיינט ערינסט. השי״ת זאל אינז העלפען אז מיר זאלען זוכה זיין זיך מדבק זיין אין דעם אמת׳דיגען צדיק אז מיר זאלען ניט מבוייש ווערען ווען מיר וועלען א קעגען געהן משיחן בקרוב במהרה בימינו אמן:

דער יוד הקדוש האט אמאהל געזאגט צו זיין זוהן ר' ירחמיאל וואס שטעהט אין פסק „ואתה עיף ויגע ולא ירא אלקים" די ביזפ מיצד אין אבגעמאטערט און די האסט ניט קיין מורא פאר גאט ב״ה אז דער מענש איז מיצד נאך דעם דאווינען איז א סימן אז ער האט ניט קיין מורא

מורא פאר גאט ב״ה ווייל עס שטעהט וקוי ד׳ וחליפו כח״ די וואס האפען צו גאט ביי זיי דערפרי״שט זיך דער כח:

דער רבי ר׳ בינם האט א מאהל גזעהן אין א שאצקאמער א גאלדינע זאנג מיט גאלדינע תבואה זי איז אזוי געוואקסען אין פעלד איז יעדען איינעם געוועזען א וואונדער האט דער רבי ר׳ בינם געזאגט עס קען קיינער נים גלייבען אז עס זאל וואקסען אין פעלד א גאלדינע זאנג נאר דער וואס ער האט עס געזעהן מיט זיינע אויגען אזוי דער מענש וואס ער האט ניט געקענט דעם יוד הקדוש קען זיך נים גלייבען אז עס זאל זיין אזא ב״ זה אויף דער וועלט זי״ע עכי״א:

דער יוד הקדוש איז א מאהל געגאנגען מיט זיין תלמיד ר׳ פרץ אויף דעם פעלד האבען זיי גיהערט עופות ריידען האט ר׳ פרץ געזאגט צו זיין רבין איך וואלט געוואלט וויסין וואס די עופות ריידען האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אז די וועסט וועלען פערשטעהן וואס די ריידסט וועסטו קענען פארשטעהן וואס די עופות ריידען:

דער לובלינער רב הגאון ר׳ עזריאל הארוויץ דער אייזערנער קאפ האט א מאהל גיפרעגט דעם יוד הקדוש פאר וואס דער רבי פון לובלין זיצט סגור ומסוגר אין א משמש שטעהט ביי דער טוהר האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט די צדיקים ווערען אהנגערופען עיני העדה ראשי העדה די אויגען פון דער עדה פינקט אזוי ווי מיר זעהן אז צי דיא אויגען איז בעשעפען געווארען ברעמען - אין מענטשען זאגען מען האט די זאך אזוי ווי א אויג אין קאפ זעהן מיר דאך אז דאס אויג דארף מען היטען מעהר פון אלע אברים אין דעם קאפ זעהן מיר אויך אז מען האט איהם מעהר ליעב פון דעם גאנצען גוף אזוי דער צדיק וואס הייסט די אויגען פון דער עדה אין דער קאפ פון דער עדה ע״כ דארף מען דעם צדיק היטען מעהר פון אלע מענשען:

דער רבי ר׳ מרדכי דוד מדאמבראווי איז געוועזען פון די גרעסטע תלמידים פון רבין מלובלין אמאהל האט איהם דער רבי געזאגט אז ער וועט אין דעם יאהר אין דעם טאג נפטר ווערען ע״כ זאל ער קומען קיין לובלין אויף דער צייט. נאך פסח איז ר׳ מרדכי דוד געפאהרען קיין לובלין מיט זיין זוהן ר׳ יוסיל דאמבראווער אין ער האט מיט זיך מיט גענומען דעם קיטעל זיין ווייב האט זיך אויף דעם שטארק געוואונדערט פאר וואס ער נעמט זיך מיט דעם קיטעל אין זי האט איהם גיפרעגט ער האט

האָט איהר אָבער ניט געוואָלט אויס זאָגען ער איז געקומען קיין לובלין און ער איז אלע נאַכט אַריין געגאַנגען צום רביין דער רבי האָט איהם געזאָגט וואָס ער דאַרף טוהן ר׳ מרדכי דוד האָט יעדען טאָג געפאַסט ער איז גאָר געזעסען על התורה ועבודה און פון פיעל פאַנגינגען זיך איז ער שלאַף געוואָרען דער יוד הקדוש איז דאַמאָלסט געוועזען אין לובלין און ער איז אַריין געגאַנגען מבקר חולה זיין ר׳ מרדכי דוד׳ן ער האָט מיט איהם אָהנגעהויבען צו שמיסען ער האָט געזעהן אַז דאָס איז ניט קיין פּראָסטע זאַך ער האָט געהייסען אַלע מענשען אַרויס געהן און ער איז געבליבען אַליין מיט ר׳ מרדכי דוד׳ן און שטיב ר׳ מרדכי דוד האָט איהם דער צייהלט אַז דער רבי מלובלין האָט איהם געזאָגט אַז ער דאַרף די טעג שטאַרבען האָט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט איך זעה אויף דיר ניט קיין שום שלעכטץ פאָלג מיך און טרינק מיט מיר אַ ביסעל יי״ש די וועסט מיט השי״ת הילף בלייבען לעבען און עס איז אַזוי געוועזען צווי אַ זייגער ביינאַכט פונקט אין דער צייט וואָס דער רבי האָט געזאָגט אַז ר׳ מרדכי דוד וועט שטאַרבען איז געוואָרען אַ געשריי און דעם זעלבען הויז וואָס דער רבי האָט געוואָהנט אַז מאָטעל שענקער איז פּלוצלינג שלאַף געוואָרען מען איז אַריין געקומען מיט אַ געשריי צום רביין האָט דער רבי געזאָגט עס איז פערפאַלען איך האָב געזעהן אַז מרדכי דוד בן משקא דאַרף די נאַכט שטאַרבען האָב איך געמיינט אויף ר׳ מרדכי דוד דאָמבראָווער יעצט זעה איך אַז מען מיינט גאָר דעם מרדכי דוד ווייל זיי האָבען ביידע געהייסען מרדכי דוד בן משקא און עס איז אַזוי געוועזען דער מרדכי דוד שענקער איז געשטאָרבען און ר׳ מרדכי דוד דאָמבראָווער איז געזונד געוואָרען :

דער זאַקלקאָווער רב ר׳ יהודה לייב דער בעל מחבר פון ספר לקוטי מהרי״ל האָט שטאַרק גערודיפט דעם יוד הקדוש דער יוד האָט זיך מתנצל געוועזען פאַר דעם קאָזיניצער מגיד אַז דער זאַקלקאָווער רב רודפ׳ט און איהם· אַז דער קאָזיניצער מגיד האָט גיהערט אַז דער יוד הקדוש קומט צו איהם האָט ער געהייסען שרייבען צום זאַקלקאָווער רב אַז ער זאָל אויך קומען דער זאַקלקאָווער רב איז געפאָהרען קיין קאָזיניץ און ער האָט מיט גענומען זיין זוהן ר׳ שמעלקי ביי שלש סעודות האָט דער יוד הקדוש געזינגען דאָס קאפּיטעל הללויה אודה אַז ער איז געקומען צו דעם פסוק ״סמוך לבו לא יירא וכו׳״ זיין האַרץ איז פערזיכערט ער טוהט ניט מורא האָבען ביז ער זעהט אנקמה אין זיינע שונאים האָט

ער געמאַכט משונהדיגע תנועות האָט דער זאקליקאָבער רב געמאַכט מיט זיינע פינגער אַפּייג אין ער האָט איהם געוויזען און ער האָט צו געזאָגט נאַ דיר. דעם זאקליקאָבער רב׳ס זוהן איז אָבער דעם יוד הקדוש געפעלען ווען זיי זענען אהיים געקומען האָט דער זאקליקאָבער רב ווייטער גערעדט אויף דעם יוד הקדוש זיי האָבען זיך ביידע מתוכח געוועזען האָט דער זאַקליקאָבער רב גיפרעגט זיין זוהן ווער פון אינז ווערד נדחה האָט דער זוהן גיענטפערט איך. האָט דער זאַקליקאָבער געגעבען אַ גישריי ווער איז מיר אויף זיין זוהן און ער איז מיט איהם תיכף געפאָהרען קיין לובלין דער רבי האָט געזאָגט עס איז פאַרפאַלען איך קען גאָר ניט העלפען און ער איז אין לובלין נפטר געוואָרען דער זאַקליקאָבער רב איז אַ היים געקומען האָט איהם זיין ווייב גיפרעגט ווי דער זוהן איז האָט ער איהר גיענטפערט איך האָב איהם אַריין געגעבען אין אַ ישובה אַריין:

ווען דער יוד הקדוש איז שוין געוועזען בעשמט פאַר אַ גרויסען וועלטיש גאון איז איינמאָהל געקומען צוויא גרויסע גבירים האָבען אַ דין תורה און עס איז געוועזען אַ גרויסער דין תורה אויף אַ סאַך געלד איז געקומען דער בעל דין וואָס מען האָט איהם געמאָהנט און האָט געבראַכט דעם יוד הקדוש זכרונו לברכה אַ מתנה הינדערט רענדליך גאָלדענע און האָט געזאָגט איך גיב נישט חלילה דאָס געלד פאַר קיין שוחד. נאָר אַז דער רבי וועט אַליין זעהן אַז איך בין גערעכט האָט דער יוד הקדוש צו גענימען ביי איהם דאָס געלד און האָט צו געזאָגט איהם צו טוהן אַ טובה איז ער אַ וועק געגאַנגען, ביינאַכט האָט דער יוד הקדוש געשיקט רופען אַלע זיינע קינדער און האָט אָהנגעזאָגט זיין ווייב אַז זיא זאָל אָהנגרייטען אַ גרויסע סעודה פאַר אַלע קינדער האָט די רביצען אַזוי געטהון און ביינאַכט זענען זיך צונויף געקומען אַלע קינדער און ווי זייא האָבען אָב געגעסען און אָב געטרונקען האָט דער יוד הקדוש אַ רויס גענימען די הינדערט גאָלדענע רענדלעך און האָט זייא אַזוי איבער געציילט ווי די קינדער האָבען איהם געזעהן ציילען דאָס געלד האָבען זייא זיך זייער געפריידט דען זייא האָבען געמיינט אַז ער וועט עס זייא צו טיילען אָבער ווי ער האָט עס איבער געציילט האָט ער צוריק אַריין געלייגט אין קעשענע אַריין און האָט זייא געזאָגט. איך האָב אייך גערופען כדי איהר זאָלט אייך פון מיר דיא זאַך אָב לערנען אַז השי״ת וועט העלפען אַז איהר וועט זיין רבנים אָדער פרנסים זאָלט איהר נישט זיין פערקויפט צום געלד. און האָט זייא דערציילט דיא גאַנצע מעשה. און האָט זייא געזאָגט

געזאָגט איך ווייס פאַר געוויס אַז דער בעל דין האָט געזעהן אַז איך האָב בייא איהם צו גענומען דאָס געלד האָט ער זיך געפריידט און ער רעד זיך שוין איין אַז ער האָט געוואונען דיא דין תורה אָבער ער ווייסט נישט אַז מאָרגען וועל איך איהם דאָס גאנצע געלד צוריק געבען · דען איך וועל נישט פערקויפען מיין נשמה אפילו פאַר מילאָנען און צו מאָרגענס ווייא דיא בעלי דינים זענען אַריין געקומען האָט דער יוד הקדוש אַרויס גענומען דיא הינדערט רענדלען און האָט זייא צוריק געגעבען דעם בעל דין און האָט נישט געוואָלט פסקינען דיא דין תורה און ער האָט געזאָגט אַז איהר האָט אפשר נישט געמיינט מיך אָב צו קויפען אָבער אַז מען נעמט נאָהר געלד ווערד מען שוין אַליין פערדריים:

דער רבי ממאגעלניצאַ איז געוועזען דעם קאָזניצער מגידס אַ אייניקעל ער האָט שטאַרק חשק געהאַט צו פאָהרען צום יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האָט אויך געוואָלט אַז ער זאָל ביי איהם לערנען נאָהר דער מגיד האָט איהם ניט געלאָזט אַ וועק פון זיך וויל ער האָט געזאָגט אַז ער וועט ניט קענען זיין אָהן איהם וויל ער האָט איהם שטאַרק ליעב געהאַט אַמאָהל איז דער יוד הקדוש געוועזען ביי דעם מגיד און זיי זענען געוועזען ביידע אין אַ בעזינדער חדר און זיי האָבען צווישען זיך געשמועסט סודות התורה עס איז קיינער דאָרט ניט געוועזען נאָר דעם מגידס אייניקעל דער רבי ממאגעלניצע ווען ער איז נאָך געוועזען אַקליין קינד ווען דער יוד הקדוש איז אַרויס געגאַנגען האָט ער געזאָגט צו די חסידים ווען איהר זאָלט וויסען וואָס מיר האָבען דאָ געשמועסט וואָלט איהר נתפעל געוואָרען האָט זיך דאָס קינד אָהנגערופען איך ווייס אַללעס וואָס איהר האָט געשמועסט האָט איהם דער יוד הקדוש צו גערופען און ער האָט איהם בעהייסען זאָגען וואָס ער האָט געהערט ער האָט איהם אַללעס דערצעהלט וואָס זיי האָבען געשמועסט דער יוד הקדוש איז פון דעם נתפעל געוואָרען און ער איז אַריין געגאַנגען צום מגיד און ער האָט איהם געזאָגט איהר האָט אַ אייניקעל איז ער אַגרויסער בעל מדרגה עס פעהלט איהם ניט נאָר אַ שטריימעל האָט איהם דער מגיד געענטפערט איך ווייס שוין דאָס פון לאַנג זיי״ע:

דער רבי ממאגעלניצע איז געוועזען אין לובלין בשעת עס איז אָהנגעקומען די ידיעה אַז דער יוד הקדוש איז נסתלק געוואָרען און וויל עס איז געוועזען אַגרויס מחלוקת צווישען די לובלינער חסידים און צווישען צו פרשיסחער הסידים האָט ער מורא געהאַט צו וויינען די חסידים און די אוגען

אויגען אריין אין ער ארויס געגאנגען אינטער דער שטאדט אין ער איז ארום געגאנגען אין געוויינט דער רבי פון לובלין איז פון דעם געוואָהר געוואָרען האָט ער איהם געשיקט רופען אין ער האָט צו איהם געזאָגט מאיר לעב איך בעט דיך אז די זאָלסט ניט וויינען אין ער האָט אריין גערופען זיין משמש אין ער האָט איהם געזאָגט זאָג עדות אויף מיר אז בשעת איך האָב גיהערט די בשורה האָב אין זיך געקאָלערט אין דער ערד אין איך האָב געוויינט נאָר דאָך וואָס עס איז פערביי געגאנגען איז דאָך פערפאלען דער יוד הקדוש איז טאַקי נפטר געוואָרען אָבער דעם גאָט האָבען מיר דעם זעלבען אין איך בעט דיך אז די זאָלסט שוין מעהר ניט וויינען אין ער האָט איהם שטאַרק געטרייסט:

## צווישען ליזענסק

אין לאַנציט האָט געוואָהנט אמלמד אַ בעל מדרגה ער איז געוועזען דעם רביין ר׳ אלימלך׳ם אַתלמיד.

אַמאָהל איז ער געפאָהרען אויף שבת קיין לאַנציט דער רבי מלובלין האָט נאָך דאַמאָלס געוואָהנט אין לאַנציט אין דער רבי ר׳ אלימלך האָט דאָס מרגיש גיוועזין אין ער האָט געהאַט גרויס הקפדה מוצאי שבת האָט דער רבי ר׳ אלימלך געהייסען איינשפאַנען די פיהר אין ער איז געפאָהרען צו דעם מלמד דער מלמד האָט דאָס תיכף אין לאַנציט מרגיש געוועזען אין ער איז אַהיים געפאָהרען דער רבי ר׳ אלימלך איז אָבער פריהער אָהן געקומען פאַר דעם מלמד האָט דער רבי ר׳ אלימלך גיפרעגט דעם מלמד׳ס ווייב ווי איהר מאַן איז האָט זי איהם גיענטפערט ער וועט תיכף קומען זי האָט איהם ניט געוואָלט אויס זאָגען אַז איהר מאַן איז געפאָהרען קיין לאַנציט דער ווייל איז דער מלמד אָהנגעקומען האָט איהם דער רבי גיפרעגט ווי בסטו געוועזען האָט ער איהם גיענטפערט דער רבי האָט זיך ארויף געזעצט אויף דעם זיבעטין הימעל אין מיר קענען צו אייך ניט צו קומען אין דאָרט אין לאַנציט איז דאָ אַ לייטער וואָס דורך דער לייטער קענין מיר ארויף געהן צום רביין האָט דער רבי ר׳ אלימלך געזאָגט צום מלמד זאָג אָהן אַ צוואה ווייל די וועסט שטאַרבען אין ער איז טאַקי אין דער זעלבער וואָך נפטר געוואָרען. האָט דער רבי מלובלין געזעהן אַז עס וועט ניט גוט זיין אַז ער וועט וואָהנען אין לאַנציט האָט ער זיך אויס געצויגען קיין ראָזווידוב אין ער האָט דאָרט געוואָהנט אַ יאָהר נאָך דעם האָט ער זיך אויס געצויגען קיין לובלין אין ווייל ער האָט פערשאַפט חולשות הדעת דעם רביין ר׳ אלימלך וואָס ער איז געוואָרען רבי בחיו האָט השי״ת מסבב געוועזען אַז דער יוד הקדוש זאָל ווערען רבי בחיי הרבי מלובלין זי״ע ועכי״א:

דער

דער רבי ר' בינם איז אמאהל געקומען צום יוד הקדוש און ער האט זייער שלעכט אויס געזעהן האט איהם דער יוד הקדוש גיפרעגט פאר וואס ער זעהט אויס אזוי שלעכט האט ער איהם גיענטפערט אז עס האט איהם איינער מבייש געווען האט איהם דער יוד הקדוש גיפרעגט ווער עס האט איהם מבייש געווען וויל ער האט איהם געוואלט מעניש זיין האט ער איהם ניט געוואלט זאגען האט איהם ווייטער דער יוד הקדוש גיפרעגט וואס ער האט. דעם מענטש געטוהן נאך דעם ווי ער האט איהם מבייש געווען. האט ער איהם גיענטפערט איך האב איהם געגעבען א קיש דער יוד הקדוש האט זיך זייער אויף דעם פערווינדערט און ער האט איהם געהייסען אז ער זאל איהם זאגען ווער דער מענטש איז האט ער איהם דערציילט אז איך האב א ריין געקוקט אין ספר שבט מוסר האב איך געזעהן אז איך האב נאך גאר ניט געטוהן וואס א יוד דארף טוהן בין איך שטארק מבויש געווארען אז מיין נשמה איז כמעט פון מיר א וועק איך האב אבער געזעהן אז עס איז אלעס אמת וואס אין דעם ספר שטעהט האב איך גיקישט דאס ספר און איך האב עס אריין געשטעלט צווישען די ספרים

דער יוד הקדוש האט זיך שטארק גיפריידט אויף זיין חכמה:

דער רבי ר' שלמה לייב מלענטשנא איז א מאהל געזעסען שבועות ביינאכט ביי דעם טיש אין האט געזאגט פאר דעם יוד הקדוש וועגען אז שבועות ביינאכנט זאגט מען ניט קיין תורה וויל דרך ארץ איז דאך פריהר פאר די תורה און עס איז ניט קיין דרך ארץ היינט ביינאכט צי זאגען תורה איז מארגען וועלין מיר מקבל זיין די תורה נאר וואס טוהט מען ביינאכט מען גרייט זיך צי די קבלת התורה באימה וביראה און אזוי ווי ער האט די ווערטער געזאגט האט ער אהנגעהויבען ציטערין ער האט זיך אהנגעהאלטען מיט ביידע העגד ביי דעם טיש און עס האט איהם גאר ניט געהאלפען מען האט איהם געמוזט א וועק נעמען פון דעם טיש און מען האט איהם געלייגט אויף דעם בעט און ער איז זיך א ביסיל געלעגען אויף דעם בעט ביז ער האט זיך בערוהיגט און ער איז צוריק געגאנגען צים טיש זי"ע ועכי"א:

דער יוד הקדוש האט געזאגט אז שבת ביי שלוש סעודות איז א זמן תשובה לרבים און ער האט אויף דעם געזאגט אמשל א קייסער האט בעפוילען אין א שטאדט אריין אז מען זאל איהם צי גרייטען שיינע דירות אויף א בייששטימטע צייט. דיא קלוגע האבען תיכף אהנגעהויבען צו צי גרייטען דירות פאר דעם קייסערס וועגען און מסדר זעגען

זענען זיי ווינציג בשעפטיגט געווען נאר די גאנצע צייט זענען זיי נאר געווען בעשעפטיגט ריין צו מאכען די דירות. אבער די טיפשים זיי האבען זיך גאר ניט וויסענדיג געמאכט וועגען דעם זיי האבען נאר עוסק געווען אין מסחר. דער קייסער איז אהנגעקומען האט ער זיך געפריידט מיט די חכמים ער האט אבער גיצערענט אויף די טיפשים. ווען דער קייסער איז געגאנגען א וועק פאהרען זענען די טיפשים געגאנגען צום קייסער און זיי האבען איהם געבעטען אז ער זאל זיי מוחל זיין וואס עס איז געווען. און זיי האבען איהם צו געזאגט אז אויף דעם צווייטען מאהל ווען ער וועט קומען וועט שוין זיין אלעס אין ארדינונג. דאס נמשל פון דעם איז דער חכם גרייט זיך צו אגאנצע וואך אז עס וועט קומען שבת זאל קענען אויף איהם שורה זיין די קדושה פון שבת אבער די טיפשים זענען עוסק אגאנצע וואך בגשמיות ממילא אז עס קומט שבת קען אויף זיי די קדושה פון שבת ניט שורה זיין און אז עס קומט שבת פאר נאכט ווען די קדושה דארף שוין א וועק געהן פון זיי בעטען זיי איבער השי"ת אז ער זאל זיי מוחל זיין וואס עס איז געווען. און פון היינט אהן וועלען זיי שוין זיין ערליך אז עס וועט קומען דער צווייטער שבת זאל שוין קענען אויף זיי שורה זיין די קדושה:

דער יהודי הקדוש האט א מאהל ביינאכט געזאגט צו זיין תלמיד ר' פרץ אז ער זאל ארויס געהן אין דרויסען ווייל עס שטעהט אין דרויסען א נפטר און ער ווייסט ניט ווי די טיהר איז ער וויל צו מיר אריין קומען געה ארויס און וויז איהם די טיהר ר' פרץ איז ארויס געגאנגען און פאר פחד איז ער אריין געקומען און ער האט געחלשת האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט ר' בינם קען זיין א מנהיג אפילו אין א גרויסע שטאדט און די קענסט ניט זיין קיין מנהיג אפילו אין קיין דארף ר' בינם'ן האב איך פיהל מאהל געהייסען ווייזען נפטרים די טיהר און ער האט זיך גאר ניט געשראקען און די האסט דיך דערשראקען:

אמאהל האט מען אויף געגעבען ביי דעם יוד הקדוש אויף דעם טיש אפערשטינקענים פיש האט דער יוד הקדוש געבעטען די חסידים אז זיי זאלען טועם זיין פון דעם פיש ער האט געזאגט אז דער פיש איז א גלגול פון א תלמיד חכם וואס ער איז קאליע געווארען און מיט דעם וואס זיי וועלען טועם זיין פון דעם פיש וועט ער האבען א תיקון זי"ע ועכי"א:

דער

דער רבי הגאון הצדיק ר׳ אברהם יהודה לייב דער רבי פון בראָק האָט דערציילט אַז ער האָט אין זיין יוגענט געלערנט ביי הרב הגאון הצדיק ר׳ משה אהרן דער רבי פון קוטנא ער איז געוועזען אַ תלמיד ביי דעם יוד הקדוש אַ מאָהל איז אַ דורך געפאָהרען הגאון ר׳ עקיבא איגר דער רב פון פוזנא איז געפאָהרען קיין ווארשא איז ער אַ דורך געפאָהרען דורך בראָק אַז דער רבי מקוטנא האָט געהערט אַז הגאון ר׳ עקיבא איגר איז געקומען קיין בראָק איז ער תיכף געגאַנגען אויף זיין אַכסניא מקבל פנים זיין דעם גאון ר׳ עקיבא איגר און האָט מיט גענומען זיין תלמיד ר׳ אברהם יהודה לייב דער רב פון בראָק. ר׳ עקיבא איגר האָט אַפילו מתרעם געוועזען אויף דעם וואָס ער איז צו איהם געקומען וויל על פי דין האָט ער בעדאַרפט צו איהם געהן וויל ער איז מרא דאתרא שטאָדט רב. זיצענדיג האָט דער גאון ר׳ עקיבא איגר געזאָגט פאַר דעם קוטנער רב אַ פילפול ווי דער גאון האָט געענדיגט דעם פילפול האָט דער קוטנער רב געזאָגט אַז ער וויל אַכטונג געבען און דער גמרא וואָס דער גאון האָט אויף דעם געזאָגט אַ פילפול מען האָט איהם געברענגט די גמרא און ער האָט אַ דורך געלערינט דעם גאַנצען דף גמרא נאָך דעם האָט ער געזאָגט צום גאון ר׳ עקיבא איגר יעצט זאָגט מיר דעם פילפול האָט איהם דער גאון געענטפערט לויט אייער פשט האָב איך ניט וואָס צו זאָגען וויל איהר האָט מיט אייער פשט פערענטפערט אַלע מיינע קשיות נאָך דעם האָט איהם דער גאון געפרעגט ביי וועמען האָט איהר געלערענט האָט ער איהם געענטפערט אַז ער האָט געלערנט ביי דעם יוד הקדוש איז מיר ניט קיין ווינדער אויף אייער גרויסען כח אין לערנען ווער קען זיך גלייכען אין ווער קען משיג זיין זיין מוח זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש איז איין מאָהל געזעסען ביי דעם טיש און געזאָגט תורה. עס שטייט אין דיא גמרא ברכות „קודם שיאכל אדם וישתה יש לו שתי לבבות לאחר שאכל ושתא אין לו אלא לב אחד״ דאָס איז דער טייטש אַז ווען אַ מענטש איז הונגעריג האָט ער נאָר איין הארץ דאָס הייסט פער זיך אָבער ניט פאַר דעם צווייטען האָט דער יוד הקדוש געזאָגט אויף דעם אַ גוט משל עס איז אַמאָהל געוועזען אַ שר וואָס ער האָט געוואָלט דיא שטאָדט איין נעמען דיא שטאָדט איז אָבער געוועזען גוט פערפעסטיגט און ער האָט זיא ניט געקאָנט איין נעמען האָט ער פערשטעלט אַלע וועגען וואָס געהען און שטאָדט אַריין כדי אויסצוהונגערען די שטאָדט כדי זיי זאָלען זיך אונטער געבען עס האָט אָבער ניט געהאָלפען האָט ער

זיך

זיך מיישב געוועזען ער וועט זיך אריין גנב'נען אין שטאדט אריין, און זאל זעהן ווי אזוי ער וועט זי קענען איין נעמען. ער האט זיך איבער געטוהן אנדערע מלבושים כדי מען זאל איהם ניט דערקענען ווער ער איז און ער האט זיך אריין גיחאפט אין שטאדט אריין. ער האט זיך גוט ארום געקוקט אין שטאדט אלעס וואס ער האט בעדארפען. ער האט שוין באלד גיענדיגט זיין ארבייט און האט שוין גיוואלט ארויס גיין פון שטאדט האט איהם אמענש דערקענט דער מענש איז גלייך גילאפען צום עלצטען פון שטאדט איהם דערצעהלן אז דער שר וואס בעלעגערט די שטאדט געפינט זיך אין שטאדט, דער שר פון שטאדט האט ארוס געגעבען א בעפעהל אז מען זאל פערשליסען דעם טויער פון שטאדט כדי ער זאל ניט קענען ארויסגעהן וועט מען דעם שר זיכער בעקומען. דער שר האט בעמערקט און דעם מענש אז ער האט איהם דערקענט איז ער באלד געגאנגען צום טויער פון שטאדט כדי ער זאל קענען אנטלויפען דער טויער איז אבער געוועזען פערשלאסען און האט ניט גיהאט קיין וועג ארויס צו געהן פון שטאדט איז ער געשטאנען און גיקלערט ווי אזוי זיך צו בעהאלטען. האט ער דערזעהן פון דערווייטנס א יוד איז ער צו איהם צו גיגאנגען און זיך אויסגעגעבען ווער ער איז און איהם גיבעטען ער זאל איהם אריין נעמען צו זיך אין שטיב אריין און איהם בעהאלטען מען זאל איהם ניט געפינען. און האט איהם צו געזאגט צו בעצאהלען פאר דעם. דער יוד האט דעם שר בעהאלטען. דאס מיליטער האט זיך גענומען זיכען דעם שר פון שטיב צו שטיב און זענען אריין געקומען צו דעם יוד און איהם געפרעגט צו עס געפינט זיך ניט קיין פרעמדער מענש ביי איהם דער יוד האט זייא גיענטפערט אז עס איז ביי איהם ניט דא קיין שום פרעמדער מענש זיי האבען געזעהן אז דער יוד רעדט ערענסט האבען זיי ניט גיוואלט ביי איהם זוכען. דיא זעלבער זענען ארויס געגאנגען איז דער שר ארוס געגאנגען פון בעהעלטעניש און איז געזעסין ביי דעם יוד אין שטיב עטליכע טעג עס איז שטילער געווארען האט דער שר אהן געהויבען טראכטען וויא אזוי זיך ארויס צו העלפען פון שטאדט. האט ער גיבעטען דעם יוד ער זאל איהם געבען זיינע קליידער וועט ער קענען ארויס געהן פון שטאדט. דער יוד האט איהם געגעבען זיינע קליידער און ער האט זיך פעריסט דאס פנים און איז ארויס געגאנגען פון שטאדט. דער יוד האט מורא גיהאט צו זיין און שטאדט טאמער וועט מען גיוואהר ווערען אז דער שר איז ביי איהם געוועזען בעהאלטען. איז ער ארויס פון שטאדט אויך פון דער גאנצער מדינה און איז גלייך גיגאנגען צום דעם שר מארבעו זיין חוב.

**חוב.** דער שר האט איהם גיזאגט זאג וואס די ווילסט וועל איך דיר געבען. ער
האט זיך אויס גיבאטען פינעף זאכען אין ער האט איהם גיגעבען. ווען ער איז
שוין געוועזן ביי דער טיהר האט ער זיך צוריק געקערט צום שר און איהם געפרעגט
זאג מיר וויא אזוי האסטו דיך געשפיערט ווען מען האט דיך געזוכט ביי
מיר אין שטיב אזוי ווי דער שר האט דאס דערהערט האט ער זיך אויף
געהויבען פון דער שטיעל מיט כעס און האט זיך געדרעהט אין שטיעב
אהין אין צוריק און האט גיזאגט פערפלוכטער יוד ווי האסטו אין דיר א
העזה מיך אזעלכעס צו פרעגען, ווי אזוי שעמסטו דיך ניט מיך דאס צו
פרעגען די האסט דיר פערדיענט טויט שטראף. דער יוד איז געפאלען דעם
שר צו די פיס און גיוויינט און גיזאגט צום שר גידענק נאר דעם חסד וואס
איך האב דיר געטוהן ווען איך האב דיך מציל געוועזן פון טוידט ווען ביזט
ביי מיר געוועזן בעהאלטען יעצט בעצאהלסטו מיר אזוי איין שטראף. זיינע
רייד זענען אבער געוועזן אמזונסט דער שר האט איהם געוואלט פאלגען
און עס איז באלד אריין געקומען בעוואפענטע מענשען און מען האט
איהם באלד געשלאסען און מען האט איהם איינגעזעצט און תפוסה
אריין אין דער שר האט בעפוילען אויף דעם דריטען טאג אז מען זאל
איהם הענגען. מען האט איהם ארויס געפיערט אויף איין פלאץ וויא דיא
תלויה איז געשטאנען דער יוד האט געשריגען אין געוויינט זיין גיוויין איז
אבער געוועזען אמזונסט עס האט איהם קיינער ניט גיהערט. מען האט איהם
ארויף געלייגט דעם שטריק אויף דעם האלדז מען האט שוין אהן געהויבען
צו צי שטייפען דעם שטריק האט זיך דערהערט איין קול פון דעם שר
לאזט אב הרגיט איהם ניט איך דארף איהם עפיס זאגען אזוי ווי מען האט
איהם אראב גענומען דעם שטריק פון האלדז האט איהם דער שר גיזאגט
יעצט קען איך דיר ענטפערין דיין שאלה. אזוי ווי די האסט געשפיערט
אין דער רגע ווען דאס שטריקעל איז דיר געלעגען אויף דעם האלדז. אזוי
האב איך געשפיערט ווען די זיכערס זענען געוועזען ביי דיר אין שטיעב
זוכען. איבער דעם האב איך דיר געפסק'ענט צו הענגען כדי זאלסט וויסען
ווי אזוי איך האב דאמאלס געשפיערט. אזוי ווי די וועלט זאגט דער זאטער
גלייבט ניט דעם הינגעריגען וויל דער מענש וואס איז קיינמאל ניט הינגעריג
געוועזען קען ער ניט גלייבען דעם מענש וואס זאגט אז דאס הארץ חלשת
איהם פון הינגער אבער דער צייט ווען ער אליין איז גוט הינגעריג דאמאלס
גלייבט ער שוין יענים דאס איז דער טייטש „קודם שאכל אדם ושתה יש לו
שתי לבבות" ער גלייבט דעם צווייטען אז ער איז אויף הינגעריג:

אז

צו דעם יוד הקדוש איז אמאהל גיקומען א גרויסער תלמיד חכם פון ירושלים ער זאל איהם זעהן. די סיבה דער פון איז געוועזען דער חכם האט געהאט גלוי אליהו ער פלעגט אפט צו איהם קומען עס איז פארביי געגאנגען א לאנגע צייט און אליהו איז צו איהם ניט געקומען אין א צייט ארום איז אליהו צו איהם געקומען האט איהם דער חכם גיפרעגט פאר וואס ער איז ביז יעצט ניט געקומען צו איהם האט אליהו איהם גיענטפערט אין פוילין אין דער שטאדט פרשיסחא איז דא דער יוד הקדוש און איך בין ביי איהם אין רשות ע״כ איז ער ביז יעצט צו איהם ניט גיקומען ווייל ער האט איהם ניט ערלויבט צו געהן ווי דער חכם האט דאס דער הערט איז ער תיכף גיפאהרען קיין פרשיסחא כדי ער זאל קענען דעם יוד הקדוש:

בשעת המחלוקת וואס עס איז געוועזען בין הרבי מלובלין ובין היהודי הקדוש פלעגט דער יוד הקדוש פיהל מאהל צו פאהרען קיין לובלין זיך פערענטפערין און ווען ער איז געקומען קיין לובלין האט זיך דער רבי מיט איהם געפ־יידט א מאהל איז דער יוד הקדוש געפאהרען קיין לובלין זיך פערענטפערין און ער האט מיט גענומען זיין תלמיד דעם רבין ר׳ בינם ווי דער יוד הקדוש איז אריין געקומען צום רבין האט זיך דער רבי מיט איהם שטארק געפריידט ווי זיי האבען אהנגעהויבען צו ריידין וועגען דעם מחלוקת און דער יודי הקדוש האט זיך שטארק מתנצל געוועזען און ער האט זיך פערענטפערט און אויס געוויזען אז דאס אללעס וואס מען האט דעם רבין דער צייהלט איז שקר האט איהם דער רבי געזאגט גלייבט מיר אז איך האב אייך שטארק ליעב און איהר זענט ביי מיר מעהר בעגלייבט פון הינדערט עדות נאר ווייל איהר האט שונאים און זיי ריידען אויף אייך לשון הרע וואלט געוועזען מיין עצה אז איהר זאלט שוין מעהר ניט קומען צו מיר נאר איהר זאלט אייך פיהרען אין אייער שטאדט אזוי ווי אייך וועט גיפעלין ווייל איך האב אויך געהאט דאס זעלבע ווען איך בין געפאהרען קיין ליזענסק איז אויך געוועזען מענשען וואס זיי האבען גערײדט לשון הרע אויף מיר פאר דעם רבין ר׳ אלימלך האב איך מיך מיישב געוועזען אז איך זאל שוין מעהר ניט פאהרען קיין ליזענסק ע״כ פאלגט מיך און פאהרט אויך שוין ניט מעהר צו מיר און דער רבי האט איהם בזעגענט ווען זיי זענען ארויס געגאנגען האט דער רבי ר׳ בינם געזאגט צום יוד הקדוש אז ער זאל אזוי טוהן ווי דער רבי הייסט איהם האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט דער

רבי

רבי האט אזוי גיקענט טוהן ווייל זיין רוב חכמה האט ער ניט מקבל געווען ביי דעם רבי'ן ר' אלימלך נאהר ביי דעם רבי'ן ר' בער אבער איך קען אזוי ניט טוהן ווייל מיין רוב חכמה האב איך פין איהם מקבל געווען איז ער מיין רעכטער רבי קען איך דאס ניט טוהן זי"ע עכי"א:

**נאך** דעם ווי דעם רבי'ן מלובלין'ס ווייב איז נפטר געווארען האט דער רבי מלובלין געזאגט צום יוד הקדוש אז זיכער האט ער זי מעניש געווען ווייל זי האט אויף איהם גערייזדט שלעכטץ האט דער יוד הקדוש גיענטפערט אז ער ווייסט פין גאר ניט. האט איהם דער רבי גיפרעגט וואס דען האט איהר דאמאלסט געטוהן ווען זי האט אויף אייך גערייזדט שלעכטץ האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט איך האב דאמאלס געזאגט תהלים האט איהם דער רבי מלובלין געזאגט אז איהר האט געזאגט תהלים איז נאך ווינציג דאס איז דאך א סימן אז איהר האט מתפלל געווען אז זי זאל געשטראפט ווערין האט דער יוד הקדוש גיפרעגט דעם רבי'ן מלובלין וואס דען האב איך דאמאלס געהאט צי טוהן האט איהם דער רבי גיענטפערט איהר האט בעדארפען זיך בייזערען אבער ניט מתפלל זיין אז זי זאל געשטראפט ווערען האט דער יוד הקדוש גיענטפערט קוקט אריין אין מיין הארץ אריין אין זעהט צי איך קען זיך בייזערען דאס וואס איך האב געזאגט תהלים איז ניט געווען מחמת כעס אין איך האב ניט מתפלל געווען אז אייער ווייב זאל נענש ווערען איך האב נאר מתפלל געווען אז אייער הקפדה זאל מיר ניט שאטען האט ער דעם רבי צי געבויגען צי זיין הייליג הארץ אין ער האט גיקוקט אויף דעם הארץ אין ער האט געזאגט אמת דער יוד קען זיך ניט בייזערען זי"ע עכי"א:

**אמאהל** איז א יונגער מאן געקומען צים רבי'ן ר' בינם אין ער האט דארט געוואלט זיין א צייט דער רבי ר' בינם האט אבער תיכף איהם געזעגענט אין ער האט איהם תיכף געהייסען א היים פאהרען דער יונגער מאן האט זיך געבעטען ביי דעם רבי'ן אז ער זאל איהם ערלויבען דא צי זיין עטליכע וואכען דער רבי האט זיך אבער געהאלטען ביי זיינעם אז ער זאל א היים פאהרען דער יונגער מאן האט דערפין געהאט גרויסע עגמת נפש אין ער איז א ריין געגאנגען אין בית המדרש א ריין אין ער האט זיין צער דערצעהלט פאר א גרויסען חסיד דער חסיד האט איהם געגעבען אעצה אז ער זאל געהן אויף דעם יוד הקדוש'ס קבר אין ער זאל דארט גרויס תפלה טוהן אין ער זאל זאגען זיין בקשה מיט געוויין דער יונגער מאן האט אזוי געטוהן אין ער איז געגאנגען אויף דעם יוד הקדוש'ס קבר אין ער האט

האט געטוהן אלעס וואס דער חסיד האט איהם געהייסען און ער איז צוריק געקומען פון בית הקברות איז ער גלייך אריין געגאנגען צום רביין ר׳ בינם האט איהם דער רבי געזאגט אז ער קען שוין דא זיין און ער האט איהם גיפרעגט ווער עס האט איהם געגעבען די מצוה און ער האט איהם געזאגט פאר וואס ער האט איהם פריהער געהייסען א היים פאהרען וויל ער האט געזעהן אז ער דארף אין אקורצע צייט שטארבען ע״כ האט ער איהם א היים געשיקט כדי ער זאל שטארבען אין דער היים אבער יעצט אז ער האט מתפלל געוועזען אויף דעם יוד הקדוש׳ס קבר האט איהם זיין תפלה געהאלפען און די גזרה איז בטל געווארען און ער קען שוין דא זיין זי״ע ואכי״א:

דער יודי הקדוש האט געזאגט אז צייט א האלב יאהר וואלט ער זיך גיקענט אויס לערנען אלע זיבציג לשונות מיט דעם גראממאטיק באר ער האט צו די למודים ניט קיין צייט אפילו קיין רגע זי״ע:

הרב הגאון ר׳ משה אהרן דער רב פון סטריקוב איז געוועזען דעם יוד הקדוש׳ס א תלמיד איידער ער איז געווארען רב איז ער געוועזען א מלמד ביי א רב אמתנגד. ר׳ משה אהרן האט פיעל מאהל געבעטען זיין בעל הבית (דעם רב) אז ער זאל פאהרען צום יוד הקדוש ער האט איהם צוליב געטוהן און ער איז מיט איהם געפאהרען צום יוד הקדוש דער רב האט געזאגט פאר דעם יוד הקדוש א פלפול איידער ער האט גיענדיגט דעם פלפול האט דער יוד הקדוש ארויס גענימען זיין פושקעלע טאבאק און ער האט גישמעקט טאבאק האט זיך דעם רב גערדאכט אז דער יוד הקדוש הערט שוין ניט זיין פלפול האט ער איהם גיפרעגט פאר וואס ער האט גענימען שמעקין טאבאק און ער הערט שוין ניט זיין פלפול האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אז ווען ער האט מחדש געוועזען דעם פלפול האט ער איהם גיענדיגט אין בית הכסא ע״כ האט ער תיכף מרגיש געוועזען א שלעכטען ריח איבער דעם האט ער געמוזט שמעקין טאבאק כדי ער זאל זיך פערשלאגען דעם שלעכטען ריח דער רב האט איהם תיכף מודה גיוועזען זי״ע עכי״א:

דער רבי ר׳ העניך מאלכסנדר האט דער ציילט אז דער רבי ר׳ יעקב ארי׳ מראדזמין איז געוועזען זיין תלמיד (דעם רבין ר׳ העניך׳ם) ווען ער האט נאך גיזעסען ביי זיין שווער זיין מלמד (ר׳ יעקב ארי׳ מראדזמין) האט אויך גיזעסען ביי ר׳ העניך׳ם שווער ר׳ העניך׳ם שווער האט געוואהנט אין פרשיסחא. חול המועד פסח האט ר׳ יעקב ארי׳ גיזעסען קוואס און עס איז אריין געפאלען א שטיקעל מצה אין קוואס אריין

אין ער האט עס אויף גיגעסען נאך דעם האט ער שטארק תיכף געהאט וואס ער האט גיגעסען דאס שטיקעל מצה פון קוואס ארויס אין ער איז ארויס געגאנגען שטארק צורידערט אין האט זיך גילאסט געהן צום יוד הקדוש ווי דער יוד הקדוש האט איהם דער זעהן אויף דעם הויף האט ער איהם אריין גערופען צו זיך אין ער האט איהם גיפרעגט וואס טוהט מען אז עס פאלט אריין א שטיקעל מצה אין קוואס אריין ר' יעקב ארי' איז נאך מעהר צו רידערט גיווארען דאס דער רבי האט מרגיש געוועזען וואס עס איז איהם פאר געקומען אין אז ער האט טאקי געטוהן א עברה. נאך דעם האט איהם דער יוד הקדוש געטרייסט אין ער האט איהם געזאגט די האסט ניט געזינדיגט אמת אז איינזערע חכמים האבין מחמיר געוועזען ביי א משהו חמץ אבער ניט ביי קיין משהו מצה זי"ע:

דער יוד הקדוש איז געוועזען דאס לעצטע יאהר ביי דעם רבין מלובלין האט ער דערצעהלט דעם רבין אז ער האט געזעהן אין ספר "רזיאל המלאך" אז ער דארף תיכף נאך ראש השנה נפטר ווערען האט איהם דער רבי געזאגט בלייבט ביי מיר ראש השנה וועט מען אייך דערהאלטען אין דער יוד הקדוש האט אויף דעם ניט גיקיקט אין ער האט זיך געזעגענט אין ער איז אהיים געפאהרען אויף דעם וועג האט ער דער צעהלט פאר זיינע תלמידים וואס ער האט גערייערט מיט דעם רבין אין ער האט גיזאגט אפשר מיינט איהר אז דער רבי האט געזאגט ליגענט ער וואלט מיך טאקי געקאנט דערהאלטען נאר ער האט מיר געוואלט צו נעמען די מדרגות אין אזוי לעבין וויל איך ניט. ראש השנה האט ער דערצעהלט זיינע תלמידים בוה הלשון איך האב ביהערט א כרוז אויף דעם הימעל אז איינער פון איננ ביירע אבער איך אבער דער רבי מלובלין דארף אוועק געהן פון דער וועלט אין מען האט מיר געגעבען די ברירה איך זאל זיך אויס קלויבען אבער איך אבער דער רבי אין ווען איך זאל בלייבען לעבען וואלט איך איהם בשום אופן ניט געלאזט אוועק געהן פון דער וועלט נאר איך האב זיך געשעהמט פאר די מלאכים זיי וואלטען ניט געווסט אז איך האב אזא כח איך זאל ניט לאזען מיין רבין אוועק געהן פון דער וועלט וואלטען זיי געוועזען בעזאגט זעהט נאר דעם תלמיד דעם רבין הייסט ער אוועק געהן פון דער וועלט אין ער וויל בלייבען לעבען איבער דעם האב איך מיר אויס געבאטען מיר אליין זי"ע עכי"א:

ביי דעם יודי הקדוש האט ניט געטוהרט בענכטיגען קיין געלד אז עס האט זיך א מאהל גיטראפען אז עס איז עמיצער אין מוטען דער נאכט

נאכט געקומען צו פאָהרען און ער האט איהם געגעבען אַ פּדיון האָט ער תיכף אויף געוועקט זיינע קינדער און זייא האבען געמוזט דאס געלד אוועק טראָגען אָרימע לייט זי״ע:

דער יוד הקדוש האָט דער צעהלט אַז ווען ער איז נאָך געוועזען אַ קליין יונגעל און ער האט געלערינט און דרדיק חדר האט ער זיך אויס געלערענט אַז צוויי יודען זיצען בעזאַמען און איינער האלט זיך ניט גרעסער פון דעם צווייטען איז ביי זיי דאָ דיא שכינה ער האט געזעהן אַ פּינטעלע האָט ער גיפרעגט זיין מלמד וואס דאָס איז האָט איהם דער מלמד געזאָגט אַז דאָס איז אַ יוד ער האט אָבער געזעהן צוויי קליינע יודען האט ער גיפרעגט דער רבין וואס די צוויי פינטעליך זענען האָט איהם דער רבי געזאָגט אַז דאָס איז צוויי יודען און דאָס איז דער שם הוי׳ ער האט אַ מאָהל געזהן צוויי יודען וואס זיי זענען געוועזען בעמליך צו יודען נאָר זיי זענען געוועזען איינע איבער דעם צווייטען האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז אויך אַ שם האט איהם דער רבי געזאָגט אַז דאָס איז ניט קיין שם ווען די צוויי יודען זענען גלייך ניט איינער איבער דעם צווייטען איז עס אַ שם אָבער אַז איין יוד איז איבער דעם צווייטען איז עס ניט קיין שם האָט ער דאַמאָלסט שוין פערשטאַנען אַז ווען צוויי יודען האַלטען זיך גלייך איז ביי זיי דאָ דער שם הוי׳ אָבער אַז איינער האלט זיך גרעסער פון דעם צווייטען קען ביי זיי די שכינה ניט זיין זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש האָט מצוה געוועזען זיינע קינדער אַז זיי זאָלען זיך ניט בערוהמען מיט זיין גרויסקייט נאָר ווען זיי וועלען דארפען אַ שידוך טוהן מעגען זיי זיך בערוהמען מיט דריי זאַכען איינס אַז צייט ער איז צו זיין שכל געקומען איז דער שם הוי׳ ניט אוועק געגאַנגען פון זיינע אויגען דאס צווייטע איז אַז ער איז ראוי געוועזען צו זאָגען נביאות מיט דעם לשון כה אמר ד׳ גלייך ווי משה רבינו עליו השלום נאָר זיין דור איז ניט ראוי געוועזען צו זעם דאס דריטע איז דאס ער האט גיקענט מבטל זיין אַ גזר דין פון זיבעציג יאָהר און אפילו עס איז מיט דעם גזר דין געוועזען אַשבועה האָט ער עס גיקענט מבטל זיין מיט זיין שיעור לערנען זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש האָט אויף זיך גענומען צוויי מצות עשה ער זאָל זיי מקיים זיין מיט מסירות נפש און איין מצוה לא תעשה די צוויי מצות עשה זענען געוועזען מצות ציצית און מצוה צדקה און די מצוה לא תעשה איז געוועזען די מצות פון לא תנאף און די מצות איז ער גיוועזען

געווען נזהר מיט אלע פרטים במסירות נפש א מאהל האט געברענט ביי דעם יוד הקדוש די גאנצע שטיב מיט אלע זאכען וואס זענען געווען אין שטיב איז פערברענט געווארען און עס איז דארט געלעגען דעם יוד הקדושים א טלית קטן איז ער ניט פערברענט געווארען:

אחסיד איז א מאהל געפאהרען קיין ווארקא אויף דעם וועג האט ער זיך געטראפען מיט צווייא חסידים האבען זיי איהם דער צעהלט אז דער רבי ר' אשר דעם יוד הקדושים זוהן איז געווען אין ווענגיראוו האבען זיי אויס איהם גישפעט און זיי האבען אויף איהם גערעדט שלעכטץ ווי האבען זיך דער נאך בערעכינט אפשר איז ער א צדיק האבען זיי שלעכט געטוהן וואס זיי האבען פון איהם גישפעט האבען זיי זיך מיישב געווען זיי וועלען צו איהם געהן געבען שלום וועט ער מרגיש זיין אז זיי האבען אויף איהם גערעדט שלעכטץ וועלען זיי וויסען אז ער איז א גרויסער צדיק און אויב ער וועט ניט מרגיש זיין וועלען זיי וויסען וואס זיי האבען צו טוהן ווי זיי זענען צו איהם אריין געקומען האט ער זיי אהנגעקוקט בייז און ער האט זיי ניט געגעבען שלום נאהר ער האט צו זיי געזאגט דוד המלך עליו השלום האט געזאגט „לוה רשע ולא ישלם" האט ער געטייטשט דער רשע וויל זיך בעהעפטען צום צדיק ער איז אבער ניט בשלימות וואלט דער צדיק איהם ניט בעדארפען צו נעמען נאר דער צדיק איז דאך א גיטער און ער איז זיי מקרב און ער האט זיי געגעבען שלום האבען זיי געזעהן אז ער האט אקלאהרען רוח הקודש און זיי האבען איהם איבער גיבעטען און זיי זענען געווארען פון זיינע חסידים ז"ע:

דער יוד הקדוש האט א מאהל געהאט גרויסע יסורים און ער איז געלעגען אויף דער ערד פון די יסורים האט מען איהם דערמאנט אז ער דארף דאווינען האט ער זיך אויף געהויבען פון דער ערד און ער האט געזאגט אז דאמאלס ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד האט ער דאמאלס געקענט דאווינען וויל דאמלאס האט ער געהאט א נקמה אין זיין שונה דער גוף דאמאלס וואלט ער געוועזען געקענט ערינסט דאווינען ער האט געזאגט אז ער זעהט ניט קיין גרעסערען שונא ווי דער גוף איז איהם און ער איז דעם גוף:

מען האט גיפרעגט דעם יוד הקדוש מן השמים צו ער וויל יסורים האט ער גיענטפערט אז ער וויל יסורים אויף א שעה מען האט איהם נעגעבען יסורים אויף א שעה די יסורים זענען אבער געווען זייער גרויס אז

אז ער האט ניט געהאט קיין כח אויס צו האלטען די יסורים האט ער זיך מיישב געוועזען אז אין אזא צייט איז גוט צו דאווינען ווייל בשעת מען דאווענט דארף מען זיין אויס געטוהן אין גאנצען פון דער וועלט ממילא וועט ער ניט שפירען די יסורים און ער האט זיך גישטעלט דאווינען מנחה:

דער חדושי הרי״ם האט געזאגט פון יוד הקדוש׳ס וועגען אז ער וואלט אוועק געגעבען דאס פערמעגען פון דער גאנצער וועלט פאר א האר יודישקייט און דער חדושי הרי״ם האט געזאגט די חסידים אז זאלען זיך געוויינען מיט חסידות זיי זאלען זיין אבגעזינדערט פון דער וועלט דער עיקר איז אבער און הארץ מען זאל דאס איינפלאנצען און קיין שום מענש זאל פון דעם ניט וויסען ער זאל אוועק געבען זיינע יאהרען לעבדות הבורא און אז ער וועט אזוי טוהן קען ער מתפלל זיין פאר דעם כלל ישראל און ער האט אויס געפיערט פון וואנען נעמט זיך דאס צו די חסידים זיי פאהרען אלאנגע צייט צו צדיקים און זיי האבען נאך גאר ניט:

דער יוד הקדוש׳ס א תלמיד ר׳ פרץ מפרשיסחא האט געוואלט פאהרען קיין ארץ ישראל האט ער גיפרעגט דעם יוד הקדוש האט ער איהם ניט געהייסען און ער האט איהם ניט געזאגט פאר וואס ער הייסט איהם ניט. און א קליינע צייט איז ער שלאף געווארען זיין לעצטע קרענק איז דער יוד הקדוש איהם געקומען מבקר חולה זיין און ער האט איהם גיפרעגט צי ער וויל נאך פאהרען קיין ארץ ישראל האט ער איהם גיענטפערט אז יעצט וויל ער שוין ניט פאהרען ווייל ער זעהט אז זיין רבי (דער יוד הקדוש) וועט און א קורצע צייט נפטר ווערען וויל ער ליגען גלייך מיט זיין רבין און עס איז טאקי אזוי געוועזן ר׳ פרץ איז נפטר געווארען און א קורצע צייט איז דער יוד הקדוש אויך נפטר געווארען זי״ע ועכי״א:

אין דעם דארף בלאניע לעבען פאקשיוויניצע האט געוואהנט הגביר המופלג מו״ה אפרים פישעל ער איז געוועזען פון רבי׳ן מלובלין׳ס חסידים און ער איז אויך געוועזן פון דעם יוד הקדוש׳ס געגענבערס א מאהל איז דער יוד הקדוש א היים געפאהרען פון רומנאוו און ער האט געוואלט שבת האלטען און דעם דארף אבער און א שטאדט דערלעבען האט איהם ר׳ אפרים פישעל ניט געלאזט האט ער מורא געהאט אז דער יוד הקדוש זאל איהם ניט מעניש זיין איז ער געפאהרען צום רבי׳ן מלובלין און ער האט געבעטען דעם רבי׳ן מלובלין אז ער זאל איהם בענשען האט איהם דער רבי געזאגט אז ער האט יעצט ניט קיין מדרגות האט ר׳ אפרים פישעל געזאגט אז ער זאל איהם בענשען אהן מדרגות און ער האט

האט געזאגט יעצט איז מיר פערענטפערט געווארען די גמרא „אל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך" די ברכה פון אפראסטען מענש זאל ביי דיר ניט זיין גרינג דאס מיינט מען אפילו ווען דער רבי איז א הדיוט ער איז אראב געפאלען פון די מדרגות זאל זיין ברכה אויך ניט גרינג זיין דאס הייסט אז זיין ברכה איז דאמלסט אויך גיט האט דער רבי געזאגט יעצט האב איך שוין די מדרגות אין ער האט איהם גיבענשט אז זיי זאלען זיין מחותנים זיי זאלען זיך משדך זיין אין דעם רבינ'ס ברכה איז מקוים געווארען אין זיי זוהן האט געגומען דעם רבינ'ס א אייניקעל פאר א ווייב:

**החסיד המופלג** מו"ה ר' ישראל ר' יודל'ס מפשעדבורז איז געוועזען דאס לעצטע יאהר ביי דעם יודי הקדוש ראש השנה ויום כיפור ווען ער האט זיך געזעגענד האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט די זאלסט גריסען ר' ישעי'לי מפשעדבורז אין די זאלסט איהם זאגען אז איך וועל דארט זיין אויף די צווייטע טעג סוכות ר' ישראל האט ניט פערשטאנען וואס דער רבי מיינט ווי קומט אז דער רבי זאל זיין אויף די אנדערע טעג סוכות אין פשעדבורז נאר ער האט דאך אבער געמוזט מקיים זיין דעם רבינ'ס בעפעהל ר' ישראל איז א היים געקומען אין איידער ער האט איבער געגעבען ר' ישעי'לין דעם גריס האט ער גיהערט אז דער יוד הקדוש איז נפטר געווארען יום ג' דחול המועד סוכות האט ער פערשטאנען וואס דער יוד הקדוש האט געמיינט אז ער וועט זיין דארט אויף יענער וועלט די צווייטע טעג סוכות האט ער שוין ניט געוואלט איבער געבען דעם גריס ר' ישעי'לין כדי ער זאל פון דעם ניט וויסען אז דער יוד הקדוש איז נפטר געווארען אין קיין שום מענש האט איהם ניט געוואלט דערצעהלען זיי האבען איהם ניט געוואלט פער שאפען קיין עגמת נפש ווייל ער איז געוועזען דעם יוד הקדוש א גרויסער ידיד אין א צייט ארום האט ר' ישעי'לע אהן געלעהנט זיין קאפ אויף דעם טיש ער האט זיך אויף געכאפט מיט א רעש אין מיט א געוויין דאס ער איז געוואהר געווארען אז דער יוד הקדוש איז נפטר אין ער האט געזאגט אז ער האט נאך בעזעהן אין חול המועד סוכות א חשכות האט ער גערעכענט אז דער יוד הקדוש איז נפטר געווארען נאר ער איז ארויס געגאנגען אויף דער גאס אין ער האט געזעהן אז די וועלט שטעהט נאך האט ער גירעכענט אז דער יוד הקדוש איז ניט נפטר געווארען ווייל ווען דער יוד הקדוש זאל געוועזען נפטר ווערען וואלט די וועלט חרוב געווארען נאהר יעצט האט ער געזעהן דעם יוד הקדוש בעולם עליון האט ער גיזעהן אז דער יוד הקדוש

הקדוש איז שוין נפטר געווארען איבער דעם האט ער געוויינט זי"ע ועכי"א:

**דער יוד** הקדוש האט א מאהל גיגעסען ברויט מיט בארש האט זיך איהם געדאכט אז ער האט פון דעם עסין א הנאה געהאט האט ער אויף זיך מקבל געוועזען א עונש פאר דעם וואס ער האט א הנאה געהאט פון דער וועלט (ווייל ער האט קיינמאהל ניט געוואלט א הנאה האבען פון דער וועלט) אז ער זאל שלאף ווערען אויף דער תנר"ל אין תיכף אין מיטען עסען האט ער די שלאפקייט בעקומען אין ער איז א נידער בעפאלען אויף דער ערד. עס איז געווארען א רעש אין שטאדט דער רבי ר' בינם איז אהנגעקומען אין ער האט געהייסען זאגען דעם פסוק „לא המתים יהללו יה" קיין מת קען ניט לויבען גאט דאס הייסט אז מען שטארבט קען מען שוין ניט מקיים זיין קיין מצות מען האט אזוי דעם פסוק עטליכע מאהל געזינגען ביז ער האט זיך אויף געהויבען אין ער האט גיענדיגט דאס עסען האט צו איהם דער רבי ר' בינם געזאגט רבי עס איז שוין צייט צו דאווינען מעריב האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אז דאמאלס ווען ער איז געלעגען אויף דער ערד פון די יסורים האט ער געהאט א נקמה אין זיין גרויסען שונא דער גוף וואס ער וואלט דאמאלס געוועזען גיקענט דאווינען מעריב ווייל ער האט דאמאלס ניט געהאט קיין שום מניעה לעבודת הבורא ובאמת האט ער ניט געוואלט צוריק קומען אויף דער וועלט נאר ווייל ער האט גיהערט זינגען דעם פסוק „לא המתים יהללו יה" האט ער געמוזט צוריק קומען אויף דער וועלט זי"ע:

**דער חדושי** הרי"ם איז א מאהל געוועזען אין גאליציע ביי א רבין האט איהם דער רבי מפציר געוועזען אז ער זאל ביי איהם האלטען שבת ער ווייל איהם זאגען א זא תורה וואס די פמליי של מעלה וועלען מסכים זיין צו דער תורה אין ער האט ניט געוואלט ביי איהם זיין ווייל ער איז געוועזען פון די בעלי מחלק אויף דעם יוד הקדוש אין דער חדושי הרי"ם האט געזאגט אזוי ווי דער תנא ר' עקיבא איז געוועזען א עלוי ביד התנאים אזוי איז דער יוד הקדוש געוועזען א עלוי בין הצדיקים זי"ע:

**דער רבי** ר' יחיאל מאיר מגאסטנין זצ"ל האט מפליא געוועזען די פערצייטעשע צדיקים אז זיי האבען ניט בעדארפען לייגען די קוויטליך נאר יעדער איינער איז געהאלפען געווארען נאר בלויז פון זייער ברכה אהן דעם קוויטעל לייגען אין ער האט דער צעהלט אז דער יוד הקדוש האט א מאהל בעדארפען א גרויסע סומע געלד אויף א נויטיגע צדקה האט

האט ער ארויס געשיקט א מענש אין די ארימיגע שטעדט געלד זאמלען אין ער האט איהם אהנגעזאגט אז ער זאל ביי קיינעם ניט נעמען קיין קוויטלעך נאר בלויז געלד דער מענש איז ארויס געפאהרען נאך געלד מען האט איהם אבער ניט געוואלט געבען קיין געלד נאר ער זאל ביי זיי צי בעמען קוויטלעך ווי ער איז א היים געקומען צום יוד הקדוש אין ער האט איהם גיבראכט דאס געלד מיט קוויטלעך האט דער יוד הקדוש איהם גיפרעגט איך האב דאך דיר אהנגעזאגט אז די זאלסט ניט נעמען קיין קוויטלעך האט איהם דער שליח גיענטפערט זיי האבען מיר ניט געוואלט געבען קיין געלד נאר איך זאל ביי זיי צי נעמען די קוויטלעך וואס האב איך גיקענט טוהן איך זאל א היים קומען אהן געלד האב איך געמוזט ביי זיי צו נעמען די קוויטלעך האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט די קוויטלעך וועל איך ניט לייגען איך האב ניט קיין צייט נאר איך וועל ארויף לייגען מיין האנד אויף די קוויטלעך וועלען אלע מענשען פון די קוויטלעך געהאלפען ווערען זי"ע ועכי"א:

דער רבי משידלאווצע דעם יוד הקדוש זוהן איז א מאהל געוועזען אין סאנז ביי הרב הצדיק ר' חיים זצ"ל האט דער סאנזער רבי איהם געבעטען אז ער זאל זאגען תורה האט ער ביי זיך גיקלערט וואס ער זאל טוהן זאל ער זאגען תורה איז דאך ניט שעהן צו זאגען תורה ביי דעם סאנזער רבי'נס טיש זאל ער ניט זאגען וועט ער דאך עובר זיין אויף דעם סאנזער רבי'נס רייד האט ער געטייטשט דעם פסוק „וישמע משה וייטב בעיניו" משה האט גיהערט וואס אהרן האט געזאגט אין עס איז איהם גיפעלען וואס איז דאס לשון עס איהם גיפעלען נאר די טייטש איז אזוי וויל יעדער צייט האט משה געזאגט תורה אין אהרן האט אויס גיהערט אין יצעט אז אהרן האט געזאגט תורה אין משה האט גיהערט איז איהם גיפעלען וויל ער האט געזעהן אז עס איז בעסער אז א צווייטער זאל זאגען תורה אין ער זאל הערען מיט דעם האט ער יוצא געוועזען ביידע געדאנקען ער האט מקיים געוועזען דעם רבי'נס רייד ער האט שוין געזאגט תורה אין ער האט שוין ווייטער ניט געוואלט זאגען נאר דער סאנזער רבי זאל זאגען אין ער זאל הערען זי"ע:

דער רבי ר' נתן דוד משידלאווצע איז געוועזען ביי הצדיק ממאגעלניצא דעם זעלבין ווינטער וואס ער איז נפטר געווארען האט ער געזעהן אז ער קען ניט סובל זיין קיין שום זאך אין ער האט זיך געבייזערט אויף יעדען איינציגען האט ער פערשטאנען אז ער האלט שוין נאהנט

צו

צו זיין חסתלקות איבער דעם קען ער ניט פערגעסען קיין מענש ווייל ער האלט שוין ביי דעם עולם האמת קען ער שוין ניט פערגעסען די מענשען וואס זיי זענען עוסק בהבלי עולם הזה זי״ע :

דער רבי ר׳ איטשעלי מפרשיסחא דעם יוד הקדושים א איינקעל איז א מאהל געוועזען אין מאדזיץ ער האט זיך גישטעלט דאווינען מעריב אין ער האט בשום אופן ניט געקאנט דאווינען עס האט קיינער ניט גיוואוסט די סיבה ביז דער משמש איז אהנגעקומען אין ער האט אהנגעהויבען צו זוכען אין שטיב ביז ער האט געפינען צווישען אויבען ליגען א אלט העמד האט ער עס ארויס גענימען האט ער הערשט געקענט דאווינען זי״ע :

דער יוד הקדוש האט געזאגט אז יעדער יוד גייט אדורך די גאנצע תורה אין יאהר א ערליכער יוד אז ער קומט צו די סדרות וואס זיי ריידען מעניני המשכן וקרבנות איז ער זיך אין זיי מדבק איז אז ער קומט צו דער סדרה קרח אין כדומה לויפט ער דורך זיי א דורך אין ער שטעלט זיך ביי זיי ניט אב אבער ניט דער ערליכער יוד טוהט פערקעהרט :

דער יוד הקדוש האט געזאגט אז איינער איז מחדש חדושים אין דער תורה מיט יראת ד׳ שטעהט אין זוהר הקדוש אז פון די חדושים ווערען בעשאפען נייע הימלען אבער דער וואס ער איז מחדש חדושים מיט גאוה נשאר מדות רעות ניט קיין ריינע ווערט פון דעם א פאלשער הימעל באר שכל רוחני (דער איידילער געדאנק) פון די חדושים פלוהען א וועק קיין ענגלאנד וכדומה אין פון דעם שכל ווערד בעשאפען ווינדערליכע מאשינעריא אין ער האט געזאגט אויף א גדול אז פון זיינע חדושים וואס ער האט מחדש געוועזען וועט ערפינדעט ווערען אין ענגלאנד א ווינדערליכע מאשין :

דער יוד הקדוש פלעגט קידוש מאכען שבת אין דער פריה ביי א קליין גלעזעלע יי״ש הגם ביי ווייץ איז דאך דער דין אז מען דארף קידוש מאכען ביי א כוס פון ארביעות אבער ביי יי״ש האט ער געפסקנט אז עס איז גענוג א קליין גלעזעל דער טעם דער פון איז ווייל מען דארף האבען א שיעור משקה עס זאל זייל חשוב. ווייץ איז קיין גלעזעלע ניט חשוב אבער יי״ש איז א קליין גלעזעלע אויך חשוב אלע גדולים האבען צו דעם מסכים געוועזען אין די וועלט איז זיך טאקי אזוי נוהג :

דער רבי ר׳ ירחמיאל דעם יוד הקדוש זוהן האט געזאגט אז א מענש פאהרט צו א צדיק אין זיין כוונה איז אז ער זאל זיך פון דעם צדיק לערנען א דרך לעבודת השם דער לייכט מען איהם פון הימעל זיינע אויגען אין מען ווייזט איהם דעם דרך האמת הגם דער צדיק איז

מיט

ניט דער צדיק הדור דאך איז מען ממלא זיינע בקשות און ער איז משיג כל המדרגות גלייך ווי ער וואלט געפאהרען צום צדיק הדור. דאס איז אז דער צדיק איז אַ ערליכער מעג ער ניט זיין דער צדיק הדור אָבער אז דער צדיק איז ניט קיין ערליכער ווייזט מען דעם מענש אז ער זאל פין איהם אַוועק פאהרען דאס איז אַללעס אַז דער מענש מיינט ערינסט אָבער אז דער מענש מיינט ניט ערינסט קען ער זיך זיינע אַלע יאהרען אָבנאַרען און ער זאל גאר ניט משיג זיין אפילו ווען ער פאהרט צו דעם צדיק הדור:

דער רבי ר׳ רחמיאל האט געזאגט אַ סימן צו וויסען ווען אַ מענש איז רייך געוואָרען אָבער ער איז גרוס געוואָרען אַ רב אָבער אַ נשיא קען מען וויסען צו דאס געלד אָדער דער כבוד איז איהם געקומען מסיטרא דקדושה צו ח״ו להיפוך אויב נאך דעם ווען ער האט בעקומען דאס געלד צו דעם כבוד האט עס ביי איהם ניט געמאכט קיין שום ערגערע שינוי ער האלט זיך ביי דעם יודישקייט גלייך ווי פריהער איז אַ סימן אַז דאס איז איהם געקומען מסיטרא דקדושה אָבער אַז נאך דעם ווי ער איז רייך געוואָרען און ער איז צו גרויס געוואָרען איז קאלע געוואָרען אין יודישקייט איז עס פאר איהם ניט קיין גיטער סימן דאס איז אַ סימן אַז ער איז זינדיג און וויל ער האט וועלכע מצוה געטוהן בעצאהלט מען איהם אויף דער וועלט כדי ער זאל ניט האבען יענע וועלט:

דער רבי ר׳ מאיר׳ל מפרשיסחא האט געזאגט דער מענש וואס פאסט און ער שפירט ניט דעם הונגער טאהר ער ניט עוסק זיין בתעניתים אויף דעם זאגט די גמרא „היושב בתענית נקרא חוטא״ דער וואס פאסט הייסט ער אַ זינדיגער (מען מיינט ניט ח״ו די געבאטינע תעניתים נאר אַ זעלכער וואס וויל זיך פייניגען אין אַ זעלכע טעג וועלכע זיי זענען ניט קיין געבאטינע תעניתים) וויל דאס פאסטען איז איהם מונע פין עבודות השם. אָבער די צדיקים וואס זיי זענען דבוק איז השי״ת און זיי זענען אויס געטוהן פין דער וועלט זיי שפירען ניט קיין הונגער זיי מעגען פאסטען אַזוי ווי אסוחר וואס ער לייזט אַ גאנצע טאג פערגעסט ער און עסען אַזוי די צדיקים וויל זיי שפירען אַ תענוג און עבודות השם און צוליעב דעם תענית פערגעסען זיי און וויסען גאר ניט צו זיי דארפען גאר עסען. דאס איז די טייטש פין דער גמרא „הא דאקרי קדוש דמצי מצער נפשיה״ ווייסט איהר ווער עס ווערד אהנגערופען אַ קדוש דער וואס ער קען זיין גוף מצער זיין וויל ער איז אזוי דבוק און השי״ת און אויס געטוהן פין דער וועלט און ער

ער פערגעסט גאהר צו ער דארף עסין דער מעג פאסטען אבער דער וואס ער שפיערט הינגער אין תענית דער טוהר ניט פאסטען נאר אין די געבאטינע תעניתים ווייל ער שלאפט אב זיין גוף אין ער קען ניט עוסק זיין בתענית די קומט דאך אויס דאס וואס ער פערדינט מיט דעם פאסטען האט ער הזיק מיט דעם וואס ער קען ניט דינען גאט ב״ה:

הרב הצדיק ר׳ פנחס׳ל זצ״ל מקינצק דעם יוד הקדוש׳ס א אייניקעל איז געוועזען זייער א ווינדערליכער הייליגע מענש אלע צדיקים זענין געוועזען כפוף אינטער איהם זיין פאטער הרב הצדיק משידלאוויצי האט אויף איהם עדות געזאגט אז ער האט ניט טועם געוועזין קיין חט כל ימיו ער איז געוועזען א איש קדוש א עובד ד׳ פין זיין יוגענד במסירות נפש ער האט ממאס געוועזין בתענוגי עולם הזה. זיין אהבת ישראל איז ניט משער צו זיין אז עס איז א מאהל עמיצער צו איהם געקומען מיט א בקשה האט מען גיזעהן ווי דאס רחמנות האט איהם איבער גענימען אז פין זיינע אויגען זענען געריבען טרערען. בייטאג אין ביינאכט האט ער ניט גערוהט ער האט שטענדיג מתפלל געוועזען פאר דעם כלל ישראל ווען ער איז זיך געגאנגען לייגען האט ער געזאגט רבונו של עולם אויב די וועסט ניט טוהן מיין רצון אז די זאלסט העלפען דעם כלל ישראל וויל איך שוין מעהר ניט לעבען ווייל איך קען שוין ניט צו זעהן דעם צער פין די יודען זיין גיט הארץ איז ניט משער צו זיין וויפיעל געלד ער האט געהאט האט ער עס צו טהיילט ארימע לייט אין אז ער האט ניט געהאט קיין געלד האט ער פערזעצט זיינע זילבערינע לייכטער אין ער האט זיך געליגען געלד אין ער האט עס צו טהיילט ארימע לייט. מענשען זענען צו איהם געפאהרען פין דער גאנצער וועלט דאך האט ביי איהם קיין מאהל ניט איבער גענעכטיגט קיין פרוטה אין שטיב זיין אמונה אין זיין פשטיות איז ניט משער צו זיין יעדען טאג פלעגט ער צו זאגען היינט וועט זעכער קומען משיח אז ער האט גיהערט א רעש אין גאס האט ער גיפרעגט וואס דער רעש איז אפשר איז שוין משיח געקומען אז עס זענען צו איהם געקומען מענשען מיט קוויטליך מיט פערשידינע בקשות האט ער זיי געזאגט וואס איז אייך כדאי צו וויינען וואס זארגט איהר מארגען וועט דאך זיכער קומען משיח עס איז ניט מעגליך ארויס צו שרייבען זיין צדקות ער איז געוועזען זייער א שוואכער מענש זיבעצעהן יאהר איז ער געלעגען שלאף דאך האט זיין פנים געלייכט אזוי ווי א מלאך דער טריסקער מגיד האט געזאגט אז זיין פנים האט גיברענט פין יראת שמים. אלע צדיקים פלעגען צו איהם פאהרען אין זיי זענען געשטאנען ביי איהם מיט מורא אזוי

אזוי ווי א תלמיד פאר זיין רבי'ן אין זיי פלעגען איהם צוגעבען קוויטליך ר' פנחס'ל זצ"ל איז א מאהל געוועזען שבת אין גראדזיסק ר' פנחס'ל פלעגט שפעט דאווינען אז דער רבי ר' אלימלך מגראדזיסק האט שוין אפ געדאווענט אין ער איז געגאנגען צו ר' פנחס'ן איהם זאגען גוט שבת אין איהם בעטען אז ער זאל ביי איהם עסען. ר' פנחס'ל האט אבער נאך ניט געהאט געדאווענט נאר ער האט זיך ארום געדרעהט אין שטיב א הין אין צוריק ווי ר' אלימלך האט גיזעהן די טהיר איז ר' פנחס'ל געוועזען פערטוהן אין דביקות השי"ת האט ער ניט בעמערקט אז ר' אלימלך איז אריין געקומען ווי ר' אלימלך האט איהם געזעהן ארום געהן אין שטיב פערטראכט האט ער אהנגעשפארט זיינע הענד אין דער טיהר אין ער האט געזאגט צו די מענשען וואס זיי זענען געוועזען מיט איהם אז זיי זאלען זיין שטיל כדי זיי זאלען איהם ניט מבלבל זיין פון זיינע הייליגע געדאנקען אין ר' אלימלך איז אזוי געשטאנען א לאנגע צייט ביז ער האט איהם בעמערקט איז ער צו איהם צו געגאנגען אין ער האט איהם געזאגט גוט שבת האט ר' אלימלך צו איהם געזאגט אז ער בעט איהם אז ער זאל ביי איהם עסין האט ער איהם גיענטפערט אז זאל מתפלל זיין אז ער זאל קענען דאווינען וועט ער ביי איהם עסין ער וויל אויך ביי איהם זיין נאר וואס זאל ער טוהן אז ער קען נאך ניט דאווינען ווען ר' אלימלך איז ארויס געגאנגען האט ער געזאגט צו די מענשען איהר זאלט וויסען אז בשעת ער איז ארוס געגאנגען פון שטיב האט א פייער געפלאמט ארום איהם. זיין פאטער ר' נתן דוד זצ"ל משידלאווצע האט איהם א מאהל געשיקט א גילדען רענדיל אז ער זאל דאווינען אין דער פריה תפלה בזמנה האט ער אהנגעהויבען צו וויינען אין ער האט גאר ניט גיענטפערט דעם שליח ווי דער שליח איז צוריק געקומען האט איהם ר' נתן דוד זצ"ל גיפרעגט וואס ער האט גיענטפערט האט ער איהם דערצעהלט אז ער האט גאר ניט גיענטפערט נאר ער האט געוויינט האט ר' נתן דוד זצ"ל געזאגט וואס זאל איך טוהן מיט מיין זוהן אז כל תענוגי עולם הזה אין דאס גאנצע גאלד אין זילבער פון דער וועלט האט ביי איהם ניט קיין ווערד אפילו פאר איין האר יודישקייט. דער רבי ר' אברהם זצ"ל מראדאמסק איז אויך געוועזען כפוף אינטער איהם זיין זוהן ר' יחזקאל האט חתונה געהאט קיין אסטראווצע האט זיך איהם געמאכט א סובה אז ער האט ניט גיקענט פאהרען צו זיין פאטער קיין ראדאמסק האט ער געשריבען צו זיין פאטער א בריף אין ער האט זיך מתנצל געוועזען אז ער קען צו איהם ניט קומען האט איהר דער

פאטער

פאָטער גיזעגנטעפערט אַז ער זאָל בשום אופן ניט זיין אין דער היים נאָהר ער זאָל פאָהרען צו ר' פנחס'ן קיין וואָהאצק ער האָט דאַמאָלס געוואָהנט אין וואָהאצק און ער האָט איהם גישריבען די זאָלסט וויסען אַז ער איז אַ צדיק וקדוש און ווען ער האָט דערמאַנט ר' פנחס'ס נאָמען האָט ער זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און ער האָט געזאָגט מיט דעם הייליגען צדיק ר' פנחס'ל מקינצק אַז ער געהט קיין שום טאָג ניט דאַווינען און ער איז מתקן אַלע אותיות פון דער תורה:

**נאָך דעם** ווי ר' אברהם מראַדאָמסק איז נפטר געוואָרען איז ר' פנחס קינצקער געוועזען אין קאָרשקאָוויץ לעבען ראַדאָמסק זענען צו איהם געפאָהרען ר' אברהם'ס ביידע זוהן הרב הצדיק ר' יחזקאל מראַדאָמסק ואחיו ר' יעקיל'ע מקלאָבוצק און זיי זענען אַריין געגאַנגען מיט קוויטלעך צו ר' פנחס'ן איינער אָהן דעם צווייטען צום ערשטען איז אַריין געגאַנגען ר' יחזקאל מראַדאָמסק און ער האָט אָב געגעבען אַ קוויטעל און ער האָט אַזוי איין געשריבען אין קוויטעל הנה מיין פאָטער איז נסתלק געוואָרען און די חסידים ווילען דוקא אַז איך זאָל ווערען רבי און עס איז מיר שווער אַז איך זאָל זיי מדחה זיין און אפשר איז דאָס מן השמים און איך בין שוין געוועזען אצל הרבי משינאַווי און ער האָט מסכים געוועזען אַז איך זאָל ווערען רבי ע״כ אַזוי ווי איך וויים אַז איהר זענט דער צדיק הדור בין איך אייך געקומען פרעגען אייער עצה ר' פנחס'ל האָט איהם גיענטפערט אַז עס זיכער גלייכער אַז איהר זאָלט ווערען רבי און די חסידים וועלען ביי אייך געהאָלפען ווערען הן ברוחניות הן בגשמיות עס איז מן השמים אַז איהר זאָלט זיין אַ מנהיג הדור נאָך דעם איז אַריין געגאַנגען זיין ברודער און ער האָט אָבגעגעבען אַ קוויטעל און ער האָט געבעטען דעם רבי'ן אַז ער זאָל אויף איהם מתפלל זיין אַז ער זאָל האָבען כח אויס צו האַלטען דעם נסיון אַז ער זאָל ניט דאַרפען ווערען קיין רבי:

**דער רבי** ר' ירחמיאל משה פון קאָזיניץ איז אויך שטענדיג געפאָהרען להצדיק ר' פנחס'ל קינצקער ווען ער האָט אָב געגעבען דאָס קוויטעל איז ער געשטאַנען באימה אַזוי ווי אַ תלמיד פאַר זיין רבי'ן די סיבה וואָס ער איז געפאָהרען צו איהם האָט זיך גענומען פון דעם. ר' ירחמיאל משה איז אויף געהאָדעוויט געוואָרען ביי ר' אהרן קאַרלינער און עס איז אַ מאָהל געוועזען אַ חתונה אין גראָדזיסק אויף דער חתונה זענען געוועזען כמעט אַלע גרויסע צדיקים און ר' אשר סטאָלינער ר' אהרן קאַרלינער'ס זוהן איז אויך געוועזען אויף דער חתונה ווען ער איז אַ היים געקומען

געקומען האט איהם דער פאטער געפרעגט ווי אזוי געפעלען דיר די פוילישע רבי'ס האט ער איהם געענטפערט עס געפעלט מיר קיינער ניט נאר דער קרוב מיט דעם קניפ ער האט יראת שמים לרוב. האט איהם דער פאטער געפרעגט וועמען ער מיינט האט ער געענטפערט אז ער מיינט ר' פנחס קינצקער אין ר' ירחמיאל משה איז נאך דאמאלס געוועזען א קליין יונגעל אין פון דאמאלס אהן האט זיך אין איהם אהנגעצונדען א חשק צו פאהרען קיין קינצק:

**הרב הקדוש** מאלכסנדר איז אויך געוועזען פון ר' פנחס קינצקערס גוטע פריינד אין ער האט אויף איהם עדות געזאגט אז ער איז באמת געוועזען א אוהב ישראל. א מאהל איז דער אלכסנדר רבי מיט זיין זוהן געוועזען אין קינצק האט ר' פנחס'ל געמאכט א סעודה פאר זייערט וועגען האט זיך געמאכט א סיבה דעם אלכסנדער רבינ'ס זוהן אז ער האט ניט געקענט קומען צו דער סעודה האט ער איהם געהייסען אז ער זאל געהן איבער בעטען ר' פנחס'לן. ר' פנחס'ל האט א מאהל געפרעגט זיין פאטער פאר וואס ער האט מעהר חשק צו קוקען אין רבי'ן פון לובלין'ס ספרים ווי אין אנדערע האט איהם דער פאטער געענטפערט וויל ער האט אין זיך די נשמה פון ר' דוד מלעלוב אין ר' דוד מלעלוב איז געוועזען דעם רבי'ן פון לובלין'ס א תלמיד אלע צדיקים האבען איהם זייער ליעב געהאט דער פארסאווער רבי האט אויף איהם געזאגט אז ער האט א הארץ צו דינען גאט גלייך מיט די פערצייטישע צדיקים זי"ע ועכי"א:

**דער רבי** ר' פנחס'ל קינצקער האט געטייטשט די משנה אין אבות „אל תפרוש מן הצבור ואל תאמין בעצמך עד יום מותך" די פראסטע טייטש אז די זאלסט דיך ניט אבשיידען פון צבור אין די זאלסט דיר ניט גלייבען ביז דעם טאג פון דיין שטארבען. האט ער געפרעגט וואס פאר א שייכות האבען די צוויי מימרות איינס צום צווייטען האט דער רבי ר' פנחס'ל געטייטשט „אל תפרוש מין הצבור" די זאלסט דיך ניט אבשיידען פון ציבור די זאלסט ניט דאווינען ביחידות אין עסען ביחידות אין זיין שטענדיג אבגעזונדערט פון מענשען וויל דאס איז א עצת היצר דער וועג איז מסוכן לעבודת ד' „ואל תאמין בעצמך" די זאלסט דיר ניט גלייבען דער יצר הרע קען דיך אהנריידען אז די ביסט שוין א צדיק א קדוש אין די קענסט שוין זיין א ליין זאגט מען דער אהן אז די זאלסט ניט גלייבען „עד יום מותך" ביז די וועסט וויסען אז דער יצר הרע איז ביי דער שוין אבגעשטארבען אין די ביסט שוין אויס געטוהן פון אלע תאות עולם הזה

דאמאלס

דאמאלס קענסטו דיך אָבזינדערין פין דער וועלט אין זיין אַליין אין דינען גאָט ב״ה זי״ע :

**דער רבי** ר׳ פנחס׳ל קינצקער איז אַ מאָהל געלעגען אויף דעם בעט אין ער האָט זיך געשפיעלט מיט דעם זייגערייל איז צו איהם אריין געקומען זיינס אַ בן בית אין ער האָט איהם געפרעגט פאַר וואס געהט איהר ניט דאוונען נאָר איהר שפיעלט אייך מיט דעם זייגעריל עס איז דאָך שוין שפעט האָט ער איהם געענטפערט די זאָלסט וויסען אַז איך לערען מיך יעצט ווי אַזוי איך זאָל לאחר מאה שנים אַוועק געהן פין דער וועלט זי״ע :

**דער רבי** ר׳ פנחס׳ל קינצקער האָט געזאָגט נאָך זיין פאַטערס פטורה איך האָב געהאַט אַ טעות איך האָב גערעכענט אַז עס איז נאָך ניט די צייט פין מיין פאַטערס פטורה איבער דעם האָב איך ניט אַזוי פיעל מתפלל געווען פאַר איהם ווען איך וואָלט געוואוסט אַז עס איז שוין געקומען די צייט פין זיין פטורה וואָלט איך איהם בשום אופן ניט געווען געלאָזט אַ וועק געהן פין דער וועלט איך וואָלט זיך ביי איין שמונה עשרה געווען גיט איין געשפאַרט וואָלט ער געווען געבליבען ווייל די וועלט האָט איהם נאָך בעדאַרפען :

**דער רבי** ר׳ נתן דוד משידלאָווצע איז אַ מאָהל געווען דעם ערשטען שבת נאָך פסח אין חענטשין האָט ער געזאָגט אַ תורה פאַר וואס מען רופט דעם שבת שבת געלע מצות נאָך דעם טיש האָבען די חסידים איבער געחזרת די תורה איז דאָרט געווען אַ יונגער מאַן וואס ער איז ניט געווען פין דעם רביניס חסידים האָט ער געזאָגט איך ווייס אַז עס איז דאָ ערטער אַז דעם שבת רופט מען אַ צווייטען נאָמען נמצא אַז אייער רביניס תורה איז ניט אמת די חסידים האָבען זיך אָהנגעהויבען צו קריגען מיט דעם יונגער מאַן דער ווייל איז דער רבי אַריין געקומען אין ער האָט געפרעגט וואס דער רעש איז האָבען זיי איהם דער צעהלט וואס דער יונגער מאַן האָט זיי געפרעגט האָט דער רבי געזאָגט אַז דער יונגער מאַן האָט פסול׳ע תפילין די חסידים האָבען גענומען זיינע תפילין אין זיי האָבען זיי געעפינט אין זיי האָבען זיי בודק געווען אין זיי זענען געווען פסול איז געוואָרען אַ רעש צווישען די חסידים דאָס זיי האָבען געזעהן אַז דער רבי האָט אַ קלאָהרען רוח הקודש האָט זיי דער רבי געזאָגט אַז דאָס איז ניט קיין רוח הקודש נאָר ער האָט עס פערשטאַנען מיט זיין שכל פון וואנען ווייסען מיר אַז עס דאַרף זיין פיער פרשיות אין די תפילין ווייל עס שטעהט אין דער תורה „לטוטפות״ דרשנת די גמרא אַז דאָס וואָרט טוטפות

טטפת איז צוויי ווערטער „טט" „פת" אין „טט" איז אין דער מדינה כתפי צוויי אין פת איז אין דער מדינה אפריקא צוויי לויט דעם יונגער מז׳בז פראגע איז דאך דא אויך די זעלבע קשיא אפשר געפינט זיך א ארט וועלכעס „טט" איז פיער וואלטען מיר דאך בעדארפען האבען זעקס פרשיות אין די תפילין נאהר דער תירוץ איז. אז מיר קוקען ניט אויף קיין אנדערע ערטער באר אזוי ווי מען רופט דא אזוי איז. אבער דער יונגער מאן אז ער קוקט אויף אנדערע ערטער האלט ער דאך ניט פון דער דרשה פון דער גמרא קומט דאך אויס אז ער האט פסול׳ע תפילין דער אמת איז אז עס איז געוועזען א אמת׳ער רוח הקודש נאר וויל ער איז געוועזען א עניו האט ער ניט געוואלט אז די חסידים זאלען מאכען פון דעם א רעש זי״ע:

דער רבי ר׳ ירחמיאל איז געוועזען זייער מאכער פערצעהן יאהר נאך דעם יוד הקדוש׳ס פטורה ער האט ניט געוואלט ווערין קיין רבי בשעת ער איז נפטר געווארען אין מען האט איהם געלעגט לעבען זיין פאטער האט דער מאגלניצער רבי זיך אנידער געווארפען אויף דעם יוד הקדוש׳ס קבר אין ער האט געזאגט רבינו היהודי הקדוש איהר זאלט וויסען אז מען האט אייך געבראכט אייער זוהן איך זאג אויף איהם עדות אז ער איז גרעסער אין דער מדרגה פון ר׳ שמעון בן יוחאי. ר׳ שמעון בן יוחאי איז געוועזען בעהאלטען דרייצעהן יאהר אין דער מערה אין אייער זוהן איז געוועזען בעהאלטען פערצעהן יאהר אין ער האט געזאגט צו די חסידים וואס זיי האבען געוויינט איהר זאלט וויסען אז פאר אייערט וועגען איז נאך דא א רבי אבער איך האב שוין ניט קיין רבי אז איך האב געוואלט וויסען וואס עס הערט זיך אין הימעל בין איך געפאהרען קיין פרשיסחא האב איך אללעס גיהערט בעת ער איז נאך געוועזען זייער מאכער איז ער געפאהרען קיין קאזינעץ צו ר׳ משה׳לי קאזיניצער קודם הסתלקותו האט ר׳ משה׳לי צו איהם געזאגט איך וועל אהן זאגען מיינע חסידים אז זיי זאלען צו אייך פאהרען נאר וואס זאל איך טוהן איך האב גיהערט אז איהר זענט א קפדן אויף די חסידים האט ר׳ ירחמיאל צו איהם געזאגט וואס זאגט איהר איהר קענט פרעגען מיינע חסידים איך בין באמת א גיטער פאר די חסידים אין זיי האבען גירעדט אזעלכע זאכען וואס מען קען זיי ניט ארויס שרייבען אין ר׳ משה׳לי האט געזאגט איך זעה טאקי אז איהר זענט באמת א גיטער אין ער האט געהייסען זיינע חסידים אז זיי זאלען לאחר פטירתו פאהרען קיין פרשיסחא להרב הצדיק ר׳ ירחמיאל זצ״ל זי״ע:

אמאהל

אמאהל האט אַ עושר מעיז פנים געווען געגען דעם רבין ר׳ נתן דוד זצ״ל משידלאָווצע דערנאָך איז ער געוואָרען אַ יורד אעני ואביון רח״ל האט דער רבי אויף איהם געטייטשט דעם פסוק „והעשיר יענה עזות״ די פראָסטע טייטש פון דעם פסוק איז דער עושר ריידט מיט אַ שטאָלצקייט און דער רבי האט געטייטשט „יענה״ מלשון אָרימאַן „והעשיר יענה״ פון וואנען נעמט זיך אַז דער עושר ווערד אַ אָרימאַן „עזות״ אַז ער איז אַ עזות פנים דאָרך עזות פנים קען אַ עושר ווערען אַ אָרימאַן:

דער רבי ר׳ צדוק הכהן מלובלין ווען זיין ערשט ווייב איז איהם געשטאָרבען האט מען איהם געשדכנת די רבנות משפערוב דעם יוד הקדוש׳ס אַ אייניקעל און ווייל דער כהן האט קיינמאָהל ניט גענומען ביי די חסידים קיין געלד נאָהר זיין ווייב האָט געהאַט אַ האַנדיל פון אַלטע מלבושים און פון דעם איז געווען זייער פרנסה איבער דעם האָט די שפערובער רבנית ניט געוואָלט דעם שידוך נאָר (אַז ער זאָל הייסען זייגע חסידים אַז זיי זאָלען איהם געבען פרנסה ווייל זי איז ניט געוואָהט געווען צו האַנדלין זי האָט געוואָלט לכל הפחות אַכצעהן רו״כ אַ וואָך ווייל זי האָט געהאַט קינדער פון ערשטען מאַן נאָר דער כהן איז אויף דעם ניט בעשטאַנען ווייל ער האָט ניט געוואָלט נעמען ביי די חסידים קיין געלט און אַ צייט אַרום האָט ער זיך מיישב געווען ווייל זי אין איהרע קונדער זענען דאָך דעם יוד הקדוש׳ס אייניקלעך און עס איז מוטל אויף יעדען יוד צו שפייזען דעם יוד הקדוש׳ס אייניקלעך איז ער בעשטאַנען אַז די חסידים זאָלען איהם געבען אויף פרנסה נאָר ער האָט פון דעם געלד ניט קיין הנאָה געהאַט זי״ע ועכי״א:

דער רבי מלובלין האט זיך אַ מאָהל פערנומען מעורר צו זיין דעם קץ און צו ברענגען משיח׳ן האט ער מוסר געווען די כוונות צו די יחידי סגולה אַז זיי זאָלען די כוונות מכוין זיין ביי דער הגדה של פסח דעם יוד הקדוש צווייטע ווייב איז געווען זייער אַ שלעכטע די חסידים האָבען געבעטען דעם יוד הקדוש אַז ער זאָל זי גט׳ן ווייל זי האט איהם שטאַרק מצער געווען נאָר ער האָט ניט געוואָלט ער האָט געזאָגט איך האָב פון איהר אַרויס גענומען צוויי ספרים הרב הצדיק ר׳ נחמי׳ זצ״ל מבעחווו והרב הצדיק ר׳ אשר זצ״ל מפאַריסאָוו. און דעם יוד הקדוש׳ס מוטער פלעגט צו זיצען ביי דעם סדר לעבען יוד הקדוש דאָס יאָהר האָט דאָס ווייב געזאָגט אַז זי וויל זיצען לעבען איהם און זיין מוטער האָט ניט געוואָלט אָבטרעטען איהר אָרט שפּעטער אַז די מוטער האָט געזעהן אַז דער

יוד

האבען איהם ניט געזעהן דאווינען בציבור ווייל ער פלעגט דאווענען ביי
זיך אין דער היים און שפעטער ווי דער זמן תפלה איז. ווייל ער איז
געווען דער ערשטער פון די צדיקים וואס האבען מאחר געווען דעם
זמן תפלה צו ליעב דעם האט ער געדאוונט אין דעם היים ביי זיין שווער
איז געווען אויף דעם בוידעם היי און ער האט זיך אויסגערייניגט אווינקעלע
אויף דעם בוידעם און ער פלעגט דארט דאווינען מיט גרויס התלהבות
און עס האט קיינער פון דעם נישט געוויסט נאר זיין ווייב האט ער פון
דעם דערצעהלט בסוד אז זי זאל וויסען אויב ער וועט ניט אהיים קומען
צו דער בעשטימטע צייט זאל זי איהם זוכען אויף דעם בוידים ווייל ער
פלעגט פיעל מאהל פער חלישט ווערן נאך דעם דאווינען זאל זי איהם
קומען ראטעווען פיהל מאהל איז טאקי אזוי געווען אז זי איז ארויף
געקומען האט זי איהם געטראפען ליגען פאר חליש'ט און מיט גרויס מוה
פלעגט זי איהם דער מינטערען.

אמאהל איז דורך זיין שווערס הויז אדורך געגאנגען דער צדיק ר' אברהם יהושע העשיל זצל"ה און ער האט דערשפירט אגוטען ריח אז
ער האט ניט געקענט אוועק געהן פון דארט אין ער האט געהייסען זיין
משמש אז ער זאל אריין געהן אין שטיב אריין ער זאל זעהן אפשר איז
וועלכער אז"ה הגון דא אהנגעקומען דער משמש האט געזוכט אין האט
קיינעם ניט געפינען דער צדיק איז אהיים געגאנגען און ער האט ניט
געוויסט פון וועמין דער גוטער ריח איז. אויף דעם צווייטען טאג איז ער
צדיק ווייטער אדורך געגאנגען דורך דעם הויז און האט ווייטער מרגיש
געווען א קדושה פון דעם הויז און האט ווייטער געשיקט אריין זיין
משמש זעהן ווער דא איז דא. דער משמש האט ווייטער קיינעם ניט
געטראפען און אויף דעם יוד הקדוש איז איהם ניט איינגעפאלען ווייל
מען האט איהם געהאלטען פאר א מתנגד אוף דעם דריטען טאג איז דער
צדיק ר' אברהם יהושע העשיל אליין אריין געגאנגען זיך אום קוקען
ווער דארט איז היתכן ער זאל זיך אזוי קענען בעהאלטען אז ער זאל
פון איהם ניט וויסען. און דער יוד הקדוש איז דאמאלס געווען אויף
דעם בוידעם אזוי ווי זיין שטייגער איז געווען און ער האט מרגיש
געווען אז דער צדיק זוכט איהם און ער וועט איהם זיכער געפינען
וועט ער דאך איהם מגלה זיין פאר יעדען איינעם אין ער האט אבער
געוואלט אז עס זאל קיינער ניט וויסען איז ער אראב געגאנגען פון בוידעם
און צו געגאנגען צום צדיק ר' אברהם יהושע העשיל און ער האט איהם
געבעטען

געבעטען אז ער זאל איהם ניט מפרסם זיין און דער צדיק איז א וועק געגאנגען א היים און ער האט עס פאר קיינעם ניט דערציילט און ער האט ניט געוויזען דעם יוד הקדוש קיין שום התקרבות און ער האט זיך ווייטער געטוהן זיינס און עס האט קיינער פון איהם ניט געוויסט:

נאר איין חבר האט ער געהאט אין אסטראווצי צווי מאהל וויט פון אפטא וואס ער איז אויך געוועזען א גדול בתורה ובחסידות ער איז געפאהרען להסבא קדישא צו דעם צדיק ר׳ מרדכי זצ״ל מנישכיז פאר זיין חבר פלעגט ער אויס זאגען זיינע אלע סודות איין מאהל און דער וואך פלעגט איינער צום צווייטען געהן. א מאהל איז דער יוד הקדוש געגאנגען צו זיין חבר און א מאהל איז דער חבר געגאנגען צום יוד הקדוש און זיי פלעגען זיך א דורך שמיסען אלע חדושים וואס זיי האבען מחדש געוועזען און דער וואך הן בנגלה והן בנסתר. זיי האבען זיך אזוי געפיהרט א לאנגע צייט א מאהל איז דער יוד הקדוש געקומען צו זיין חבר ניט און זייער אויסגעזעצטע צייט ווי דער חבר האט איהם דערזעהן האט ער זיך זייער דערשראקען און ער האט איהם גיפרעגט וואס איז די סיבה וואס ער איז געקומען ניט און דער צייט. האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אז בשעת ער האט עוסק געוועזען און א ענין בדרך נסתר האט ער מסיק געוועזען אז פון הימעל וויל מען ניט צו נעמען דעם צדיק פון דעם עולם וויל עס איז גלייכער אז ער זאל נאך זיין אויף דעם עולם און ער זאל נאך מוסיף זיין תורה ועבודה. נאר אז מען דארף דעם צדיק אויף יענעם עולם ווייזט מען איהם א גרויסע מדרגה אז עס דאכט זיך דעם צדיק ער וועט ניט קענען משיג זיין די מדרגה אויף דעם עולם און וויל ער האט שטארק חשק משיג צו זיין די מדרגה בעט ער ביי השי״ת אז ער זאל איהם צו נעמען פון דעם עולם כדי ער זאל קענען קומן צו דער מדרגה א״כ דאכט זיך איהם אז ער האלט שוין ביי דער מדרגה אז ער זאל שוין בעטען ביי השי״ת אז ער זאל איהם צו נעמען פון דעם עולם און אפשר קען זיין אז ער האט א טעות. ע״כ וויל ער פאהרען צו א צדיק הדור אז ער זאל איהם דערלייכטען זיינע אויגען האט איהם זיין חבר גיענטפערט הער מיך אויס וואס איך וועל דיר זאגען הגם איך פאהר קיין נעשכיז נאר צו דער זאך וועט גיכער זיין מסוגל דער רבי פון לובלין ער זאל דיר דערלייכטערין דיינע אויגען און ער זאל דיר ווייזען דעם אמת׳דיגען וועג דער יוד אקדוש האט אויסגיהערט זיין חברים רייד און ער איז זיך גלייך געגאנגען קיין אפטא און דער פריה איז דער יוד הקדוש געקומען אין בית המדרש ארייין און

און ער האט גיפרעגט ביי די חסידים וואס זיי פאהרען קיין לובלין צו עס איז דא וועלכעס געלעגענהייט קיין לובלין צו עס פאהרט עמיצער פון זיי קיין לובלין וויל ער וויל אויך פאהרען אויף שבת קיין לובלין צום רבין. ווי די חסידים האבען דאס דערהערט האבען זיי זיך שטארק דער פריידט זיי האבען שוין פיעל מאהל געבעטען אז ער זאל מיט זיי פאהרען קיין לובלין און ער האט ניט געוואלט. און יעצט וויל ער פאהרען קיין לובלין מיט זיין איינענעם ווילען זיי האבען זיך פארגעשטעלט אז אזא גאון אז ער וועט זיך פיהרען בדרך החסידות וועט ער זיין איינער פון די גרעסטע צדיקים. הגם זיי האבען ניט געוויסט פון זיין צדקות וויל ער איז דאך ביז יעצט געווען זייער בעהאלטען דאך האבען זיי זיך געפריידט אז ער וועט פאהרען קיין לובלין און ער וועט זיך פיהרען בדרך החסידות ;

א שבת פריהער איידער דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין האט דער רבי פון לובלין גיבעטען ביי השי"ת אז ער זאל איהם וויזען ווער עס וועט זיין א ממלה מקומו און ער וועט פיהרען די עדה נאך זיין פטורה. האט מען איהם מגלה געווען פון הימעל דער מענש וואס זיין נאמען און זיין מוטערס נאמען איז גלייך מיט איהם דער וועט זיין א ממלה מקומו. די חסידים פון אפטא וויל עס איז ביי זיי געווען זייער חשוב אז דער יוד הקדוש פאהרט קיין לובלין האבען זיי געדינגען א פיהר פער זייניט וועגען און עטליכע חסידים זענען מיט געפאהרען זיי זאלען זעהן ווי אזוי דער רבי וועט צו נעמען דעם חשובין אורח. אזוי ווי דער יוד הקדוש איז אריין געקומען צום רבין מלובלין האט דער רבי צו איהם גיזאגט אז מען דארף געניג בעטען צו השי"ת אז ער זאל הערען זיין קול. דער יוד הקדוש האט פערשטאנען אז דאס מיינט ער איהם אז ער האט מרגיש געווען וואס ער טראכט דאס הייסט ער דארף נאך געניג ארבייטען ביז ער זאל קומען צו דער מדרגה און דער רבי האט זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און ער איז צו געגאנגען צו איהם און ער האט איהם געגעבען שלום און ער האט איהם ארום געגומען מיט זיינע הייליגע הענד און ער האט איהם געהייסען זעצען לעבען איהם און ער האט איהם געזאגט יישר כחכם וואס איהר זענט צו מיר יעצט געקומען ווען איהר זאלט ניט געוועזען צו מיר יעצט קומען וואלט איך עס ניט געוועזען אויסגעהאלטען פון עגמת נפש וואס איך האב ביז יעצט געראט. וויל מען האט מיר מגלה געווען מן השמים אז דער מענש וואס ער הייסט גלייך מיט מיר ער וועט

זיין

זיין אַ ממלה מקומו און היינט און דער פריה איז צו מיר קומען אַמענש וואָס ער הייסט גליך מיט מיר און ער זעהט אויס אַ חסיד אַ צדיק אָבער ער איז נאָר פערשטעלט און באמת איז ער ניט אַזוי און ווען איך האָב זיך פאַרגעשטעלט אַז ער וועט זיין אַ ממלה מקומי און ער וועט פיהרען די עדה איז אויף מיר געפאַלען אַ אימה אַז איך האָב שוין ניט געהאַט קיין כח צו שטעהן אויף מיינע פיס און איך האָב פון שוואַכקייט ניט געקענט רוהען מיט קיין אבר פון עגמת נפש און יעצט אַז איהר זענט געקומען האָט איהר מיך מחיה געוועזען וויל איך זעה אַז איהר זענט ראוי איהר זאָלט זיין אַ ממלה מקומי צום בעדויערען האָט זיך געמאַכט אַ גרויס מחלוקת צווישען דעם רבין פון לובלין מיט דעם יוד הקדוש וואָס מענשען האָבען פיעל רכילות און לשון הרע דערצעהלט און דער בעל דבר האָט גובר געוועזען און דאָס מחלוקת האָט געשאַדט דעם יוד הקדוש בעונותינו הרבים איז ער נפטר געוואָהרען נאָך פאַר דעם רבין פון לובלין יום ג׳ דחה״מ סוכות שנת תקע״ד זי״ע ועכי״א :

און פרשיסחא האָט געוואָהנט דעם רבי׳נס ר׳ ברוך פון מעזיביז אַ חסיד ווען ער פלעגט צו פאָהרען קיין מעזיביז איז ער פריהער אריין געגאַנגען צום יוד הקדוש זיך געזעגענען איינמאָהל איז ער אריין געגאַנגען צום יוד הקדוש זיך געזעגענען האָט איהם דער יוד הקדוש געזאָגט די זאָלסט איבער געבען אַ גריס פאַר מיינעט וועגין דעם רבי׳ן ר׳ ברוך און די זאָלסט איהם זאָגען אַ סימן אַז די תורה האָט ער מחדש געוועזען... דער חסיד האָט אַזוי געטוהן ווי דער רבי ר׳ ברוך האָט דערהערט די תורה האָט ער זיך אויף געשטעלט פון זיין שטוהל און ער האָט געזאָגט מיט גרויס התלהבות מלאכים און שרפים ווייסען נאָך ניט פון דער תורה דען איך האָב נאָר די תורה מחדש געוועזען און מיין געדאַנק און איך האָב זי נאָך ניט מיט מיין מויל געזאָגט און דער קדוש מפרשיסחא ווייסט זי שוין פון דאַמאָלסט אָהן איז ער איהם געוועזען זייער פון זיינע גוטע פריינד זי״ע :

דאָס איז דאָך ידוע דער גאַנצער וועלט פון דער גרויסער התונה וואָס עס איז געוועזען און אוסטילא און דער צדיק ממעזביז איז אויך געוועזען אויף דער חתונה (דאָס איז שוין געוועזען נאָך דעם יוד הקדוש׳ס פטורה) און דאַמאָלס איז געוועזען אַ גרויסע אַ סיפה פון אַלע גרעסטע וועלט רבייס וועגען דעם רבי׳ן ר׳ בינם וואָס מענשען האָבען אויף איהם געזאָגט אַז ער פיהרט זיך ח״ו נגד התורה און מען האָט גובה עדות געוועזען. וועגען דעם האָט דער רבי ר׳ ירחמיאל דער יוד הקדוש׳ס זוהן עדות געזאָגט

געזאָגט פאַר די רבי'ס אַז ווען ער איז געוועזען אַ קליין יונגעל איז דער רבי ר' בונם געוועזען מיט דעם יוד הקדוש אין אַ בעזונדער חדר און ער איז אויך ביי דעם געוועזען און דער יוד הקדוש האָט געשמייעסט מיט דעם רבי'ן ר' בינם וועלכעס עס האָט איהם אויסגעוויזען אַז זיי ריידען פון פּראָסטע וועלטליכע זאַכען. נאָך דעם ווי דער רבי ר' בינם איז אַרויס געגאַנגען האָט דער יוד הקדוש צו איהם געזאָגט מיין קינד די ווייסט וואָס מיר האָבען געשמייעסט מיר האָבען גערייד פון אַלעס וואָס עס געפינט זיך פון דעם תהום ביז אינטער דער כסא הכבוד. און מיט דעם האָט דער רבי ר' ירחמיאל מציל געוועזען דעם רבי'ן ר' בינם אַז די רבי'ס זאָלען איהם גאָהר ניט טוהן זי"ע:

אַמאָהל האָט דער יוד הקדוש געזאָגט צום רבי'ן ר' בינם אַז ער זאָל פאָהרען אין וועג אַריין און ער האָט איהם ניט געזאָגט ווי אַהין און נאָך וואָס. דער רבי ר' בינם האָט ניט גיפרעגט דעם יוד הקדוש ווי ער זאָל פאָהרען נאָר ער האָט גלייך געדינגען אַפיהר און ער האָט מיט זיך גענימען עטליכע חסידים און זיי זענען געפאָהרען. זיי זענען געקומען אין אַדאָרף אריין און זיי האָבען זיך געהייסען געבען עסין דער בעל הבית האָט געזאָגט אַז ער האָט ניט קיין מילעכדיג עסין נאָר פליישׁ זיי האָבען אָהן געהויבען חוקר ודורש זיין ווער דער שוחט איז געוועזען און צי די בהמה איז געוועזען גלאַט כשר אָהן אַסירכאַ און צי מען האָט דאָס פליישׁ געזאַלצען אזוי ווי עס גיהערט צו זיין. האָט זיך צו זיי אָהן געריפען אמענש פון אינטער דעם אויבען ער איז געגאַנגען קריעה ובלוי' אַזוי ווי אַ אָרימאַן. חסידים חסידים! דאָס וואָס איהר לעגט אַריין אין מויל זענט איהר חוקר ודורש צי עס איז כשר אָבער דאָס וואָס איהר לאָזט ארויס פון אייער מויל דאָס הייסט דאָס וואָס איהר ריידט קלעהרט איהר גאָר ניט צי עס איז כשר צי ניט ווי דער רבי ר' בינם האָט דאָס דערהערט האָט ער פאַרשטאַנען אַז צוליעב דעם האָט איהם דער רבי געהייסען פאָהרען און ער איז תיכף צוריק געפאָהרען און דער אורח איז געוועזען אליהו הנביא זכור לטוב:

דער יוד הקדוש האָט אַמאָהל דערצעהלט פאַר זיינע חסידים אַז אַחסיד איז נפטר געוואָרען און ער איז געקומען פאַר דעם ב"ד של מעלה און ער האָט געהאַט פיעל מליצים וועלכעס זיי האָבען אויף איהם מלמד זכות געוועזען און מען האָט איהם געוואָלט מוכה זיין דער וויל איז צו געקומען אַמלאך און ער האָט אויף איהם מלמד חוב געוועזען אַז ער האָט אַ עבירה געטוהן מען האָט דעם חסיד גיפרעגט פאַר וואָס ער האָט די אַ

עבירה

עבירה געטוהן האט ער גיענטפערט אז ער איז אין דער עבירה ניט שולדיג דאס זיין ווייב האט איהם געצווינגען צו דער עבירה ווי דער מלאך האט דערהערט דעם חסידס ענטפער האט ער אהנגעהויבען שטארק צו לאכען אין ער האט געזאגט וואס איז דאס פאר אתירוץ ער האט ניט בעדארפען צו פאלגען זיין ווייב. דאס ב״ד של מעלה האט דעם חסיד געגעבען זיין פסק פאר דער עבירה אין דער מלאך וואס ער האט געלאכט פון דעם חסיד האט דאס ב״ד של מעלה גפסקנת אז ער זאל אראב געהן אויף דעם עולם ער זאל מגולגול ווערען אין אמענש אין ער זאל נעמען אווייב וואס זי זאל איהם זיין א כנגד אין מען וועט זעהן ווי אזוי ער וועט זיך פיהרען. די חסידים האבען תופס געוועזען אז ער מיינט דאס זיך ווייל זיין ווייב האט איהם תמיד מצער געוועזען זי״ע ועכי״א:

דער רבי ר׳ הנוך מאלעקסאנדער זצ״ל איז א חתן געווארען פון פרשיסחא פאר די תנאים האט דער מחותן געבעטען דעם יוד הקדוש אז ער זאל פרובען דעם חתן דער יוד הקדוש האט איהם געפרובט אין ער האט איהם גיפרעגט א קשיא אין דער חתן האט תיכף ניט געוויסט די קשיא צו פער ענטפערין. ער האט אביסעל גיקלעהרט אין ער האט גיענטפערט דעם תירוץ האט דער יוד הקדוש צו איהם געזאגט ווען איך בין אזוי אלט געוועזען ווי די האב איך א גרעסרע זאך שוין געזאגט אין ווען איך בין אלט געווארען אכצעהן יאהר בין איך שוין געוועזען אגדול בתורה וואס איך האב געזעהן אז פון דעם לערנען אליין קען קיין מענש ניט קומען צו דעם אמתידיגען תכלית האב איך ביי זיך געטראכט ביי אברהם אבינו שטעהט אז ער האט חוקר געוועזען אין דער לבנה אין די מזלות אין ער האט געזעהן אז עס איז אין זיי ניט דא קיין מענש זא ווי עס איז דא אמושל אין הימעל וואס ער איז א מושל אין א מנהיג אוף דער גאנצער וועלט אין פון דעם איז ער געקומען צו דעם אמתידיגען תכלית איך בין אויך ארום געגאנגען מיט דער מחשבה דריי חדשים ביז איך בין געוואהר געווארען אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט אין מחמת דעם פחד וואס איך האב געהאט דאמאלס ווען איך בין שוין געוואהר געווארען אז עס איז דא א גאט אוף דער וועלט אין בשעת איך האב געזאגט דעם פסוק שמע ישראל איז פאר גרויס פחד מיר ארויס געפאלען אלע צעהן אין ער האט איהם געוויזען אז ער האט ניט קיין איין צאהן אין מויל:

אין דעם רבין פון לובלינ׳ס צייטען איז געוועזען א רב אין לובלין הגאון ר׳ עזריאל הארוויץ מען האט איהם גערופען דער אייזערינער קאפ ווייל

וויל ער איז געווען זייער א גרויסער גאון און ער איז געווען א מתנגד אויף דעם דרך החסידות א מאהל האט זיך געמאכט א שאלה ביי דעם רביין אין הויז דער רב איז ניט געווען אין דער היים האט דער רבי געהייסען זיין תלמיד ר׳ ישעי׳ מפשעדבורז אז ער זאל פסקנין די שאלה וויל ער איז געווען בעוואוסט פאר א גרויסער למדן און ר׳ ישעי׳ האט כשר געמאכט די שאלה ווי דער אייזערינער קאפ איז א היים געקומען און ער האט גיהערט פון דעם און ר׳ ישעי׳ האט גע׳פסיקנט אז עס איז כשר האט זיך דעם אייזערינער קאפ אויסגעוויזען אז די שאלה איז טרפה און ער האט געשיקט צום רביין אז ער זאל איהם שיקען דעם פוסק וויל ער וויל מיט איהם האבען א וכוח און זיך מיט איהם מפלפל זיין וויל ער האט ניט גיט גע׳פסיקנט. ר׳ ישעי׳ האט מורא געהאט צו געהן וויל ער האט מורא געהאט אז דער אייזערינער קאפ זאל איהם ניט מנצח זיין האט דער רבי מיט געשיקט מיט איהם דעם יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האט גיזאגט דעם אייזערינעם קאפ אז ער האט גע׳פסיקנט גיט די שאלה און זיי האבען זיך מפלפל געווען אז דער אייזערינער קאפ איז מיעד געווארען און ער האט זיך געמוזט צו בינדען דעם קאפ מיט א טיכעל דער וכוח האט אזוי געדויערט צוויי טעג און דער יוד הקדוש האט מנצח געווען און די שאלה איז געבליבען כשר און דער אייזערינער קאפ האט געבעטען דעם יוד הקדוש אז ווען ער וועט זיין אין לובלין זאל ער צו איהם אריין קומען שמועסן און לערנען ז״ע :

דער אייזערינער קאפ האט א מאהל געשיקט זיינס א מענש צום רבי׳נס טיש ער זאל הערען וואס פאר א תורה דער רבי וועט זאגען ער האט גירעכענט אז דער רבי וועט זיכער זאגען א טיעפען פלפול דער רבי האט גיזאגט תורה אויף דעם פסוק ואקח את אביכם מעבר הנהר די טייטש פון פסוק איז איך האב געצומען אייער פאטער אברהם פון יענער זייט טייך דער רבי האט געטייטש ואקח את אביכם. איך וועל נעמען אייער וועלער „מעבר״ פון איבער פאהרען „הנהר״ צו דער לייכטען. ווי דער אייזערינער קאפ האט גיהערט די תורה האט ער אויס דער תורה שטארק געלאכט און ווען דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין און ער איז א ריין געקומען צום אייזערינעם קאפ האט איהם דער אייזערינער קאפ דערצעהלט פון דעם רבי׳נס תורה מיט א געלעכטער און ער האט איהם גיפרעגט היתכן איהר זאלט פאהרען צו אזא רביין וואס ער ווייסט ניט קיין טייטש פון א פסוק האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט פאר וואס בין איך שולדיג אז איהר פערשטעהט

פערשטעהם ניט קיין פשט אין דעם רביינס תורה און ער האט איהם פערטייטשט די תורה דאס איז דאך ידוע אז ביי א יוד אז ער האט אין געדאנק צו טוהן א מצוה און עס האט זיך איהם געמאכט א סיבה או ער האט די מצוה ניט גיקענט טוהן ווייל זיין מחשבה איז גיוועזען צו טוהן די מצוה איז גלייך ווי ער האט די מצוה געטוהן. און אויב א יוד האט געוואלט טוהן א עבירה און ער האט זי ניט געטוהן איז ניט גלייך ווי ער האט די עבירה געטוהן. נאך איז דער דין אז א מענש טוהט תשובה מאהבה איז די אלע עבירות וואס ער האט ביז יעצט געטוהן ווערען איהם גירעכינט פאר מצות ווי איז אבער דער דין אז א מענש האט גירעכנט צו טוהן א עבירה און ער האט זי ניט געטוהן און ער האט נאך דעם געטוהן תשובה מאהבה או איך וועל זאגען אז א מחשבה רעה איז ניט גירעכענט גלייך ווי א מעשה קומט דאך ארויס אז ווען ער טוהט תשובה ווערט דאך פון דער מחשבה רעה ניט קיין מצוה ווייל א מחשבה רעה איז דאך ניט גלייך ווי א מעשה דאס האט געטייטשט דער רבי „ואקח את אביכם" איך וועל נעמען אייער וועלער "מעבר" פון איבער פאהרען דאס הייסט איך וועל נעמען אייערע מחשבות וואס איהר האט געטראכט צו טוהן א עבירה „הנהר" צו דער לייכטען אז איהר וועט טוהן תשובה וועלען אייערע שלעכטע מחשבות אויך ווערען גירעכענט פאר מצות חאטשי אזוי ווערד קיין שלעכטע מחשבה ניט גירעכענט פאר א מעשה אבער דאמאלס ווען איהר וועט טוהן תשובה וואס פון די עבירות ווערד מצות דאמאלסט ווערען די שלעכטע מחשבות גירעכענט פאר מעשים כדי עס זאל פון זיי ווערען מצות:

דער יוד הקדוש האט א מאהל געזעהן מיט זיין רוח הקודש אז דער קאזיניצער מגיד איז שלאף עס האלט ביי סכנות נפשות האט ער געהייסען זיינע צוויי חסידים איינער האט גיהייסען ר' שמואל יעדליננסקער און דער צווייטער האט געהייסען ר' שמואל סקשינער אז זיי זאלען תיכף פאהרען קיין קאזיניץ אויף שבת און אויב זיי וועלען איהם נאך טרעפען לעבעדיג זאלען זיי מקבל שבת זיין ביי איהם ווייל זיי זענען גיוועזען גרויסע בעלי מנגנים און זיי וועלען קענען מיט זייער נגונים איהם דער האלטען אויף דעם עולם די צוויי חסידים האבען אזוי געטוהן און זיי זענען תיכף געפאהרען קיין קאזיניץ און זיי האבען געטראפען דעם מגיד נאך לעבעדיג און ער האט זיי גיפרעגט פון וואנען זיי זענען האבען זיי איהם גיענטפערט אז דער יוד הקדוש האט זיי א הער געשיקט און ר' שמואל יעדליננסקער האט געזאגט דעם מגיד אז ער קען זינגען און דער מגיד האט

האט איהם מכבד געוועזען אז ער זאל מקבל שבת זיין און ר׳ שמואל סקשינער האט איהם צו געהאלפען און אזוי ווי דער מגיד האט געהערט זינגען איז איהם תיכף בעסער געווארען און ער האט ביי זיך געשפירט אז דאס זינגען איז פאר איהם א רפואה בדיקה און ער איז געזונד געווארען. און דער מגיד האט געזאגט אז דער יוד הקדוש האט געזעהן אז ער איז שוין געוועזען אין אלע עולמות נאר אין עולם הניגון איז ער נאך נים געוועזען האט ער איהם געשיקט די צוויי בעלי מנגנים אז זיי זאלען מיך מיט זייערע נגינים דער האלטען אויף דעם עולם דאס הייסט אזוי ווי אויבען שטעהט אז דער צדיק זעהט א מדרגה וואס ער קען צו איהר נים צו קומען אויף דעם עולם בעט ער ביי השי״ת אז ער זאל איהם א רויף נעמען אויף יענעם עולם כדי ער זאל קענען משיג זיין די מדרגה און דער מגיד איז נים געוועזען בעולם הניגון וואלט ער בעדארפען נפטר ווערען כדי ער זאל קאנען אריין קומען בעולם הניגון האט ער איהם געשיקט זיינע צוויי מנגנים אז זיי זאלען איהם אריין פיהרען און עולם בניגון אריין כדי ער זאל קענען בלייבען לעבען זי״ע ועכי״א:

דער יוד הקדוש האט געזאגט אז ער איז געקומען צו אלע מדריגות דורך אקאוואל ווארים בשעת ער איז געוועזען ביי זיין שוועהר האט דער לעבין געוואהנט אקאוואל אין ווען עס איז געקומען די צייט פון שלאפען האט דער קאוואל נאך געארבייט אין געקלאפט מיט זיין האמער האט דער יוד הקדוש ביי זיך געטראכט דער קאוואל ארבייט דאך נאר אויף חיי שעה דאס הייסט נאר פאר דער וועלט ארבייט ער אזוי שפעט ווי אזוי קען איך זיך געהן לייגען אין פערלוהרען עולם הבא האט ער נאך געלערענט דער קאוואל אז ער האט איהם געהערט לערנען האט ער ביי זיך געטראכט עס איז נאך פריה צו געהן שלאפען אז דער יונגער מאן זיצט נאך אין לערענט ממילא האט דער קאוואל געארבייט ביז שפעט אין דער נאכט. אין דער יוד הקדוש איז געזעסען אין געלערענט ביז שפעט אין דער נאכט אזוי איז געוועזען אין דער פריה דער קאוואל פלעגט אויף צו שטעהן פאר טאג אין זיך שטעלען ארבייטען ווי דער יוד הקדוש האט דערהערט דעם קאוואל קלאפען האט ער שוין נים געקענט שלאפען ער האט געזאגט אז דער קאוואל הייבט זיך אויף אזוי פריה צוליעב געלד ווי אזוי קען איך שלאפען אין ער איז אויף געשטאנען אין ער האט זיך געזעצט לערנען זי״ע:

עס איז א מאהל געקומען א אשה צום קאזיניצר מגיד זצ״ל אז ער זאל אויף איהר מתפלל זיין זי האט נים דעם שטייגער ווי אלע פרויען

דער

דער יוד הקדוש איז דאַמאָלס געוועזען אין קאָזיניץ האָט דער מגיד זי געהייסען געהן צום יוד הקדוש ווייל ער קען איהר אַ טובה טוהן. די אשה איז גיגאַנגען צום יוד הקדוש און זי האָט איהם פאַר איהם גיוויינט אַז ער זאָל איהר אַ טובה טוהן האָט ער איהר גיענטפערט אַז ער קען איהר גאָר ניט טוהן. זי איז צוריק געגאַנגען צום מגיד און זי האָט איהם דערצעהלט אַז דער יוד הקדוש זאָגט אַז ער קען איהר גאָר ניט טוהן האָט דער מגיד גענומען פאַרמיט מיט טינט און פעדער און ער האָט עס געגעבען דער אשה און ער האָט איהר גיהייסען געהן נאָך אַ מאָהל צום יוד הקדוש און זי זאָל איהם זאָגען אַז דער מגיד האָט איהם געהייסען שרייבען אַ קמיע דער יוד הקדוש האָט גענומען דעם פאַרמיט מיט דער טינט אין ער האָט אָהנגעהויבען צו קלעהרען וואָס ער זאָל שרייבען איז איהם איינגעפאַלען אַז ער זאָל שרייבען דעם פסוק „וטהרה ממקור דמיי דאָס איז טייטש זי זאָל זיך ריינינגען פון קוועלען איהר בלוט ווי ער האָט אָבגעשריבען די צוויי ווערטער „וטהרה ממקור" איז די טינט אויס געגאָסען געוואָרען און זי האָט תיכף בעקומען דעם שטייגער ווי אַלע פרויען און זי איז צוריק געגאַנגען צום מגיד און זי האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען ביי דעם יוד הקדוש האָט איהר דער מגיד געזאָגט אַז זי האָט געהאַט אַגליק וואָס די טינט איז אויס געגאָסען געוואָרען וואָרים ווען די טינט וואָלט ניט אויסגעגאָסען געוואָרען און ער וואָלט געשריבען דאָס דריטע וואָרט „דמיי" וואָלט אין איהר ניט געבליבען קיין טראָפען בלוט זי"ע ועכי"א :

דער יוד הקדוש איז אַמאָהל געוועזען אין לובלין בעזאַמען מיט ר' שמעון דייטש האָט דער יוד הקדוש געזאָגט צו ר' שמעון דייטש אַז זיי זאָלען פאָהרען קיין אפטאָ צו ר' אברהם יהושע העשיל זצ"ל מאַפטאָ זיי האָבען זיך גיזעגענט ביי דעם רבין פון לובלין און זיי זענען געגאַנגען פון שטאָדט צו שטאָדט קיין אַפטאָ זיי זענען גיוועזין אין מיטען וועג האָט ר' שמעון דייטש געזאָגט צום יוד הקדוש מיר מעגען צוריק געהן ווייל איך זעה אַז דער רבי איז ניט דאָ אין דער היים האָט דער יוד הקדוש גיענטפערט איך זעה אַז ער איז יאָה דאָ אין דער היים. זיי זענען ווייטער געגאַנגין עטליכע מייל האָט ווייטער ר' שמעון דייטש געזאָגט אַז מען זאָל צוריק געהן ווייל ער זעהט אַז דער רבי איז ניט דאָ אין דער היים. זיי זענען געקומען לעבען אַפטאָ און זיי האָבען גיפרעגט צי דער רבי איז אין דער היים האָט מען זיי גיענפערט אַז דער רבי איז ניט דאָ און דער היים. האָט ר' שמעון דייטש געוויזען דעם יוד הקדוש אַז ער האָט אמת געזאָגט.

דער

דער יוד הקדוש האָט זיך אָבער געהאַלטען בײַ זײַנעם אַז דער רבי איז דאָ אין דער היים זײַ זענען אַרײַן געקומען פֿרײַטאָג בײַטאָג קײן אַפּטאָ און זײַ האָבען זיך גיפֿרעגט צו דער רבי איז דאָ אין דער היים האָט מען זײַ גיענטפֿערט אַז דער רבי איז ניט דאָ אין דער היים דאָ איז שוין ר׳ שמעון דײַטש געווען זיכער אַז ער האָט אמת געזאָגט דער יוד הקדוש האָט זיך אָבער געהאַלטען בײַ זײַנעם אַז דער רבי איז דאָ אין דער היים זײַ זענען אַרײַן געקומען צום רבי׳ן אין שטוב אַרײַן שוין אין מיטען טאָג אין דער רבי איז טאַקי ניט געווען אין דער היים און מען האָט זיך גאָר ניט גירעכט אַז דער רבי זאָל אַ היים קומען אויף שבת. פֿאַר מנחה איז דער רבי אָהנגעקומען און ער האָט זיך תיכף מכין געווען צו מנחה אין ער האָט גענימען דעם טלית אָהן צו טוהן ווי ער האָט זיך דערוויסט אַז אַ זעלכע צווײַ חשובע אורחים איז צו איהם געקומען׳ אוף שבת האָט ער אַוועק בעלעגט דעם טלית און ער איז צו זײַ צי געגאַנגען און ער האָט זײַ געגעבען שלום דאַמאָלס האָט מען געזעהן זײַן קלאָהרען רוח הקודש זי״ע ועכי״א.

דער יוד הקדוש אײדער ער איז נתגלה געוואָרען איז ער געוועזען אַמלמד בײַ אגביר אין פּרשיסחא אין עס האָט נאָך איהם קײנער ניט גיקענט מען האָט נאָך קײנער נישט געוויסט פֿין זײַן צדקות נאָר די דינסט האָט איהם דער קענט אַז ער איז א הײליגער מענש אין זי האָט אויף איהם אַכטונג געגעבען אַז ער זאָל האָבען אַלעס צי דער צײַט דהײַנו זי האָט געזעהן אַז ער זאָל האָבען די קאַווע צי דער צײַט אין דאָס עסין צי דער צײַט. אַמאָהל האָט זיך די דיענסט מײשב געווען ווי אַזוי קען זי האָבען אַזכי׳ אָהן צי רורען אַזאַ הײליגען מענש חאָטשי זײַנע מלבושים זי האָט ניט גירעכינט הי׳ מחמת חציפֿות נאָר זי האָט גירעכינט אַז דאָס וועט זײַן פֿאַר איהר אַזכי׳. אַמאָהל האָט זי אָהנגעגאָסען אַ פֿאַס וואַסער אין דאָס פֿאַס איז געשטאַנען אין פֿעדער הויז האָט זי דאָס פֿאַס גישטעלט אויף אַזאַ אָרט לעבין דער טיהר אין זי האָט זיך גישטעלט אין דער צווײַטער זײַט טיהר בײַנאַכט אין דער פֿינסטער כדי אַז דער יוד הקדוש וועט אַדורך געהן וועט ער זי מוזען אָהן רורען ווי דער יוד הקדוש איז אָהן בעקומען האָט ער דאָס תיכף מרגיש געווען מיט זײַן רוח הקודש אין ער האָט אַ וועק גישטעלט דאָס פֿאַס אין ער האָט עס ציגעשטעלט צי דער זײַט וואָס די דיענסט איז געשטאַנען הגם דאָס פֿאַס איז געווען גרויס אין פֿיהעל מיט וואַסער פֿין דאַנען זעהן מיר זײַן הײליגקײט אין זײַן שטאַרקײט זײַן זכות זאָל אויף אינז מגין זײַן:

ווען

ווען דער יוד הקדוש האט נאך געוואהנט אין אפטא פלעגט ער יעדער טאג געהן אין מקוה אריין איינער אליין און דאס וואסער פון מקוה איז געוועזען זייער קאלט עס איז ניט מעגליך געוועזען צו דער ווארימען דאס וואסער. און ער פלעגט יעדען טאג צו געהן אין מקוה אריין מיט מסירות נפש. אמאהל האט זיך געמאכט אשטארקער פראסט אז עס איז ממש ניט מעגליך געוועזען צו געהן אין מקוה אריין און דער יוד הקדוש האט אויף דער קעלט ניט געקוקט און ער איז געגאנגען אין מקוה אריין. לעבען דער מקוה האט געוואהנט א בייגעל בעק־ין (די בייגעל איידער מען וועצט זיי איין אין אויבין קאכט מען זיי צום ערשטען אויף אין אקעסעל) זי האט געזעהן אז דער יוד הקדוש געהט אין אזא קעלט אין מקוה אריין האט זי גענומען דאס קעסיל מיט הייס וואסער אין מקוה אריין כדי דער יוד הקדוש זאל זיך אהן ווארימען ווען ער וועט ארויס געהן פון מקוה. ווי דער יוד הקדוש איז ארויס געגאנגען פון מקוה און ער האט דערזעהן דאס קעסיל הייס וואסער האט ער זיך מחיה געוועזען און ער האט גיבענטשט די אשה אז זי זאל האבען א זוהן אז ער זאל דער לייכטען די וועלט מיט זיין צדקות זיין ברכה איז מקוים געווארען זי האט געהאט א זוהן ר׳ שמואל מדריטש זצלה״ה:

דער צדיק ר׳ דוד מלעליב דעם יוד הקדוש׳ס תלמיד איז אמאהל געוועזען אויף שבועות ביי דעם רבין מלובלין דאס איז דאך ידוע אז עס איז געוועזען א גרויס מחלוקת צווישען דעם רבין מלובלין און דער יוד הקדוש האט ר׳ דוד גיהערט ווי דער רבי מלובלין האט געזאגט דעם ערשטען טאג שבועות אז ער געהט אויס רייסען בערג האט ער זיך זייער דערשראקען ווייל ער האט פערשטאנען אז דער רבי מיינט זיכער דעם יוד הקדוש דעם צווייטען טאג האט ער ווייטער גיהערט דאס זעלבע ער איז אביסעל בערוהיגט געווארען ווייל ער האט געזעהן אז דעם ערשטען טאג האט דער רבי גאהר ניט געטוהן דאך האט ער מורא געהאט אפשר וועט ער איהם היינט קענען טוהן און מוצאי יו״ט תיכף נאך הבדלה האט ער זיך גיזעגינט און ער איז געפאהרען קיין פרשיסחא ווי ער איז אריין געקומען צום יוד הקדוש איז ער איהם אקייגען געגאנגען און ער האט איהם געגעבין שלום און ער האט איהם געזאגט ר׳ דוד מיר האבען זיך בעהאלטען אויף אזא ארט וואס דער רבי מלובלין האט ניט געהאט קיין רשות אהער אריין צו קומען:

דער

דער יוד הקדוש האט אין זיין יוגענד געלערענט ביי דעם גאון ר׳ ארי׳ לייביש חריף מאפטא אין דערנאך איז ער געווארען רב אין טאמערשוב ער האט ביי איהם געלערענט אנדערהאלבען יאהר. איידער דער יוד הקדוש איז אוועק געפאהרען פון זיין רבין אין דאמאלס האט זיך אהנגעהויבען צו שפרייטען דאס חסידות אין פוילען. האט זיין רבי מורא געהאט אז ער זאל זיך ניט מבחר זיין צו די חסידים און די מתנגדים האבען גירעכענט אז די חסידים לערנען ניט. האט זיין רבי פאר איהם אהן געוויינט אפלעשעל טרערען און ער האט איהם געבעטען אז ער זאל זיך ניט מחבר זיין צו די חסידים ווייל ער האט מורא געהאט אז ער וועט פערגעסען דאס לערנען און דאס איז איהם זייער אשאהד געוועזען אזא טייערע כלי זאל קאליע ווערין. עס איז פאר ביי געגאנגען עטליכע יאהר און דער גאון ר׳ ארי׳ לייבש חריף איז געקומען קיין אפטא און דער יוד הקדוש האט געוואהנט אין אפטא און מען האט דער ציילט דעם גאון ר׳ ארי׳ לייביש חריף אז ר׳ איציקעל (אזוי האט מען איהם גערופען) איז געווארען א חסיד זיין הארץ האט איהם זייער וועה געטוהען ווי דער יוד הקדוש איז אריין געקומען צו זיין רבין דער רבי האט זיך מיט איהם זייער דערפרייט און ע״ האט איהם געהאלדזט און געקושט און ער האט צו איהם געזאגט טייערער תלמיד מען האט מיר געזאגט אז די האסט דיך מחבר געוועזען צו די חסידים אמווסט זענען געוועזען מיינע טרערען וואס איך האב אויף דעם פערגאסען מיין הארץ טוהט מיר זייער וועה די האסט זיכער פערגעסען מיין לערנען וואס איך האב מיט דיר גילערענט. האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט זאל מיר דער רבי ערלויבען צו רויכערין א ליולקע ציבאק דער רבי האט איהם ערלויבט און אזוי ווי ער האט נאך אהנגעהויבען צו רויכערין האט ער געזאגט איך וועל מיין רבין ווייזען אז אלע חדושי תורה וואס איהר האט מחדש געוועזען בשעת איך האב ביי אייך גילערענט האב איך גאר ניט פערגעסען איך גידענק זיי אלע גלייך ווי איך האב זיי נעכטין גילערענט. און ער האט זיי אלע געזאגט פאר זיין רבין זיין רבי איז שטארק נשתומם געווארען פון זיין שטארקען שכל און זכרון און ער איז בערוהיגט געווארען אז ער האט גיזעהן אז ער איז א גרויסער גאון. נאך דעם האט ער איהם גיפרעגט ווי אזוי שטעלסטו דיך איין אין די געהסט אין אזא קאלטע מקוה אריין יעדען טאג (ווייל די מקוה פון אפטא איז געוועזען שטארק קאלט אזוי ווי מיר האבין פריהער געשריבען) עס שטעהט דאך אין דער תורה „ונשמרתם מאוד לנפשותיכם״ איהר זאלט היטען

היטען אייער נפש און ווי אזוי שטעלט איהר אייך איין אין אסכנה האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט דאך נאר „לנפשותיכם" דאס איז טייטש אייערע נשמות אבער ניט דעם גוף דארף מען ניט היטען האט איהם דער רבי גיפרעגט דעם גוף פערהיט דאך די נשמה אז דער גוף שטארבט האט זיך ניט די נשמה ווי צו בעהאלטען האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט אין דער תורה אז אמענש געהט צו צו אהיילגע זאך און ער איז טמא קומט איהם כרת און אז די נשמה ווערד פערשניטען פון דעם שורש ממילא ווערד דאך דער גוף פערלענד איז גלייכער אז דער גוף זאל שטארבען ריין און די נשמה זאל דבוק זיין אין איהר שורש איידער די נשמה זאל ווערען אבגעריסען פון איהר שורש און דער גוף זאל שטארבען טמא ווי דער רבי האט דאס גיהערט האט ער איהם געקישט אין קאפ אריין און ער האט איהם געזאגט פיהר דיך אזוי ווי ביז יעצט און השי"ת זאל דיר העלפען זי"ע ועכי"א:

דער מגיד מטריסק האט א מאהל געשמיעסט פון דעם רבין מלובלין און פון דעם יוד הקדוש און ער האט געהאלטען גרעסער דעם יוד הקדוש ווי פון דעם רבין מלובלין און ער האט דערצעהלט אז ער האט א מאהל גיהערט פון זיין פאטער הצדיק ר' מאטילע מטשערנאביל און ער האט אויך פערגרעסערט דעם יוד הקדוש פון דעם רביין מלובלין האט ער איהם גיפרעגט דער יוד הקדוש איז דאך געוועזען דעם רביינס מלובלין א תלמיד האט ער איהם גיענטפערט אויף דעם עולם קען ער זיין א תלמיד און אויף יענעם עולם איז ער א רבי ר' אורי' מסטרעלוסק האט געזאגט אז דער יוד הקדוש מיט דעם רביין מלובלין זענען אזוי ווי רש"י און דער ר"ת און די מקובלים האלטען די תפילין דר"ת פאר מעהר הייליגער ווי די תפילין דרש"י אזוי איז דער יוד הקדוש איז דוגמה תפילין דר"ת און דער רבי מלובלין דוגמת תפילין דרש"י און די וועלט האלט טאקי אז דער יוד חקדוש האט געהאט נשמת ר"ת זי"ע ועכי"א:

דער רבי ר' ישראל מרוזין זצ"ל האט אמאהל גיפרעגט דעם רבין ר' נחמי' זצ"ל דעם יוד הקדוש'ס זוהן איך האב גיהערט אז אייער פאטער האט שטארק השגחה געגעבין אויף זיינע קינדער זיי זאלען געהן אין גאט'ס וועג האט ער איהם גיענטפערט אז עס איז אמת. איין מאהל איז מיין פאטער געפאהרען מיט מיין ברידער ר' ירחמיאל קיין רומאנאב צו דעם רבין ר' מענדעלע זצ"ל און זיי האבען א גאנצי נאכט געבלאזעט עס איז געוועזען ווינטער די קעלט איז געוועזען זייער גרויס. זיי זענען

הערשט

הערשט אין מיטען טאָג אַריין געקומען אין אַדאָרף אַריין. אין דעם דאָרף האָט געוואָהנט אַ יוד זיי זענען אַריין געגאַנגען צו דעם יוד דאַווינען דער יוד הקדוש איז אַריין געגאַנגען אין אַבעזונדער חדר אַריין אין ער האָט זיך געשטעלט דאַווינען אין זיי האָבען געדאַווענט אין דער ערשטער שטיב אין וויל זיי זענען געוועזען שטאַרק הונגעריג אין עס האָט זיך גיברענט אין אויבען האָבין זיי גענימען ביי דעם בעל הבית עטליכע ערד עפיל אין זיי האָבען זיי אָבגעבראָטען אין זיי האָבען זיי נאָר וואָס געוואָלט עסין האָט דער יוד הקדוש גיעפינט די טהיר פון זיין חדר אין ער האָט צוגערופען זיין זוהן ר' ירחמיאל אין ער האָט איהם געזאָגט מיר האָבען אַגאַנצע נאַכט אין אַהאלבין טאָג געבלאָנזיט אין מיר זענין ב"ה גיקומען צו א ישוב דאָרף מען דאָך האָבען ישוב הדעת אין צו לויבען השי"ת אז ער האָט אינז געברוכט צו א ישוב דאָס איז דיין ישוב הדעת צו עסין די ערד עפיל מיט אתאוה אין ער האָט איהם פאר דעם געקניסט אַז פון דעם דאָרף קיין רומאָנאָב איז נאָך געוועזען פיער מייל האָט ער איהם ניט אַריין געלאָזט אין דער בויד אַריין נאָר ער איז גשטאַנען אין דרויסען אויף דער שטאַנג:

ז"ע ועכי"א:

ווען דער רבי ר' אברהם יהושע העשיל זצ"ל איז געקומען קיין אפטאָ איז דער יוד הקדוש דאַמאָלס גיוועזען און לובלין און ער האָט שטארק משתוקק געוועזען א היים צו פאָהרען קיין אַפטאָ. דער יוד הקדוש האָט דאמאָלס געוואָנהט אין אפטאָ כדי ער זאָל זיך זעהן מיט דעם צדיק האָט ער געהייסען זיין משמש ר' לייזער אז ער זאָל אָהנגרייטען א פיהר כדי ער זאָל קענען תיכף נאָך שבת א היים פאָהרען אין דער יוד הקדוש ווען ער פלעגט וועלען אהיים פאָהרען פון לובלין פלעגט ער זיך ניט אריין געהן גיזעגענען צום רבי'ן נאָר דער רבי האָט אליין מרגיש געוועזען אז ער וויל פאָהרען און ער האָט איהם אריין גערופען און ער האָט איהם געזעגינט און דעם יעצטיגען מאָהל האָט איהם דער רבי הערשט א ריין גערופען דאָנערשטיג ביי נאכט און ער האָט איהם געזעגענט. און דער יוד הקדוש איז א היים געפאָהרען ער איז געקומען פיער מייל אינטער אפטאָ און עס איז שון געוועזען פרייטאָג שפעט האָט זיך צוליעב דעם געכין פאָהרען צובראָכען א ראָהד פון וואָגען דעם יוד הקדוש איז שוין ניט איינגעפאלען אז ער זאָל נאָך זיין אויף שבת אין אַפטאָ עס איז ביי איהם געבליבען במוסכם צו האַלטען שבת אויף דעם פעלד. פלוצלינג איז אָהנגעפאָהרען א קאָטש מיט פיער פערד אין איין מענש איז געזעסען אין דער קאָטש און

דער

דער מענש האט געזאגט צום יוד הקדוש אז ער פאהרט אויף שבת קיין אפטא, ע"כ זאל ער מיט איהם אויף זיצען וועס ער מיט איהם אריין פאהרען קיין אפטא. האט איהם דער יוד הקדוש געענטפערט ווי אזוי איז מעגליך אז מיר זאלין אריין קומען קיין אפטא אויף שבת די זון האלט דאך שוין ביי זעצען האט איהם דער מענש געענטפערט אז ער דארף ניט פאהרען מעהר ווי צוויי מוניט אמייל. דער יוד הקדוש האט זיך שטארק געוואונדערט און דער מענש האט געגעבין אנעשריי אויף פויליש שדי ווי דער יוד הקדוש האט געהערט דאס ווארט שדי דאס איז דאך אשם פין השי"ת האט ער מרגיש געוועזען אז ער מיינט דעם שם שדי איז ער גלייך ארויף אויף דער קאטש און ער האט ארויס גענומען דעם זייגער און ער האט געקוקט און עס איז טאקי אזוי געוועזען צייט אכט מוניט זעגען זיי געוועזען אין אפטא און ער איז גלייך געגאנגען צום רבין און דער רבי האט בודק געוועזען זיינע ציצית פון טלית ער זאל דאווינען מנחה:

**עס איז** געוועזען א יוד וואס ער האט ניט געהאט קיין קינדער און ער פלעגט פאהרען צום רבין מלובלין אלאנגע צייט און ער איז נפקד געווארען. א מאהל איז דער יוד הקדוש געוועזען און לובלין און דער מענש איז אויך געוועזען און לובלין און וויל די חסידים האבען געהאט מיטלייד מיט דעם מענש האבען זיי איהם געזאגט אז ער זאל א ריין געהן צום יוד הקדוש אפשר וועט ער געהאלפען ווערען דער מענש האט אזוי געטוהן און ער איז א ריינער בעגאנגען צום יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האט איהם מבטיח געוועזען אז ער וועט נפקד ווערען מיט א בן זכר און זיין הבטחה איז מקוים געווארען און ער האט געהאט א בן זכר און א צייט א רום איז דאס קינד שטארק שלאף געווארען איז ער געפאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש מזכיר זיין דאס קינד ווי ער איז אריין געקומען צום יוד הקדוש און שטיב אריין האט דער יוד הקדוש געדאווענט און די טיהר פון חדר איז געוועזען פערשלאסען דער מענש האט זיך א בידער גיזעצט לעבען דער טיהר כדי אזוי ווי דער רבי וועט עפינען די טיהר זאל ער קענען גלייך צו געהן און מזכיר זיין זיין קינד. דער מענש איז אבער געוועזען זייער מיעד און איז אנטשלאפען געווארען האט זיך איהם געחלומט אז דער רבי מלובלין און נאך צדיקים זענען זיך מפלפל וועגען זיין קינד צו עס זאל בלייבען לעבען צו ניט און דער רבי מלובלין האט נוטה געוועזען אז דאס קינד זאל שטארבען דערוויל האט דער יוד הקדוש אב געדאווענד און ער האט גיעפענט די טיהר דער מענש איז אריין גיגאנגען

ביגאַנגען און ער האָט מזכיר געווען אַז זיין קינד זאָל געזונד ווערען. ער איז אַרויס געגאַנגען און ער האָט זיך דערמאַנט פון דעם חלום און ער איז צוריק אַריין געגאַנגען און ער האָט דערצעהלט דעם חלום האָט דער יוד הקדוש געזאָגט ער וויל מבחר זיין די זאַך מיט פשעטליך פשעטליך קען איך ב״ה בעסער פון איהם געה אַ היים און האָב ניט קיין מורא דיין קינד וועט געזונד ווערען און עס איז אַזוי געווען זי״ע ועכי״א:

**דער** קאָזניצער מגיד האָט אַמאָהל גיפרעגט דעם רבין מלובלין צי ער האָט חסידים יונגע לייט וועלכעס זיי קאָנען לערנען האָט איהם דער רבי געענטפערט יאָ. האָט ער איהם גיבעטען אַז ער זאָל איהם שיקען צוויי יונגע לייט ער וויל מיט זיי שמוסען אין לערנען און חסידות. האָט איהם דער רבי געשיקט דעם יוד הקדוש און ר׳ דוד מלעלוב. ווי זיי זענען אַריין געקומען צום מגיד האָט ער זיי גיפרעגט ווער זיי זענען האָבען זיי איהם געענטפערט מיר זענען דער רביניס מלובלין תלמידים. האָט זיי דער מגיד געזאָגט איך פערשטעה אַז דער רבי האָט אייך צו מיר געשיקט אַזוי ווי ער האָט מיר צו געזאָגט. נאָך דעם האָט דער מגיד זיך אויס געדרעהט צום יוד הקדוש און ער האָט איהם גיפרעגט איהר קאָנט לערנען האָט ער איהם געענטפערט יאָה האָט איהם דער מגיד גיבעטען אַז ער זאָל איהם זאָגען וועלכען חידוש דער יוד הקדוש האָט איהם געזאָגט אַטיעפין פלפול דער פלפול איז דעם מגיד זייער גיפעלין נאָך דעם האָט דער מגיד געזאָגט אַ פלפול ווי דער יוד הקדוש האָט אויס גיהערט דעם פלפול האָט ער איהם אָבגיזווענד פין אָהנהייב ביז דעם סוף דער יוד הקדוש האָט גיזעהן אַז דער מגיד האָט געהאַט פין דעם גרויס חלשות הדעת האָט ער צוריק פערענטפערט דעם מגיד׳ס פלפול נאָך דעם האָט איהם דער מגיד געזאָגט איהר האָט גלייך געטוהן וואָס איהר האָט מיין פלפול צוריק פערענטפערט איהר זאָלט וויסען אַז אַלע מיינע חדושים זענען על דרך האמת און ווער עס וועט אָב מיין חידוש דער פאַלט אַוועק פון אמת און ביי איהם בלייבען די אותיות מת האָט איהר געהאַט אסיעתא דשמיא וואָס איהר האָט צוריק פערענטפערט מיין פלפול ווען ניט וואָלט איהר ח״ו נפטר געוואָרען נאָך דעם האָט זיך דער מגיד גיווענדערט צו ר׳ דוד מלעלוב און ער האָט איהם גיפרעגט צו ער קען לערנען האָט איהם ר׳ דוד געענטפערט וואָס איך קען לערנען ? ווי פאַלט איהר אויס אויף מיר צו קלערען אַז איך קען לערנען איך בין דאָך גאָר ניט קיין בן תורה האָט איהם דער מגיד גיפרעגט מסתמא לערנט איהר דאָך גמרא אָדער מדרש אָדער זוהר זאָגט מיר וועלכען

חידוש

חידוש האט איהם ר׳ דוד גיצענטפערט איך קען ניט לערנען זאל איך נאך קענען זאגען א חידוש האט איהם דער מגיד וויטער געזאגט אפשר ווייסט איהר וועלכע מעשה צו דערצעהלען דערצעהלט מיר האט ר׳ דוד געענטפע ט א מעשה ווייס איך צו דערצעהלען אין ער האט דערצעהלט א מעשה ווי ער האט געענדיגט די מעשה האט איהם דער מגיד געזאגט איהר זאלט אזוי דער קוויקט ווערען אזוי ווי איהר האט מיך דער קוויקט איך שטעה שוין ביי א שטיקעל תקיני הזוהר א לאנגע צייט אין איך ווייס ניט קיין פשט אין מיט דער מעשה איז מיר בעוויסט געווארען דער פשט האט דער יוד הקדוש געזאגט צים מגיד איך וועל אייך זאגען דעם חילוק פון מיר ביז צו איהם איך בין געקומען פון תורה לידי יראה אין ער איז געקומען פון יראה צו תורה זי״ע ועבי״א :

דער רבי ר׳ העניך זצ״ל מאלעכסאנדער האט דערצעהלט אז בעת דער יוד הקדוש האט אהנגעהויבען צו פיהרען דאס רבנור האט ער פערשטעלט אז דער רבי מלובלין זאל ניט וויסען פון דעם. ער האט אלעס געזאגט פאר דעם רביין אז ער פיהרט ניט קיין רבנות עס איז דאך אבער געוועזען מענשין וואס זיי האבען געזאגט דעם רביין אז ער פיהרט א רבנות האט זיך דער רבי מלובלין מיישב געוועזען ער וועט פאהרען קיין פרשיסחא אין ער וועט זעהן צו עס איז אמת צו ניט ווי דער רבי איז אריין געקומען צים יוד הקדוש אין ער האט ביי איהם געטראפען א עדה יודען האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט אז די מענשין זענען ניט זיינע חסידים נאר ווי זיי האבען גיהערט אז דער רבי מלובלין איז געקומען זענען זיי צו איהם געקומען מקבל פנים זיין . עס האט זיך געפינען מענשין וואס זיי האבין געזאגט אז דא אין פרשיסחא האבין מיר אינזער רביין אין אז דער רבי מלובלין איז אהער געקומען איז דאך אסימן אז דער רבי איז אויך מודה אז אינזער רבי (דער יוד הקדוש) דארף זיין רבי נאך דעם ווי דער רבי מלובלין איז א רויס געגאנגען האט דער יוד הקדוש געוויזען זיינע חסידים אז אלע זיינע צעהן זענין איהם ארויס געפאלען פאר פחד וואס ער האט געהאט פאר דעם רביין פון לובלין :

דער צדיק ר׳ פנחס מגניוושוב איז נפטר געווארען יונג אין ער האט איבער געלאזט אקליין יונגעל ער האט געהייסען אלימלך אין ער האט גיבעטען אז נאך זיין פטירה זאל מען זיין יונגעל פיהרען קיין פרשיסחא צים יוד הקדוש ער זאל אויף איהם האבען השגחה מען האט אזוי געטוהן מען האט תיכף נאך זיין פטירה דאס יונגעל אבגעפיהרט

קיין

קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער יוד הקדוש האָט איהם זייער אָרענטליך אויף גענומען אין די חסידים האָבען גיפרעגט דעם יוד הקדוש צו דער צדיק ר' פנחס האָט איהם גיקענט. האָט דער יוד הקדוש גיענטפערט אַז פאַרזענדליך האָט ער איהם ניט גיקענט נאָר ברוח הקודש האָט ער איהם גיקענט. עס איז אַזוי געוועזען ווען דער יוד הקדוש איז נאָך געוועזען אַבחור האָט אַגביר איהם געוואָלט נעמען פאַר אַחתן אין דער גביר איז געפאָהרען צום צדיק מגניזושוב ער איז געוועזען זיינס אחסיד דער וויל האָט זיך אַצווייטער גביר מקדים געוועזען אין ער האָט איהם גענומען פאַר אַחתן. דער גביר האָט זיך מיישב געוועזען אין ער איז געפאָהרען קיין גניזושוב צום רבין אין ער האָט דערצעהלט דעם רבין אַזוי ווי עס געפינט זיך ביי איהם אין שטאָדט אַבחור וואָס ער זיצט אין לערענט נאָר בעהאַלטען איז ער עוסק בהכמות חצוניות ע"כ זאָל ער זעהן מבטל צו זיין דאָס שלעכץ פין דער וועלט ער האָט דאָס געזאָגט דעם רבין כדי דער רבי זאָל אָהנהייבען ריידען שלעכץ אויף איהם כדי דער גביר זאָל אָבלאָזען דעם שידוך אין ער זאָל איהם נעמען פאַר אַחתן ווי דער רבי האָט גיהערט די רייד האָט ער אָהנגעבויגען זיין היילינען קאָפ אויף דעם טיש עטליכע מינוט אין ער האָט געזאָגט צו דעם גביר איך זעה אַז די זאָגסט ליגענט איך זעה אַז דער בחור איז אַקדוש וטהור אין איך בין זיכער אַז ער וועט זיין אַגרויסער רבי אין ער וועט זיין אַ פועל ישועות בקרב ישראל אין די וויל די האָסט מוצא שם רע געוועזען אויף איהם פאָר צו איהם אין בעט איהם אַז ער זאָל דער מוחל זיין אויב ניט וועט זיין דיין סוף ניט גוט. דער גביר איז שטאַרק דערשראָקען געוואָרען אין ער איז תיכף געפאָהרען צום יוד הקדוש אין ער האָט איהם געבעטען אַז ער זאָל איהם מוחל זיין אין ער האָט איהם מוחל געוועזען:

אין אַדאָרף לעבין לובלין איז געוועזען איין אַרענדאַר אַ אָרימאַן ער האָט קיינמאָהל ניט געהאַט צו בעצאָהלען די ראַטע נאָר ווען עס איז געקומען די צייט צו בעצאָהלען די ראַטע איז ער געפאָהרען קיין לובלין צים רבין אין ער איז געהאָלפין געוואָרען השי"ת האָט איהם צו געשיקט פערדינענסט אין ער האָט גיהאַט צו בעצאָהלען די ראַטע. אין אַ דאָרף דער לעבין האָט אויך געוואָהנט אַ אַרענדאַר אַ אָרימאַן האָט איהם זיין ווייב געזאָגט צו זעהסט דאָך אַז יענער אַרענדאַר ווען ער פאָהרט בים רבין ווערד ער געהאָלפין פאָהר די אויך וועסטו אויך געהאָלפען ווערען דער אַרענדאַר איז געפאָהרען קיין לובלין און ער האָט זיך גיפרעגט

אוף

אויף דעם רבי'ן האט מען איהם גיענטפערט אז דער רבי איז אַוועק געפאָהרען ער האט זיך ניט געוואָלט גלייבען היתכן א רבי זאָל ניט זיין אין דערהיים אין ער איז אריין געגאַנגען צום רבין אין שטוב אַ ריין ער האט אבער דארט אויך גיהערט אַז דער רבי איז ניט דאָ אין דער היים ער האט זיך אבער ניט געוואָלט גלייבען ער האט זיך מיישב געוועזען ער וועט אריין געהן אין בית המדרש אריין אין ער וועט זעהן וועך עס זיצט אין טלית אין תפילין (עס איז שוין געוועזען שפעט) דער איז זיכער דער רבי ער איז אריין געקומען אין בית המדרש אריין אין ער האט געטראָפען דעם יוד הקדוש זיצען לערנען אהן גיטוהן דעם טלית ותפילין ער האט גערעכינט אַז דאס איז זיכער דער רבי און ער איז צו געגאַנגען צו איהם אין ער האט איהם דער לאַנגט דאס קוויטעל מיט אַ פדיון אין ער האט איהם דער ציילט זיין בקשה האט דער יוד הקדוש געזאָגט איך בין ניט קיין רבי גיי צים רבין מיט דיין בקשה ווי דער אַ רענדאר האט דער הערט אַז ער איז ניט דער רבי איז ער אנידער געפאַלען אויף דער ערד אין איז פאר'חלשט געוואָרען דער יוד הקדוש האט איהם דערמינטערט אין ער האט אויף איהם רחמנות געהאַט אין ער האט איהם גיענטפערט איך בין דער רבי גייע אַהיים אין קויף דיר אַהאָן אין ער וועט דיך אויף וועקען האַלבע נאַכט אין די זאָלסט דיך אַנידער זעצען אין זאָגען תהלים אין השי"ת וועט דיר העלפען. דער אַרענדאַר האט אַזוי געטוהן. האַלבע נאַכט ווי דער האָן האט נעגעבען אַ קריי האט ער זיך אויף געהויבען אין גזאָגט תהלים דער ווייל איז צו גיקומען אַ ערל אין ער האט אָהן גיקלאַפט ער האט איהם גיעפענט דער ערל איז אַריין גיקומען אין ער האט זיך געהייסען געבין אַביסעל יי"ש אין ער אין אַוועק געגאַנגען אין אַשעה אַרום איז דער ערל ווייטער אַריין געקומען אין ער האט ווייטער געקויפט אַביסעל יי"ש אין ער האט געזאָגט צום אַרענדאַר אַזוי ווי איך האָב ליעב צו טרינקען אין מיין בני בית לאָזען מיך ניט טרינקען אין איך האָב ביי זיך פיעל געלד וואָס מיין בני בית ווייסען ניט פון דעם געלד נעם ביי מיר צו דאָס געלד אין פאר דעם געלד זאָלסטו מיר שטענדיג געבען צו טרינקען דער אַרענדאַר האט ביי דעם ערל צו גענימען דאָס געלד אין ער האט תיכף בעצאָהלט די ראַטע אין עס איז נאָך איהם פיהל געלד איבער געבליבען אין האט מיט דעם געלד אָהנגעהויבען צו האַנדלין אין ער איז געוואָרען אַגרויסער עושר:

**דער רבי** ר' יחיאל מלענטשנאַ ווען ער האט געהאַלטען פאָהרען להרב הצדיק ר' מענדיל זצ"ל מקאָצק איז ער אַ ריין געגאַנגען

זיך

זיך געזעגענען צי דעם רבי'ן ר' שלמה לייב זצ"ל מלענטשנע האט איהם דער רבי ר' שלמה לייב געזאגט בזה הלשון דער יוד הקדוש האט אויף מיר א מאהל געזאגט אז דיא ביזט פין דיא ל"ו צדיקים . דער נאך האט ער מיר געזאגט די גרעססטע כפרה פין דעם מענש איז אז ער זאל זיין נע ונד אין איך האב שטארק משתוקק געוועזען צי האבען תפילין פין דעם רבי'ן ר' משה הסופר מפשעווארסק נאר איך האב דאך אבער ניט געהאט דאס רענדיל צי בעצאהלען פאר די תפילין דען ער האט גענומען א רענדיל פאר א פאר פרשיות שרייבען בין איך געגאנגען פין שטאדט צי שטאדט ביז איך האב צו זאממען גענימן א רענדיל אונ אויך בין געקומען קיין פשעווארסק איך בין א ריין געקומען צים רבי'ן האט ער מיר געזאגט בזה הלשון יונגער מאן די תפילין האב איך דיר שוין לאנג אהן געגריידט אונ דאס רענדיל וויל איך ניט נאר האסט דאך עס שון מקדש געוועזען ע"כ זאלסטו דאס רענדיל צי טיילען צדקה איך האב ביי איהם גענימין די תפילין אין איך בין צוריק אהיים געגאנגען נע ונד דאס אללעס האט דער רבי ר' שלמה לייב דערצעהלט דעם רבי'ן ר' יחיאל ווען ער האט זיך מיט איהם געזעגענט ווי ר' יחיאל איז גיקומען קיין קאצק האט איהם דער קאצקער רבי גיפרעגט צי דער רבי ר' שלמה לייב איז בשמחה האט ער איהם גיענפערט אז ער איז בשמחה האט דער קאצקער רבי געזאגט ווער עס איז פריהר נע ונד דער איז דער נאך בשמחה זי"ע ועכי"א :

אין פלאצק איז געוועזען א חסיד וואס ער פלעגט צו פאהרען צום יוד הקדוש קיין פרשיסחא האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט אז ער זאל זעהן צי ברענגען דעם פלאצקער עלוי דער רב הגאון הקדוש ר' אברהם זצ"ל מטשעכאנאוו האט אין זיין יוגענד געוואהנט אין פלאצק אין מען האט איהם גערופען דער פלאצקער עילוי דער חסיד איז אהיים געקומען אין ער האט גירעדט מיט דעם עלוי אז ער זאל מיט איהם פאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער עלוי האט איהם צו געזאגט אז ער וועט מיט איהם פאהרען עלוי'ס שוועהר איז אבער געוואהר געווארען אין ער איז געוועזען אמתנגד האט ער איהם ניט געלאזט פאהרען ווי דער חסיד איז געקומען קיין פרשיסחא האט איהם דער יוד הקדוש גיפרעגט פאר וואס ער האט ניט גיברענגט דעם עילוי האט ער איהם דערציילט אז זיין שווער לאזט איהם ניט פאהרען דער יוד הקדוש האט איהם געזאגט אז ער זאל זעהן מיט אלע מעגליכקייטען צי ברענגען דעם עילוי דער חסיד האט איהם צי געזאגט אז ער וועט זעהן ווי ווייט עס וועט נאר מעגליך זיין

אז

אז ער זאל איהם ברענגען ווי דער חסיד איז ארויס געגאנגען פון יוד
הקדוש האט איהם דער רבי ר׳ בינם געזאגט איך ווייס דאך אז ער איז
אדאווינער אפשר האט ער מורא אז ער וועט דא ניט האבען קיין בערוהיג
ארט צום דאווינען זאג איהם אז איך וועל זיך ארויס ציהען פון מיין שטיב
און איך וועל איהם אב געבען מיין שטיב כדי ער זאל האבען א בערוהיג
ארט צום דאווינען דער חסיד איז אהיים געפארען און ער האט איבער
געריידט דעם עלוי אז ער זאל מיט איהם פאהרען אהן זיין שווער׳ס ידיעה
דער עילוי האט איהם צו געזאגט און זיי זענען אוועק געפאהרען און דעם
עילוי׳ס שווער האט פון דעם ניט געוויסט ווי זיי זענען שוין געוועזען
ביי דער ווייכסעל איז דער שווער פון דעם געוואהר געווארען און ער האט
איהם דורך פאליציי צוריק געברענגט אהיים. ווי דער חסיד איז געקומען
צום יוד הקדוש און ער האט האט איהם דאס דערציילט האט דער יוד
הקדוש געזאגט איך האב געוואלט דורך איהם אויף הייבען און דער לייכטען
זיין גלגל נאר וואס זאל איך טוהן אז מען לאזט ניט און דער עלוי האט
אייביג חרטה געהאט און ער האט געהאט תרעומות אויף זיין שווער וואס
ער האט איהם ניט געלאזט פאהרען צום יוד הקדוש זי״ע:

**הרב הגאון** ר׳ יעקעל דעם גאסטיניגער רבינ׳ס איידים האט דערצעהלט
אז ער איז אמאהל געוועזען אין גור האט ער געזעהן
צוויי מענשען געהן שפאצירען אין הויף און וויל עס איז געוועזען ביינאכט
האט ער זיי ניט דערקענט איז ער צו געגאנגען לעבין זיי באהנט האט ער
געזעהן ווי דער חדושי הרי״ם זצ״ל געהט מיט ר׳ שמואל שינאווער און
ער האט געהערט ווי דער חדושי הרי״ם זצ״ל האט דערצעהלט ר׳
שמואל׳ין אז ווען ער איז געוועזען א קליין יונגעל האט איהם זיין פאטער
מיט גענומען צום יוד הקדוש און דער יוד הקדוש האט איהם פערהערט
און ער האט איהם געגעבען א גמרא און ער האט איהם געהייסען אליין
לערנען און זיין לערנען איז איהם זייער געפעלען האט דער יוד הקדוש
געבעטען זיין פאטער אז ער זאל איהם ביי איהם לאזען ער זאל ביי איהם
לערנען האט זיין פאטער ניט געוואלט נאר ער האט איהם געפיהרט קיין
קאזיניץ צום קאזיניצער מגיד און עס איז איהם אייביג אשאהד פאר וואס
ער האט ניט געלערענט ביי דעם יוד הקדוש זי״ע:

**דער רבי** ר׳ אלעזר זצ״ל מסאכטשוב האט דערצעהלט אז נאך דעם
ווי דער חדושי הרי״ם איז נפטר געווארען האט ער געוואלט
פאהרען קיין טשעכינאוו און ער האט געהאט א זוהן אין טשעכינאוו האט
ער

ער געשריבען צו זיין זוהן אז ער זאל פרעגען דעם רבי'ן צו ער זאל צו איהם קומען אויף שבת האט דער רבי איהם געהייסען אז ער זאל דינגען אפיהר אין ער זאל פאהרען צו זיין פאטער אין ער זאל איהם זאגען אז ער הייסט איהם ניט קומען אויף דעם צווייטען שבת האט ער שוין ניט געשיקט פרעגען נאר ער איז גלייך געפאהרען קיין טשעכינאוו האט איהם דער רבי גיפרעגט פאר וואס ער איז צו איהם געקומען האט ער איהם גיענטפערט פון מיין יוגענד בין איך געהאדעוועט ביי רבי'ס ווען איך בין אלט געוועזען אכט יאהר האט מען מיך ארויס געגאנבעט פון מיינע עלטערען אין מען האט מיך געפיהרט קיין פרשיסחא צום רבי'ן ר' בינם נאך דעם רבי'ן ר' בינם בין איך געפאהרען קיין קאצק. און דער נאך צום חדושי הרי"מ דער חדושי הרי"מ איז געוועזען מיין רבי אין מיין פאטער פאר אירם האב איך מגלה געוועזען מיינע סודות מעהר ווי פאר מיין פאטער. אין יעצט אז דער חדושי הרי"מ איז נפטר געווארען זיך איך מיר א רבי'ן ע"כ בין איך געקומען צו אייך האט איהם דער רבי גיענטפערט אינזער דרכים זענען דאך ניט גלייך אין בעזינדער איהר דאווענט דאך שפעט האט ער איהם גיענטפערט אויף דעם שפעטין דאווינען וועט דער יוד הקדוש פערענטפערין ווי דער רבי האט דאס דערהערט האט ער אהנגעהויבען צו שרייען איהר פערקוקט אייך אויף דעם יוד הקדוש אין איהר ווילט אייך גלייכען צו איהם דער יוד הקדוש ווען ער איז אלט געוועזען דריי אין דרייסיג יאהר האט ער שוין ניט געהאט קיין איין צאהן אין זיין מויל פאר פחד צו איהם קענען מיר זיך ניט גלייכען זי"ע ועכי"א:

**דאס אין** דאך בעוויסט פון דעם מחלוקת וואס עס איז געוועזען בין הצדיק מלובלין ובין היהוד הקדוש זצ"ל אין פיעל מענשען האבען גירייהדט פאר דעם רבי'ן מלובלין לשון הרע אויף דעם יוד הקדוש אין דער יוד הקדוש איז אלע מאהל געפאהרען קיין לובלין זיך פערענטפערין בעת ער האט זיך פערענטפערט אין עס איז געווארען צווישען זיי שלום ווען דער יוד הקדוש איז אוועק געפאהרען האט זיך ווייטער דערוועקט דאס מחלוקת אמאהל איז דער יוד הקדוש געקומען קיין לובלין זיך פערענטפערין אין דער רבי איז מיט איהם געווארען גיט בעפריינדעט אין דער רבי האט איהם געגעבען זיינס א העמד. דעם יוד הקדושים שונאים האבען אהנגערייהדט אשיכור אז ער זאל געהן צום יוד הקדוש אין ער זאל איהם בעטען אז ער זאל איהם געבין א העמד ווייל ער געהט אהן א העמד דער שיכור האט אזוי בעטוהן אין ער איז אריבער געגאנגען צום יוד הקודש אין דער יוד הקדוש

הקדוש האט איהם אוועק געגעבען דעם רבינ'ס העמד אין דער שיכור איז תיכף געגאנגען אין שענק ארײן און ער האט פער זעצט דאס העמד פאר אביסעל יי"ש. די שונאים זענען תיכף אריבער געגאנגען צום רבי'ן מלובלין און זיי האבען איהם געזאגט דער רבי איז דאך מקפיד אז זיינע מלבושים זאל קיינער ניט אהנטוהין אפילו זיין אייגענע קינדער און יעצט האט דער רבי אוועק געגעבען זיינס א העמד דעם יוד הקדוש און יעצט געפינט זיך דאס העמד אין דער שענק דער רבי האט געשיקט רופען דעם יוד הקדוש און ער האט איהם געפרעגט ווי קומט אז זיין העמד זאל זיין אין דער שענק דער יוד הקדוש האט איהם דערצעהלט די גאנצי מעשה אז א ארימאנאיז צי איהם געקומען און ער האט פאר איהם געוויינט אז ער האט ניט קיין העמד האט ער עס אוועק געגעבען און ער האט געזאגט דער רבי ווייסט דאך אז ווען א ארימאן קומט צו מיר וואלט איך איהם אוועק געגעבן אפילו בגדי כהונה ווען איך זאל האבען. האט איהם דער רבי מלובלין געזאגט דוד המלך ע"ה האט געזאגט „אנכי תולעת ולא איש" איך בין אווארם ניט קיין מענש דער פשט דער פון איז וויל דאס איז דאך ידוע אז אדם הראשון האט בעדארפען לעבען טויזענד יאהר און דוד המלך האט קיין יאהרען ניט געהאט נאר אדם הראשון האט געשענקט פון זיינע יאהרען זיבציג יאהר דוד המלך. דאס איז דער פשט וואס דוד המלך האט געזאגט איך וואלט דאך ראוי געווען צו זיין א ווערמיל ניט קיין מענש וויל איך האב דאך ניט געהאט קיין יאהרען קומט דאך אויס אז דוד המלך האט ניט געלעבט זיינע יאהרען נאר אדם הראשון'ס יאהרען איבער דעם האט ער זיך בעקלאגט „חרפת אדם בזיתי" דאס איז טייטש די שאנד פון אדם הראשון'ס טעג האב איך מבוזה געווען די יאהרען זאלען געוועזען זיין מיינע וואלט איך ניט אזוי פיעל געזארגט אבער אז די יאהרען זענען אדם הראשון'ס איז דאך מיר אבושה פאר וואס האב איך זיי פערשעמט דאס זעלבע איז ביי דעם העמד ווען דאס העמד וואלט געוועזען דיין קענסטו מיט דעם העמד טוהן וואס די ווילסט אבער מיט מיין העמד ווי אזוי האסטו עס מבוזה געוועזען זאלסט עס אוועק געבען א שיכור ער זאל עס פאר זעצין אין דער שענק. האט דער יוד הקדוש גיענטפערט עס שטעהט אין פסוק „כל אשר יש לו יתן בעד נפשו" דאס איז טייטש וואס א מענש פער מאגט דארף ער עס אוועק צו געבען ער זאל זיך אויס לייזען זיין נפש איבער דעם אז דער ארימאן האט ביי מיר געבעטען דאס העמד האב איך עס איהם בעדארפען אוועק געבען. ער פלעגט שטענדיג אזוי צו טוהן ער פלעגט אלעס וואס ער האט פער מאגט אוועק געבען

געבען אויף צדקה. אמאהל איז זיין זוהן שלאף געוועזען האט ער אוועק געגעבען אלעס וואס ער האט געהאט אין שטוב צו ארימעלייט ז״ע:

**דער יוד** הקדוש אין דער רבי ר׳ נפתלי מראפשיץ אין ר׳ דוד מלעלוב האבען אמאהל בעזאמען גיגעסען און עס האט זיי צו גיפעהלט געלד משלים צו זיין צו דער סעודה דער וויל איז אריין געקומען א יונגער מאן און ער האט זיי געגעבען א רו״כ און זיי האבען געהאט משלים צו זיין די סעודה און זיי האבען געשיקט נאך ווין און זיי האבען ביי דער סעודה פיעל חדושי תורה מחדש געוועזען און א צייט ארום האבען זיי זיך ווייטער געטראפען און זיי האבען זיך דער מאנט און דער סעודה אז די שמחה איז זיי געקומען דורך דעם יונגען מאן וויל ער האט זיי געגעבען א רו״כ זיי האבען מיט זייער רוח הקודש אהן געהויבען זוכען דעם יונגען מאן זיי האבען איהם ניט געפינען ניט אויף דעם עולם און ניט אויף יענעם עולם זיי האבען איהם אזוי לאנג געזוכט ביז זיי האבען איהם געפינען ער איז א רו״ס געגאנגען לתרבות רעה זיי האבען אזוי לאנג געארבייט ביז זיי האבען איהם מחזור מוטב געוועזען פון דאנען זעהן מיר ווי גרויס עס איז אז מען איז מהנה א תלמיד חכם:

**הרב הצדיק** ר׳ שלום רוקח מבעלז אין זיין יוגענד איז ער געפאהרען קיין לובלין און דער היים האט ער קיין שום מסחר ניט געהאט דעם נדן וואס ער האט געגומען האט ער שוין באלד ניט געהאט ער האט נאך געהאט א קליינע סומע פון זיין נדן און קיין רבנות האט ער ניט געוואלט אהנגעמען האט ער ביי זיך בעשטימט אז ער זאל זיך צו נעמען א שותף און זיי זאלען זיך מאכען א מסחר בשותפות וויל ער אליין איז ניט געוועזען פעהיג צו קיין מסחר און בעזונדער האט ער געוואלט אז ער זאל קענען זיצען און לערנען ער האט זיך אויסגעקלובען א יונגען מאן און זיי האבען געמאכט שותפות נאר זיי האבען ניט געוואלט אהנהייבען האנדלין ביז זיי וועלין פרעגען פריער דעם רבין מלובלין. און זיי זענען ביידי געפאהרען קיין לובלין און זיי זענען אריין געגאנגען צום רבין איינער אהן דעם צווייטען דער רבי ר׳ שלום איז פריהער אריין געגאנגען צום רבין מלובלין און ער האט איהם גיפרעגט צו ער זאל מאכען שותפות מיט דעם יונגען מאן דער רבי האט איהם געהייסען. דער צווייטער איז אריין געגאנגען פרעגען האט מען איהם ניט געהייסען זיי האבען זיך דערצעהלט דעם רבינ׳ס ענטפער זיי האבען גאר ניט פערשטאנען וואס דאס איז. דער וויל איז אהנגעקומען קיין לובלין דער יוד הקדוש זיי זענען צו איהם אריין געגאנגען

אין זיי האבען איהם דערצעהלט דעם רבינ'ס ענטפער אין זיי האבען איהם אויך גיפרעגט צי זיי זאלען מאכען שותפות צי ניט האט דער יוד הקדוש זיי געהייסען מאכען שותפות זיי זענען אהיים געפארען אין זיי האבען גימאכט דאס שותפות אין אקארצי צייט האבען זיי אהנגעווארען דאס גאנצע געלד אין עס איז זיי ניט געבליבען אפילו קיין איין פרוטה, זיי זענען געפארען קיין לובלין אין זיי האבען געווארט ביז דער יוד הקדוש איז געקומען קיין לובלין זיי זענען צו איהם אריין געגאנגען אין זיי האבען איהם דערציילט אז זיי האבען היזק געהאט דאס גאנצע געלד אין זיי האבען איהם געבעטען אז ער זאל זיי זאגען פאר וואס דער רבי מלובלין האט דעם שותף ניט געהייסען מאכען דאס שותפות אין דעם בעלזער רבין האט ער יאה געהייסען אין ער האט זיי ביידע געהייסען מאכען דאס שותפות האט דער יוד הקדוש זיי געזאגט דער רבי האט געזעהן אז ר' שלום דארף ווערען רבי אין ווייל ער האט נאך געהאט עפיס געלד האט ער ניט געוואלט ווערען קיין רבי ע"כ האט איהם דער רבי מלובלין געהייסען מאכין דאס שותפות כדי ער זאל היזק האבען זיין געלד וועט ער מיזען ווערען רבי אין דעם שותף האט ער ניט געהייסען מאכין דאם שותפות ווייל עס איז איהם א שאהד געוועזין זיין געלד אין איך האב אבער געזעהן אז דאס דור דארף האבען ר' שלום'ן פאר א רבין אין אויך קיין צווייטען אופן וועט ער ניט וועלען ווערען קיין רבי אין צוליעב טובת הכלל איז כדאי אז דער שותף זאל היזק האבען עטליכע הינדערט גילדען אין ר' שלום זאל ווערען רבי אין ר' שלום איז תיכף אהיים געפאהרען אין ער איז געווארען רבי זי"ע:

**דער יוד** הקדוש האט גיפרעגט ווי אזוי איז מעגליך ליעב צו האבען יעדען יוד גלייך אמער די צדיקים דארפען דאך מעהר ליעב האבען אין דער תורה שטעהט דאך אבער „ואהבת לרעך כמוך" די זאלסט ליעב האבען דיין חבר גלייך ווי דיך אליין שטעהט דאך סתם דיין חבר ווייזט דאך אויס אז יעדען איינים גלייך האט דער יוד הקדוש געטייטשט „כמוך" אזוי ווי די פונקט גלייך ווי דער מענש ביי זיך אליין האט ער אלע אברים ליעב אבער דעם קאפ האט ער ליבער פין דעם גאנצען גוף אזוי דארף מען ליבער האבען די צדיקים ווס זיי הייסען דעם קאפ פין די יודען מעהר פין אנדערע יודען:

**הרב הצדיק** מגראדזיסק זצ"ל האט דערצעהלט עס איז אמאהל געקומען איוד צום רבין מלובלין מיט א בקשה אז ער איז שלאף האט איהם דער רבי מלובלין אבגעשיקט צום קאזיניצער מגיד אין דער מגיד מקאזיניץ

מקאזיניץ האט איהם אבגעשיקט צום יוד הקדוש אין דער יוד הקדוש האט איהם געהייסען פאהרען אין א שטאדט אריין לעבין ברדיטשוב צו אמענש וואס ער הייסט שלום דער מענש האט אזוי געטוהן. ווי ער איז געקומען אין דער שטאדט אריין אין ער האט זיך גיפרעגט אויף אמענש וואס ער הייסט שלום אין די שטאדט מענשען האבען ניט געוויסט. ער האט חוקר ודורש געוועזען אויף דעם מענש אין ער האט איהם ניט געפינען דער ווייל האט זיך איינער אהנגערופען אפשר מיינט ער דעם שלום'ן וואס ער וואהגט אינטער דער שטאדט דער שיכור דער מענש איז צו איהם געגאנגען ער איז אריין געקומען אין שטיב אריין אין ער האט גיפרעגט זיין וייב אויף דעם מאן זי האט איהם גיענטפערט וואס פאר א עסק קענט איהם מאכין מיט מיין מאן ער איז דאך תמיד שיכור ער האט אויף איהם געווארט ביז ער האט זיך אויס געניכטערט אין ער איז צו איהם צו געגאנגען ער האט איהם געגעבען שלום אין ער האט איהם גיפרעגט וואס ער וויל האט ער איהם גיענטפערט אז דער יוד הקדוש האט איהם צו איהם געשיקט אז ער זאל איהם אהנווינשען אז ער זאל האבען א רפואה שלימה האט ער איהם גיענטפערט אז איהר וועט מיר געבען אטאפ יי"ש וועט ער האבען ארפואה שלימה דער מענש האט איהם געגעבען אטאפ יי"ש אין ער האט איהם געהייסען אז ער זאל זיך טובל זיין אין טייך וואס איז אינטער דער שטאדט וועט ער האבען א רפואה שלימה דער מענש האט אזוי געטוהן ער האט זיך טובל געוועזען אין טייך אין איז תיכף געזינד געווארען דער מענש איז א היים געפאהרען אין ער האט אבגיטרעטען ביי דעם יוד הקדוש אין ער האט איהם דער צעהלט ווי אזוי איהם איז פארגעקומען אין ער האט געבעטען דעם יוד הקדוש אז ער זאל איהם זאגען ווער דער שלום איז האט דער יוד הקדוש איהם געזאגט דער מענש איז אין ערשטען גלגול געוועזען אצדיק גאר איין חטא האט ער געהאט אז ער האט ניט געדאווענט ביי הודו בכונה האט מען איהם געפסקנ'ט אז ער זאל מגילגול ווערין האט ער מורא געהאט אז ער זאל ניט זינדיגען אויף דער וועלט אין ער האט געטעניט פאר דעם בית דין של מעלה אז ער האט מורא מגילגול צו ווערען מען שיקט איהם אראב אויף דער וועלט אז ער זאל פערריכטען וואס ער האט פריהר קאליע געמאכט האט ער מורא אז ער זאל ניט נאך מעהר קאליע מאכען האט מען איהם צו געזאגט אז מען וועט ביי איהם צו נעמען די בחירה דאס ער וועט שטענדיג זיין שיכור אין ער וועט ניט זינדיגען האט דער יוד הקדוש אויסגעפיהרט אז אמענש דארף זיין געהיטען צו דאווינען אין אהנהייב בכונה:

דער

דער רבי ר׳ בנים האט אמאהל דערצעהלט עס איז געוועזען אגרויסער גוטער יוד וואס ער האט גיבעטען ביים השי״ת אז ער זאל איהם ווייזען דעם צדיק הדור האט מען איהם געוויזען אין וועלכער שטאדט דער צדיק הדור געפינט זיך ער איז געפאהרען אין דער שטאדט אריין אין ער האט ניט חוקר ודורש געוועזען אין ער האט איהם ניט געפינען האט ער תפלה געטוהן צו השי״ת אז ער זאל איהם ווייזען אין וועלכען הויז דער צדיק הדור געפינט זיך מען האט איהם געוויזען דאס הויז וואס דער צדיק הדור געפינט זיך דארט אין דעם הויז איז געוועזען א שענק דער רבי איז אריין געגאנגען אין שענק אריין אין ער האט ניט א דורך געקוקט אלע מענשען וואס זענען דארט געוועזען ער האט ניט אהנגעזעהן אין קיין שום מענש וועלכעס ער זאל זיין דער צדיק הדור נאר ער האט געזעהן א מענש א שיכור דרעהט זיך ארום אין שענק ער דרעהט זיך ליידיג ער טוהט גאר ניט נאר תפילין האט ער איהם געזעהן לייגען. דער רבי האט אהנגעהויבען חוקר דורש צו ביי דעם בעל הבית וועגען דעם מענש ער האט איהם גיפרעגט וואס דער מענש טוהט ביי איהם איך זעה דאך אז ער טוהט דיר גאר ניט וואס דרעהט ער זיך ביי דיר ארום אין שטוב. האט איהם דער בעל הבית געענטפערט דער מענש איז ביי מיר א משרת ער וויל פון מיר בשום אופן ניט א וועק געהן אין ער וויל גאר ניט טוהן איך האב איהם ארויס געווארפען האב איך אבער געזעהן אז כל זמן ער איז ביי מיר געוועזען אין שטוב האב איך געהאט פרנסה אין אז איך האב איהם ארויס געווארפען האב איך ניט געהאט קיין פרנסה האב איך איהם געמוזט צוריק אריין נעמען אין שטוב אריין האט דער רבי פערשטאנען אז דאס איז דער צדיק הדור. האט דער רבי ווייטער מתפלל געוועזען צו השי״ אז ער זאל איהם ווייזען וועהר דער צדיק איז האט מען איהם געוויזען פון הימעל אז דער מענש איז שוין געוועזען איינמאהל אויף דעם עולם אין ער האט אויף זיך ניט געהאט קיין שום חטא נאר וואס ער האט ניט מכוין געוועזען ווען ער האט געזאגט די פרשה אזהו מקומן איז ער נאך אמאהל געקומען אויף דעם עולם אז ער זאל דאס מתקן זיין דער גרויסער גיטער יוד וואס דער רבי ר׳ בינם האט געזאגט האט ער גענויינט דעם יוד הקדוש זי״ע ועבי״א:

דער רבי ר׳ מאיר הלוי מסטאבניץ איז געוועזען פון די גרעסטע תלמידים פון רבין מלובלין אין אמאהל פלעגט ער צו פאהרען קיין פרשיסחא צום יוד הקדוש דער רבי מלובלין האט אמאהל געזאגט צו ר׳ מאירן אז ער זאל מתפלל זיין אז דער יוד הקדוש זאל האבען אריכת ימים ממילא

וועט

וועט זיין פאר איהם אויף אגרויסע טובה וויל ווען איינער איז מתפלל פאר דעם צדיק וועגען איז עס א גרויסע טובה פאר דעם מתפלל. אין אצייט ארום איז ער ווייטער געוועזען אין לובלין אין ער איז געזעסען לעבען דעם רבי'ן ביי דעם טיש האט זיך דער רבי צו איהם צו געבויגען אין ער האט איהם געפרעגט צו ער איז מתפלל פאר דעם יוד הקדוש'ס וועגען האט ער איהם געענטפערט אז צייט דער רבי האט איהם געהייסען מתפלל זיין פאר דעם יוד הקדוש'ס וועגען איז ער יעדער טאג מתפלל ער האט נאך ניט קיין טאג פערפעהלט האט איהם דער רבי געענטפערט גיט גיט אין תיכף האט דער רבי אהנגעהויבען צו ריידען אויף דעם יוד הקדוש די חסידים האבען גירעכענט אז ר' מאיר דערצעהלט שלעכטץ אויף דעם יוד הקדוש פאר דעם רבי'ן אין מען האט עס דערצעהלט דעם יוד הקדוש אז ר' מאיר סטאבניצער האט אויף איהם גירעדט שלעכטץ פאר דעם רבי'ן ווי ר' מאיר איז שוין אהיים געקומען האט זיך איהם געחלומט אז א גרויסער לייב יאגט איהם נאך אין ער וויל איהם הרגינ'ן ער האט זיך אויף געכאפט האט ער פערשטאנען אז דער לייב איז דער יוד הקדוש אין מן הסתם האבען מענשען דערצעהלט דעם יוד הקדוש אז ער האט אויף איהם גירעדט שלעכטץ אין ער האט תיכף געשיקט זיינע צוויי מקורבים צום יוד הקדוש אין ער האט זיי גאר ניט אהנגעזאגט וויל ער האט געוויסט אז ער וועט אליין וויסען צוליעב וואס ער האט זיי געשיקט ווי זיי זענען אריין געקומען צום יוד הקדוש האט ער זיי געזאגט הגם עס איז שוין אלעס רעכט אין ער האט שוין אייך ניט בעדארפען שיקען נאר בדיעבד האט ער גלייך געטאהן וואס ער האט אייך געשיקט:

דער יוד הקדוש איז אמאהל געפאהרען מיט דעם רבי'ן ר' בינם קיין רימינאוו צו ר' מענדעלי רימינאווער עס איז געווארען אגרויסער רעש אין רימינאוו אין ר' מענדעלי האט זיך אויך צו געגרייט מקבל פנים זיין דעם יוד הקדוש ווי ער איז אהנגעקומען אין ר' מענדעלי האט דערהערט אז דער יוד הקדוש איז שוין לעבען זיין הויף איז ער איהם א קייגען געגאנגען אין ער האט איהם אריין געפיהרט צו זיך אין שטיב אריין מיט גרויס כבוד אין ער האט געמאכט פאר זיינט וועגין א סעודה אין מיטען דער סעודה האט זיך ר' מענדעלי דערמאנט פון דעם מחלוקת וואס דער יוד הקדוש האט מיט דעם רבי'ן מלובלין אין וויל ר' מענדעלי איז געוועזען דעם רבי'נ'ס א גרויסער ידיד האט ער געוואלט מעניש זיין דעם יוד הקדוש אין ער האט איהם געהייסען זאגען תורה אין ער האט געוואלט

בגעוואלט ביי איהם צו נעמען די מדרגות דער רבי ר׳ בינם האט דאס מרגיש געוועזען האט ער געזאגט צום יוד הקדוש רבי פאלגט מיך און זאגט ניט אפילו קיין אייןווארט איך בין שטענדיג צווישען סוחרים זעה איך אז דער מענש וואס איז אין גישעפט האט מעהר דעה ווי דער איינגענטימער וויל דער מענש האט מעהר ידיעה אין גישעפט מעהר ווי דער סוחר אליין ע״כ זאג איך אייך אז דאס גישעפט טויג ניט פאר אייך און איהר זאלט ניט זאגען קיין תורה ר׳ מענדעלי האט געזעהן מיט וואס ער האנדעלט ער האט גיזעהן אז ער וועט גאר ניט קענען טוהן האט ער זיך פערענטפערט אין ער האט געזאגט צום יוד הקדוש אמת איך האב איין געוואלט טוהן וויל איהר קריגט אויף דעם רבין מלובלין און פאר וואס זאלט איהר קריגען אויף איהם האט זיך דער יוד הקדוש פערענטפערט אז ער האט נאך קיין מאהל ניט גערעדט קיין שלעכט ווארט אויף דעם רבין וואס זאל ער טוהן אז מענטשין רעדען אויף איהם רכילות דער רבי ר׳ מענדעלי האט זיין תירץ אנגענומען און ער איז געווארען פון זיינע גרעסטע פריינד זי״ע ועכי״א:

דער רבי מלובלין האט אמאהל גיפרעגט דעם יוד הקדוש בזה הלשון יוד לעבין פאר וואס דאווענט איהר אזוי גיך. האט ער איהם גיענטפערט די ווערטער זענען ביי מיר געליעבט אז איך שלינג זיי איין גיך האט איהם דער רבי גיפרעגט פאר וואס דאווען איך ניט גיך האב איך דען ניט ליעב דאס דאווינען האט איהם דער יוד הקדוש גיענטפערט אייער דאווינען איז פייער און פייער אז מען כאפט עס גיך ברוהט מען זיך אב:

דער רבי ר׳ מאיר מאפטא האט דערצעהלט פאר זיינע תלמודים אז ער איז אמאהל געוועזען ביי דעם יוד הקדוש בשעת ער האט זיך געזעגענט האט איהם דער יוד הקדוש געזאגט איך בין זעכער אז דער יוד וואס ער זאגט ערינסט שמע ישראל מיט זיין גאנצען כח איז זיך דער בעל דבר פון איהם מיאש ער ווייסט שוין אז ער וועט מיט איהם גאר ניט מאכען נאר וואס טוהט דער בעל דבר ער גיט איהם גרויסע מדרגות און דא בעקומט ער איהם אין ער טוהט שוין מיט איהם וואס ער וויל דער מענש האט אבער אעצה אז ער זאל פון איהם ניצול ווערען ער זאל געהן אין וואלד אריין און ער זאל שרייען און וויינען צו השי״ת אז ער זאל פון איהם די מדרגות צו בעמען און ער זאל זיך ניט אוועק רוהרען פון ארט ביז מען וועט פון איהם צו נעמען די מדרגות דאס האט איהם דער יוד הקדוש דערציילט און ער האט איהם געזעגענט דער רבי ר׳ מאיר האט

ניט

ניט פאר שטאנען אויף וואס דאס בעדייט און א צייט ארום איז דער רבי
ר' מאיר אויף געשטאנען און דער פריה און ער איז ארויס געגאנגען אויף
דעם הויף פלוצלינג פערשטעהט ער וואס דאס עוף רייזדט און וואס די בהמה
רייזדט ער האט ניט געוויסט פון וואנען עס איז דאס איהם געקומען ער
האט אהנגעהויבען גיט צו קלעהרען ביז ער האט זיך דערמאנט וואס דער
יוד הקדוש האט איהם א מאהל געזאגט אז די מדרגות קענען א מאהל
זיין פון דעם בעל דבר רח"ל און איז ניט אוועק געגאנגען פון ארט נאר ער
האט תפלה געטוהן און מען האט פון איהם אלע מדרגות צו גענומען
נאר איין זאך איז איהם געבליבען און ער האט געזאגט צו זיינע תלמידים
אז זיי זאלען זיך גיט ציקוקען אז זיי זאלען אויך אזוי טוהן עס איז זייער
גוט פאר דער נשמה אז מען זאל זי שיקען טובל זיין אין נהר דינור. און
אז זי קומט צוריק פון דארט אין גוף אריין איז זי זייער ריין און ער האט
תיכף פערווארפען זיין קאפ אונטער דער שטוהל און ער איז פאר חלשת
געווארען אז כמעט מען האט און איהם אהנגעזעהען אצייכען פון לעבען
און עס האט אזוי געדויערט א שעה צייט און ביסלעכווייס איז ער וואכענדיג
געווארען און ער האט געזאגט זיינע תלמידים איך קען אייך ניט פארשטעלען
דעם תענוג און דאס לויטעקייט פון דער נשמה זי"ע ועבי"א:

דער יוד הקדוש איז אמאהל גיזעסען און געלערענט מיט זיינע תלמידים א שיעור און מיטען לערנען האט ער זיך זייער
פעקלעהרט און א טיפען ענין און וויל דער בחור האט געוויסט אז ווען
זייער רבי פערקלעהרט זיך און א ענין געדויערט ביי איהם א לאנגע צייט און
וויל ער איז געווען הינגעריג איז ער אהיים געגאנגען צו זיין מוטער
עסין ער האט אב גיגעסין און ער האט געוואלט צוריק געהן לערנען האט
איהם די מוטער געהייסען א ראב נעמען פון בוידעם אביסעל היי ער האט
אבער ניט געוואלט וויל ער האט זיך געאיילט צוריק צו געהן לערנען ער
האט מורא געהאט אפשר האט שוין דער רבי אהנגעהויבען לערנען און ער
וועט זיך פערשפעטיגען. און מוטען וועג האט ער זיך מיישב געוועזען
דער עיקר פון לערנען איז אז מען זאל וויסען וואס מקיים צו זיין און יעצט
אז עס איז מיר אונטער געקומען מקיים צו זיין מצות כיבוד אם זאל איך
זי ניט מקיים זיין און ער איז צוריק געגאנגען אהיים און ער האט
אראב גענומען דאס היי פון בוידעם און ער איז צוריק געגאנגען לערנען
ווי ער האט געעפינט די טהיר א ריין צו געהן צום יוד הקדוש האט זיך
דער יוד הקדוש אויף געכאפט פון זיין קלעהרען און ער האט זיך פאר דעם
בחור

בחור אויף געשטעלט און ער איז געווארען זייער פריילוך און ער האט ביפרעגט דעם בחור וואס פאר א מצוה ער האט געטוהן ווייל אזוי ווי דער בחור איז אריין געקומען איז מיט איהם אביי מיט געקומען און עס איז איהם פארענטפערט געווארען די קשיא זי"ע ועכי"א:

דער רבי ר' העניך מאלכסנדר איז געפאהרען פריהר קיין קאצק ער איז געוועזען זיינס א אמת'דיגער תלמיד. אויף דער קאצקער רבינ'ס יאהר צייט איז געקומען קיין אלכסנדר דער רבי מגור דער שבת אמת און עס איז פונקט געוועזען אין דעם טאג פון דער יאהר צייט א פדיון הבן דער אלכסנדער רבי איז געוועזען זייער צופרידען אז עס האט זיך געטראפען אין דעם טאג פון דער יאהר צייט א פדיון הבן א סעודת מצוה און דער רבי האט געשיקט זיין משמש מודיע זיין דעם רבי'ן מגור אז ער זאל זיך צוגרייטען צו דער סעודה און דער רבי האט אהנגעזאגט אז אויף דער סעודה זאל ניט זיין נאר בלויז די חסידים וואס זיי זענען געפאהרען קיין קאצק די סעודה האט זיך אהנגעהויבען זייגער צוויי בעטאג דער רבי מאלכסנדר איז געזעסען אויבען אהן און דער גורער רבי איז געזעסען ביי זיין רעכטער האנד און די חסידים ארום ביי דעם טיש און דער רבי מאלכסנדר איז געוועזען זייער פריילוך און ער האט געזאגט געלויבט איז השי"ת וואס עס איז אויס געקומען די יאהרצייט פונקט ווען עס א פדיון הבן זיין היילגע פנים האט געלייכט און ער האט פיעל תורה געזאגט פון קאצקער רבי'ן און ער האט דערציילט ווי אזוי ער איז געווארען א קאצקער חסיד בזה הלשון. נאך דעם ווי דער יוד הקדוש איז נפטר געווארען בין איך א גאנץ יאהר ניט געפאהרען צו קיין רבי'ן הגם די אלע גדולי הדור האבען געזאגט אז אין טאמאשוב ברענט א היילגע פייער ובפרט איך האב געהערט פון דעם חדושי הרי"ם אז ער האט געזאגט אזוי ווי עס איז געוועזען קולות וברקים אויף דעם בארג סיני ביי קבלת התורה אזוי איז היינט די תורה בקולות וברקים אין טאמאשוב נאר עס איז פערביי געגאנגען א יאהר איז מיר איינגעפאלען איך זאל פאהרען קיין פרשיסחא און איך וועל שוין דארט זעהן וואס איך זאל טוהן איך בין געפאהרען קיין פרשיסחא און איך בין אריין געגאנגען להרבי ר' אברהם משה דעם רבי'ן ר' בונם'ס אזוהן מיר זענען זיך געוועזען גוטע פריינד ווי איך בין אריין געקומען האט איך געזעהן ווי ר' אברהם משה ליגט אין בעט און ר' יצחק ווארקער און ר' יעקלי ראדזימינער שטעהן לעבען איהם האב איך פערשטאנען זיי האלטען ר' אברהם משה'ן פאר א רבי'ן האט איך געזאגט

בתשובה געוועזען. אין דער יצה"ר האט געהאט א פאלקאמען דורכפאל זעלבסט פערשטענדליך דאס דער יונגער מאן איז ארויס געגאנגען פון דעם משפט בשלום אין ער איז ווייטער פערבליבען גבאי פון תיקון ספרים. און אין אקורצע צייט האט דער רבי ר' בונם מיט זיין חבר דעם יונגערמאן אב געשאפט די פאהר רובעל אין תיקון ספרים אין די אלע בעלי בתים זענען זיי געקומען צו הילף און זיי האבען געשאפען אשטענדיגע צדקה קאסע אין בית מדרש דער זכות פון דער גרויסע מצוה און פון די הייליגע צדיקים זאל אונז ביישטיין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

---

# נאך א וואונדערליך משל פון רבי'ן ר' בונם זצללה"ה:

איינמאהל האט דער רבי ר' בונם גיפרעגט זיינע בעוויסטע לומדישע תלמודים דיא משנה זאגט אין מסכת פאה. מי שאינו חיגר. דאס הייסט ווער עס איז נישט קיין לאמער. או סומא אדער ער איז נישט קיין בלונדער. אין ועושה את עצמו ער מאכט זיך כאחד מהם אזוי וויא איינער פון זייא דאס הייסט ער סימולירט ספעציעל אזוי א מין פעהלער וועלכעס ער האט נישט דערמיט ארויס צוא ריפען דאס בארעמהערציקייט פון מענטשען אז זייא זאלען איהם געבין מעהר וויא א געזונטען ארימאן. איז זיין עונש דאס אינו מת מן הזקנה. ער שטארבט ניט פון דער עלטער. נאר נאך און דער יוגענד. עד שיהא כאחד מהם. בעקומט ער אויף דער אמת דעם סימולירטען פעהלער. האט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געפרעגט. אלזא קומט דאך אויס דאס אז איינער סימולירט רביסטווע דאס הייסט אז ער פערשטעלט זיך פאר א רבי'ן וואס קען ער האבען פאר א שטראף מדה כנגד מדה. דאס ער זאל טאקי כאמת ווערין א רבי. פונקט אזוי וויא מען רעכינט אויס בייא דיא אלע וואס סימולירען זיך כדי מען זאל זייא געבען א שענערע נדבה. וועט דאך אויסקומען דער שווינדלער וועט נאך דער מיט מאכען א גוט גישעפט. האבין זיי אלע דרוגען געקלערט אבער זייא האבען קיין פערשטענדליכען תירוץ נישט געזאגט. האט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געזאגט איך וועל אייך געבען צו פערשטיין מיט א בייאשפיעל:

איינמאהל

**איינמאהל** נאָכדעם וויא עס איז פאָהר געקומען דער רעפאָרם פון דער קירכע אונ דייטשלאַנד און די גרעסטע פריצים זענען געוועזען דיא אָהנהענגער פון דעם רעפאָרם האָט אויס געבראָכען אַגרויסער קאָנפליקט צווישען ביידע עקזעסטירענדע פאַרטייען. און דיא פריצים וועלכע זענען געוועזען אָנהענגער פון רעפאָרם זענען אַריין געלייגט געוואָהרען און חרם אַריין דורך דיא גייסטליכע דיא פיהרער פון דער קירכע. אָבער די פריצים זענען אויך נישט געזעסען מיט קיין פערלייגטע הענד און כדי אָב צו ווענדען פון זיך דעם אונצופרידענהייט פון זייערע פאַראָבקעס דיא פויערען וועלכע זענען דאַמאָלסט נאָך געוועזען זייער גרויסע אָנהענגעס פון דיא גייסטליכע. איז בעשטימט געוואָהרען אַנאַלגעמיינע לאַנדעס קאָנפערענץ וועלכע זאָל בעשטעטיגען דיא ריכט ליניע פון דעם קאַמפף מיט דעם פיינדליכען לאַגער פון דיא גייסטליכע. אויף דעם קאָנפערענץ איז בעשלאָסען געוואָהרען דאָס דער קאַמפף דאַרף געפיהרט ווערען אויף דעם אופין צו אָרגאַניזירען קריטיק אויף דעם אויפפיהרינג פון דיא גייסטליכע אוך צו ענטדעקען זייער אונוויסענד אונ בילדינג און אפילו און די רעליגיאָנס שריפטען ווייל און דעם מיטעל האָבען זייא גיהאָפט צוא בעקומען דיא געווינטשענע רעזולטאַטען דען עס איז דאַמאָלסט טאַקע געוועזען פיהל אונוויסענדע גייסטליכע וואָס זייער גאַנצע שטעלע האָבען זייא גאָהר בעקומען אַדאַנק זייער פאַטריאָטישקייט און הנופה צוא דיא העכערע אָהנפיהרענדע אָרגאַנען פון דער קירכע. אַלזאָ האָבען זיי זיך דער צו גענומען ענערגיש צוא פערשפרייטען צעווישען דיא ברייטע מאַסען הן און שריפט הן און וואָרט. דאָס אונוויסענהייט פון דיא גייסטליכע. איין פריץ איז געפאַלין אויף איין אָרגינעלע המצאה און ער האָט בעשטימט צוא סימולירען אַגייסטליכען און אַזוי אַרום צוא בעווייזען דאָס אונוויסינהייט פון דעם גייסטליכען וועט דאָס זיין פאַר אַ פאַקט אויף דיא רעשט גייסטליכע. ער איז געפאָהרען און שטאָדט אַריין און ער האָט איינגעקויפט אַלע רעליגיעזע בוכער און ער האָט ביי איין שניידער בעשטעלט אַזעלכע מלבושים ווי דיא גייסטליכע טראָגען און ער איז אַהיים געפאָהרען. פאָהרענדיג און וועג טראַכט אַזוי דער פריץ ווי בעקומט מען אַזוי אַטויגליכען וועלכעס ער זאָל קענען דיא זאַך נאַטורליך סימולירען ווייל דער מענטש וואָס ווייסט דעם אמת ביי זיך דאָס ער איז נישט קיין גייסטליכער וועט איהם זייער שווער זיין לאַנג צוא שפיעלען דיא ראָליע פון אַגייסטליכען.

**אָבער** ער האָט ניט לאַנג בעדאָרפען קלערען ווייל פאָהרענדיג האָט ער געטראָפען ליגען אַ פויער טויט שיכור ער האָט זיך נישט געקענט

דירען

רוהרען פון שכור האט איהם דער פריץ געהייסען אויפהייבען און ארויף לייגען אין זיין קאטש אריין. און אזוי וויא זייא זענען אהיים געקומען האט דער פריץ בעפוילען דיא פאראבקעס זייא זאלין איהם אבוואשען און בעגיסען מיט פערפאן און אנטוהן אנייא העמד און לייגען און דעם בעט אריין וועלכעס ער האט ספעציעל צו געגרייט צו דער אויפגאבע און אבעזינדער צומער. און אנידער לייגען אויף אשטוהל דיא גייסטליכע מלבושים. און איינער פון זיי זאל דארט איבער בלייבען אלעס לאקיי. און אזוי וויא ער וועט זיך אויפהייבען זאל ער צו איהם צו גיין און איהם פרעגען „פאניע קשענזא" וואס פערלאנגט איהר ווילט איהר אייך שוין אויף הייבען זאל איך אייך דערלאנגען די מלבושים און אריינרופען די פאראבקעס זיי זאלין זיך מתוודה זיין אזוי ווי דער שטייגער איז פון די גייסטליכע. און אויף יעדען ווארט וואס זיי וועלען צו איהם וועלען רעדען זאלען זיי דער פעהר איהם זאגען דעם טיטול „פאניע קשענזא". די פאראבקעס האבען אלעס פונקטליך אויסגעפיהרט אין דער שכורער פויער איז אזוי געלעגען אין בעט ביז ער האט זיך אויסגעניכטערט. אין ווי ער האט זיך איבער געחאפט פון שלאף האט ער זיך ארום געקוקט ווי ער איז ערגיץ אין דער וועלט ווייל ער האט געדענקט דאס ער האט זיך אהנגעשכורט אין שטאדט אין איז אהיים געגאנגען אין איז אריינגעפאלען שכורהייט אין ארוב אריין אין יעצט געפינט ער זיך געהאר אין אזוי א בעט מיט ריין בעט צייג וועלכעס ער האט נאך ביי זיין לעבען אפילו נישט געזעהן אין ער בעטראכט זיין העמד וועלכעס ער איז געגאנגען זיינע אלע יאהרען אגראב לייווענטען יעצט גייט ער עפיס אדין ווייס העמד וועלכעס זעהט אויס ווי פאפיר בלויז דאס איז א חילוק אז דאס צו רייסט זיך נישט. ער פערוואונדערט זיך זייער דרויף. אין ווייל ער איז געלעגען מיט דעם פנים צו דער וואנט האט ער זיך בעטראכט דאס ער וועט זיך איבער דרייען אין ארומקוקען דאס צימער אפשר וועט ער זיך קענען דערמאנען ווי ער איז ערגיץ אבער וויא פער וואונדערט איז ער געוואהרען דאס אזוי ווי ער האט זיך נאהר איבער געדרייט איז צו איהם צו געקומען דער לאקיי אין געפרעגט מיט א איידעלע שטימע וואס פער לאנגט איהר „פאניע קשענזא" ווילט איהר אייך שוין אנטוהן דאה האט איהר די מלבושים אין דערלאנגט איהם תיכף דיא גייסטליכע מלבושים. ער בלייבט זיצען אין בעט פערטימעלט ער געדענקט דאס ער איז א ארימער פויער אין האט זיך נעכטען אלעס א זעלבער אהנגעשכורט אין יעצט רופט מען איהם גאהר „פאניע קשענזא" און מען

גוט איהם אָנצוטוהן גייסטליכע מלבושים. אַלזאָ האָט ער זיך געקלערט איינס פון דיביידע איז פער געוויס אַ חלום. אָדער ער איז ווירקליך אַ גייסטליכער אין דאָס וואָס איהם דאַכט זיך דאָס ער איז געוועזען אַ פויער אין האָט זיך נעכטען אָנגעשכורט איז אַ חלום. אָדער ער איז ווירקליך אַ פויער אין יעצט חלומט זיך איהם דאָס ער איז אַ גייסטליכער אָבער מען האָט איהם נישט געלאָזט לאַנג קלערען ער האָט זיך אָנגעטהון זענען אַריין געקימען אַ גאַנצע חברה זיך מתודה זיין פער איהם אין אַלע האָבען איהם אָב געגעבען דעם טיטל „פּאַניע קשענזאַ" דרובער איז ביי איהם געבליבען דאָס ער איז ווירקליך אַגייסטליכער נאָהר דאָס וואָס איהם דאַכט זיך אַז ער איז נעכטען געוועזען אַ פויער איז אַ חלום. נאָהר אַז ער איז טאַקע אין אמת אַ גייסטליכע דאַרף ער דאָך נישט אַרום גיין מיט קיין קלער אין אַזעלכע נאַרישקייטען. דערובער האָט ער בעשלאָסען דיא זאַך אַזוי אַרום צו דער גיין. ער וועט זיך הייסען אַריינגעבען די רעליגעזע ביכער וועט ער זעהן וועט ער קענין אין זייא לערנען איז אַ סימן דאָס ער איז ווירקליך אַגייסטליכע און ער וועט זיך דיא פּוסטע פאַנטאַזיע אַז ער איז געוועזין אַ פויער אַרויס שלאָגען פון געדאַנק אַרויס. און אויב ער קען און זייא נישט לערנען איז אַ סימן דאָס ער איז ווירקליך אַ פויער נאָהר יעצט חלומט זיך איהם. ער האָט זיך געהייסען געבין ביכער אָבער אַזוי וויא ער האָט זיי געפּיבט אויף דער לינקער זייט און ער האָט געוואָלט און זיי אַריינקוקען האָבין די פּאַראַבקעס וועלכע זענען דאָרט געוועזען אָהנגעהויבען פון איהם צוא לאַכען האָט ער גענומען דעם ביך און האָט איהם איבער געדרייט איז איהם אויס געקומין דיא אותיות פער קערט מיט דעם קאָפּ אַראָב. האָבען דיא מענטשען וואָס זענען דאָרט געוועזען נאָך מעהר געלאַכט. אַלזאָ ער איז זייער אויפגערעגט געוואָהרען און ער האָט די אַלע מענטשען וועלכע זענען געוועזען און שטיב געהייסען אַרויס גיין. זייא האָבען איהם געמוזט פאָלגען וויל דער פריץ האָט בעפוילען מען זאָל איהם אַלעס צו ליעב טוהן. ווי זייא זענין אַרויס געגאַנגען האָט ער אָהנגעהויבען אַרום שפּאַצירען און שטוב און געטראַכט וואָס קען דאָס זיין ער זעהט דאָך דאָס ער קען גאָהר נישט אין דיא ביכער און דאָה רופט מען איהם אָבער דאָך „פּאַניע קשענזאַ". האָט ער זיך איבער גירעכינט אַז עס קאָן זיין אַז אין אמת אַריין איז ער טאַקע יאָה אַגייסטליכער און אַ ראַי' וואָרין אַלע רופין דאָך איהם „פּאַניע קשענזאַ" נאָהר דאָס וואָס ער קען נישט לערנען אין דיא ביכער פון דיא גייסטליכע איז קיין ראַי' נישט וויל אַלע גייסטלעכ

גייסטליכע קענען נישט אין דיא ביכער. און ער איז אזוי פערבליבען ביי דעם מיינונג דאס ער איז א גייסטליכער נאהר ווייל ער האט נישט געקענט לערנען אין דיא ביכער אונ ער האט גערעכענט אז קיינער קען נישט האט ער זיך אפילו נישט משתדל בעווען דער נאך ער זאל יאה קענען לערנען איז האט ממאס געוועזען אונ גאנצען דאס לערנען. אזוי איז דער נמשל ווער עס סימולירט רבי'סטווע און ער ווערט צו געוואהנט מען זאל איהם רופען רבי ברענגט עס אריין מיט דער צייט און איהם צוא קלערען וואס עפיס רופען איהם מענטשען רבי אפשר איז ער טאקע א רבי הייבט ער אהן אריין צו קיקען אין ספרים הקדושים אין ווייל לערנען קבלה זעהט ער אז ער יכולט נישט קלערט ער זיך איבער וואס איז דאס וואס אלע מענטשען רופען איהם רבי גלייך ווי אלע רבי'ס. און לסוף קען ער גאהר נישט אין די אלע ספרים צו זאל ער טאקע נישט זיין קיין רבי. און ווען ער זאל זיך אזוי בערעכינען קען ער נאך אמאהל זיך נעמען צום לערנען אין ביי א יוד איז דאך קיין שום שווערע זאך נישט דאה. קען ער טאקע זיך אויסארבייטען צו קענען אין די ספרים און צו ווערען אמת'דיג א רבי. אבער ווייל ער איז אריין געלייגט אין שווינדעל אריין נארט איהם דער יצה"ר ער זאל זיך גאהר איין רעדען דאס ער איז אין אמת אריגן טאקע שוין יעצט א רבי גלייך מיט אלע רבי'ס. און דאס איז גאהר נישט קיין ראי' וואס ער קען נישט אין ספרים הקדושים ווייל קיין שום רבי קען נישט ומכל שכן דארף ער דאך שוין נישט לערנען ווייל וועלכער רבי קען דאס לערנען אין ער איז גאהר ממאס אין לערנען אין דרייט זיך ארום תמיד מיט פוסטע געדאנקען וואס דאס ברענגט צו אלעס בייז. און דאס איז זיין שטראף גלייך ווי דער לאמער אדער בלונדער וואס סימולירט אפעהלער איז זיין שטראף דאס ער בלייבט ביי דעם פעהלער אזוי דער וואס סימולורט אויף ראביסטווע ווערט ער דרונען פער פאלען און איז נישט זוכה צו קימען צוא דעם אמת. און דער נאך מיז ער אב געבען דין וחשבון פער דעם שווינדעל אין פער דעם וואס ער האט זיך מונע געוועזען פין תשובה טוהן. השי"ת זאל אונז העלפין מיר זאלען קענען תשובה טהון באמת אין מיר זאלען אלע זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# נפלאות הרבי ר' בונם מפרשיסחא

## נאָך אַווינדערליך מָשָׁל וָואס דֶער רֶבִּי ר' בּוּנָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט נֶעזָאגְט דֶעם רֶבִּי'ן ר' שְׁמוּאֵל בָּער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פוּן בִּיסְקָאוִויטְץ.

דער רבי ר' שמואל בער זכרונו לברכה האָט דער צייֶלט דאָס אַ יוד וואָס איז געוועזין אַסטרעליסקער חסיד אונ איז געפאָהרען צום היילִיגען רבי'ן ר' אורעלי קיין סטרעליסק וועלכער איז בעוויסט געוועזען מיט דעם נאָמען דער שרף און ווען דער רבי ר' אורעלי איז נפטר געוואָהרען איז ער געקומען צוא פאָהרען צום רבי'ן ר' בונם זכרונו לברכה קיין פרשיסחאָ האָט דער ר' בונם גיפרעגט דעם חסיד און וואָס איז בעשטאַנען דער עיקור לימוד החסידות פון זיין רבי'ן דער סטרעליסקער און וואָס פער אַ מדות טובות האָט ער דער עיקר איינגעפלאַנצט און זיינע חסידים. אַזוי וויא עס איז בעוויסט דאָס יעדען גוטער יוד האָט אַ אַנדערען דרך און יודישקייט און אין דרך העבודה געווייִנט ער אויף און זיינע חסידים. האָט דער חסיד געזאָגט דאָס זיין געוועזענער רבי דער סטרעליסקער האָט דעם עיקר געאַרבייט איינצופלאַנצען און זיינע חסידים דיא מדה פון ענוות. און אפילו ווען עס איז געקומין דער גרעסטער רב. אָדער דער גרעסטער גביר האָט ער אַליין געמוזט. גיין אין מאַרק אַריין ברענגען צוויא גרויסע קאַנען וואַסער. און נאָך אַזעלכע נידעריגע זאַכען וועלכס בייא זיך וואָלט דער מענטש פער קיין געלד נישט געוואָלט טוהן האָט ער דאָרט געמוזט טוהן כדי עס זאָל און איהם ווערען איינגעפלאַנצט דיא מדה פון שפלות. האָט איהם דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געזאָגט. איך וועל דיר דערציילען אַ געשיכטע וועסטו פערשטיין וואָס פאַר אַ חילוק עס איז צווישען מיר און דיין געוועזענעם רבי'ן דעם הייליגען סטרעליסקער זכרונו לברכה. איינמאָהל האָבען זיך פערזינדיגט דרייא מענטשען בייא דעם קייזער און זיי זענין געשטעלט געוואָהרען פאַר דעם געריכט. נאָך אַלאַנגע פערהאַנדלונג האָט דאָס געריכט אַרויס געטראָגען אַבעשלוס דורך וועלכע זייא זענען אַלע דרייא ערקענט געוואָהרען פער שולדיגע און דעם פערברעכען וועלכעס מען האָט זייא פאָהר געוואָרפען. און דרויבער זענען זייא פעאורטיילט געוואָהרען צוא זיצען און תפיסה ר"ל. צווישען די דרייא איז בעוועזען איינער אַגרויסע נאַר. און וויא מען האָט זייא איינגעזעצט און אַ פינסטערע תפיסה און דאָס עסען האָט מען זייא אַראָב געלאָזט און איין קאָרב מיט איין שטריק האָט

דער

דער נאהר זיך גישט געקענט פאָהר שטעלען און דער פינסטער וועלכעס עס איז א שיסעל און וועלכעס עס איז א לעפיל האָט ער גענומען און איבער געדרייט די שיסעל מיטן עסען און ווען ער האָט געוואָלט שניידען ברויט האָט ער גענומען דאס מעסער מיט דער שארפער קליגג און דער האנד און מיט דער שטוהל האָט ער געוואָלט אָבשניידען זיך א שטיקעל ברויט. זעלבסט פערשטענדליך דאס ער האָט מיט דער שטוהל קיין ברויט נישט געקענט אָב שניידען. און פערקערט ער האָט זיך די האנד גוט צו קאליעטשעט און צו שניטען. אלזא האָט איינער פון דיא צוויא אויף איהם רחמנות בעקומען און ער האָט איהם אויסגעלערנט דאס ער זאָל אויך און דער פינסטער דער קענען וועלכעס עס איז א שיסעל און וועלכעס עס איז א לעפיל אָבער וויל מען האָט אלע מאהל אריין געגעבען אנדערע עסענווארג. און און אנדערע כלים האָט דער חכם געמוזט דעם נאר אויס לערנען צוא דער קענען אלע מאהל אנדערע זאכען און דער צווייטער חכם איז אזוי געזעסען און ער האָט זיך גאָהר גישט אָבגעגעבען מיט דעם נאהר ער זאָל עפיס לערנען.

איינמאהל האָט דער חכם וועלכער פלעגט מיט איהם אלע טאָג צוא לערנען געפרעגט דעם צווייטען חכם מיר זענען דאך ביידע גלייכע שכנים מיט דעם אָרימען נארישען מענטשען און איך בין אויך נישט זיינער קיין קרוב גלייך מיט דיר פער וואָס האָב איך מיט לייד מיט איהם און לערן איהם אלע מאהל די נויטווענדיגע זאכען און די זיצסט פערלייגט מיט די הענד און ווילסט איהם קיינמאהל גאָהר נישט לערנען. לערן די אויך אמאהל מיט איהם האָט איהם דער צווייטער חכם געזאָגט איך וועל דיר געבען צו פער שטיין די זאָלסט נישט מיינען דאס חלילה דורך מיין שלעכטיגקייט וועלכעס איך האָב נישט קיין מיט לייד מיט דעם מענטש לערן איך איהם נישט נאהר די זאך איז גאָהר פערקעהרט דורך מיין גרויס רחמנות אויף איהם טראכט איך א עצה ווי אזוי איהם געגצליך צו העלפען און לאָז מיך בענוגען פאָהר לויפעג מיט דיין צייטווייליגע הילף וויל דיין הילף איז דאך אָהן אנגעזיסטענץ דען היינט גיט מען און אזעלכע כלים און צו מארגענס און אנדערע כלים וועסטו דאך מיט דיין לערנען מיט איהם קיינמאָהל נישט פערטיג ווערען און די וועסט איהם אלע מאהל מיזען לערנען צו דער קענען די פערשידענע כלים וואָס ווערען אלע מאהל איבער געטוישט. דרובער קלער איך בעסער ווי אזוי אויס צו בויערען פלאך און דער וואנט וואָס דארט ארום זאָל אריין קומען צוא אונז דיא לייכטיגע

ליכטיגע שיין דאמאָלסט וועלען מיר איהם שוין גאָהר נישט דאַרפען לערנען ווייל ער וועט אַליין אַלצדיג זעהן. דאָס זעלבע איז ביי חסידות אין עבודת השם דאָס ווען דער עיקר אַרבייט פון דעם רבין איז איין צו פלאַנצען אין זיינע חסידים וועלכע גוטע מדה מאַכט זיך דער יצה״ר אוועק קוקענדיג אין לאָזט טאָקע צו די גוטע מדה אָבער פער דאָס בעקומט ער זיי ווידער און אַ צווייטע מדה וועלכעס דער רבי פערלייגט נישט אַזוי פיהל כחות אויף איהר. דערנאָך מיז הערשט דער זוהן זיינער גוט אַרבייטען איידער ער פער רעכט זיי אין דער מדה וועלכע זיי האָבען ביי זיין פאַטער זיך אָב געלאָזט אין אַזוי כסדר איז אַלעס די זעלבע אַרבייט וואָרען אַז זייא הייבען אָהן זיך אויס צו אַרבייטען אין דער צווייטער מדה גייט דער יצה״ר צוריק צו דער ערשטער בלייבט די אַרבייט שטענדיג די איינגענע אין זייא קענען גאָהר קיינמאָהל צו קיין תכלית נישט קומען. אָבער ביי מיר איז דער עיקר איך זעה אַז איך זאָל זיי אַריינשיינען אין זייערע הערצער אהבת ויראת השי״ת אין דערנאָך דאַרפען זיי שוין נישט אַז איך זאָל זייא יעדענס מאָהל לערנען אַצווייטע מדה ווייל זייער הארץ זעהט שוין אַליין וואָס ער האָט צו טוהן אין ער גליסט נאָהר שטענדיג מקיים צו זיין די מצות פון דעם בורא ית'. דער זכות פון דיהייליגע צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען אויך זוכה זיין צו דערפילען דאָס זיסקייט פון דער הייליגער תורה אין איהרע מצות אין מיר זאָלען זייא מקיים זיין בשמחה מתוך הרחבה אין מיר זאַלען אלע זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# אַ קלוגע תשובה וואָס דער רבי ר' בונם ז"ל האָט געענטפערט צו איינעם וואָס ער האָט געאַרבייט ער זאָל האָבען גילוי אליהו זכור לטוב:

איינמאָהל איז איין מענטש געקומען צו דעם רבי'ן ר' בונם זכרונו לברכה אין ער האָט איהם געפרעגט אַ עצה אויף דעם וויא אַזוי ער זאָל זוכה זיין צו גילוי אליהו הנביא זכור לטוב. אין ער האָט דערציילט דעם רבי'ן דאָס ער האָט גיזעהן אין אַ ספר אַז אַ מענטש פאַסט

אזוי

אזוי פיעל אין אַזוי פיעל תעניתים איז ער זוכה צו גילוי אליהו הנביא: זכור לטוב אַלזאָ האָט ער אַזוי געטוהן אין ער האָט אוים געפּאַסט אַלע תענתים אין לסוף האָט ער נישט זוכה געוועזען. האָט איהם דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה גיענטפערט איך וועל דיר דערציילען אַ געשיכטע וועלכעס איז פאַהרגעקומען ביי דעם היילינען בעש"ט זכרונו לברכה:

**איינמאָהל** האָט דער הייליגער בעש"ט זכרונו לברכה געדאַרפען פאַהרען אין אַ וויטע מדינה אַריין האָט ער גערינגען אַ בעל עגלה וועלכער איז אָפטמאָהל געפאָהרען יענעם וועג. אין די פערד זענען שוין געוועזען געוואָהנט צו דעם וועג אַז זיי האָבען געוויסט יעדער שטאָט וואָס דאַרף זיין אויפען וועג אין יעדען דאַרף מיט די פאַרשידענע קרעטשמעס אין וועלכע זיי פלעגען זיך אָב צו שטעלען אין זייער לאַנגען וועג אין צו בעקומען עסען. אָבער ווי בעוויסט האָט דער בעש"ט נאָהר געדאַרפען לפנים צוא פאָהרען אין באַלד אַזוי וויא ער איז אַרויף געגאַנגען אויף דער פוהר האָט ער געזאָגט דעם הייליגען שם פין קפיצת הדרך. זענען דער בעל עגלה מיט אַלע מענטשען איינגעשלאָפען אין די פערד האָט זיך געדאַכט ווי זיי וואָלטען געפלויגען אין דער לופטען. און וויל דיא פערד האָבען געזעהן דאָס זיי זענען אַדורך געפאָהרען די ערשטע קרעטשמי וואָס זיי פלעגען דאָרט אַלע מאָהל רוהען אין בעקומען עסען אין מען האָט זיך נישט אָבגעשטעלט זיי קיין עסען צו געבען אין אַזוי די צווייטע סטאַנציע אין די דריטע נאָהר עס האָט זיי אויסגעוויזען גלייך ווי זיי פליהען אַ רובער די שטעדט אין די דערפער. האָבען זיך די פערד מיישב געוועזען דאָס זייא זענען בעשטומט פערוואַנדעלט געוואָהרען אין מענטשען וויל זיי שפורען גאָהר נישט די משא פין וואָגען אין מען גוט זיי נישט קיין עסען דאָרט ווי מען פלעגט זיי אַלע מאָהל געבען ווען זיי זענען נאָך געוועזען פערד אין געשלעפּט דעם שווערען וואָגען. אָבער יעצט זענען זיי מענטשען קומט זיי שוין נישט צו שלעפען אַזוי אשווערע משא אין אויך נישט עסען אויף די אַלע סטאַציעס וואָס אַלע פערד עסען נאָהר ווען מען וועט פאַר נאַכט קומען אין דער גרויסער שטאָט אַריין וואָס איז געוועזען אין מיטען וועג אין דאָרט איז דער שטייגער פין אַלע סוחרים אָב צו רוהען זיך אין צו עסען אין דאָרט אויך איבער נעכטיגען וועט מען זיך פערגעוויס אָב שטעלען אין דער בעל הבית וועט מיט זיינע מענטשען אַריין גיין אין דער סטאַנציע אַריין אין זיי וועלען זיך אָברוהען אין נעמען עפּיס צו עסען אין דאַמאַלסט וועלען זיי דאָס הייסט די יעצט געוואהרענע מענטשען וועלכע גייען

גייען נאָך צייטווייליגע אויף אַלע פיהר אויך בעקענען עסען מיט אַלע מענטשען אָבער ווי פער ווינדערט זענען זיי געוואָהייען ווען זיי האָבען גלייך בעמערקט דאָס מען פאָהרט שוין אויף אַ דורך די גרויסע שטאָט עס איז גאָהר קיינער נישט אַראָב געגאַנגען אין מען האָט זיי זאָה אויף ניזוט געגעבען קיין עסען נאָהר זיי זענען ווייטער געפלויגען האָבען זייא זיך מיישב געוועזען דאָס זיי זענען פערגעוויס נאָך גרעסער ווי מענטשען דהיינו זיי זענען גאָהר געוואָהרען מלאכים אין דרובער דאַרפען זייא גאָהר נישט קיין עסען. אָבער ווי דער בעש"ט אין שוין געקומען דאָרט וויא ער האָט בעדאָרפען אין מען האָט זיך געשטעלט זענען זיך די אַלע מענטשען אַראָב געגאַנגען פין דער פיהר אין די פערד האָט מען אויס געשפאנט אין אַריין געשטעלט אין דער שטאַל אַריין. אין מען האָט זיי געגעבען צו עסען וויא אַלע פערד. האָבען זיי זיך צו געחאַפט צום עסען אַזוי וויא די פערד. האָבען זייא הערשט דערשפירט דאָס זיי זענע געוועהנליכע פערד ווי אלע פערד. אַזוי איז דער וואָס פאַסט אין פאַניגט זיך ער זאָל זוכה זיין צו גילוי אליהו זכור לטוב. אין אַז ער ענדיגט שוין זיינע תעניתים מיט דיא סיגופים דאַרף ער דער עיקר זיך אָב צוהיטען ער זאָל זיך נישט צוריק צו האַפען צום עסען אַזוי ווי אַ פערד. וואָרען אַז נישט בלייבט ער ווידער פערד אַזוי וויא ער איז פרוהער געוועזען. השי"ת זאָל אונז העלפען מיר זאָלען זיך טאַקע קענען צו געוויינען עסען אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין אַז מיר זאָלען דאָס עסען מעלה זיין אַזוי ווי אַ מענטש דאַרף מעלה זיין דאָס עסען צו דער מדרגה פין אַ מענטש און נישט מאַכען פין אַ בהמה פין פיער פיס אַ בהמה פין צוויי פיס. אין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה וואָס דאַמאָלסט וועלען אַלע יודען האָבען גילוי אליהו הנביא זכור לטוב במהרה בימינו אמן.

## אַ ווינדערליכע ערצעהלונג וואָס דער רבי ר' הענך זכרונו לברכה פון אַלכסנדר האָט דערציילט פער זיין רבי'ן דעם רבי'ן ר' בונם זכרונו לברכה:

איינמאָהל האָט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געזאָגט פאַר דיא

הסידים

חסידים דאָס יעדער יונגער מאַן וואָס פאָהרט דאָס ערשטע מאָהל צום רבי'ן אין ער וויל זיך מתחבר זיין מיט דיא חסידים מוז וויסען דיא מעשה פון אייזוק'ס ר' יעקל'ס וועלכע האָט געבאָהט דיא גרויסע שוהל אין קראָקאָ וועלכע ווערט גערופין אייזיק ר' יעקעל'עס שוהל. דיא מעשה איז אַזוי געוועזען:

איין יוד האָט געוואָהנט אין קראָקאָ זיין נאָמען איז געוועזען אייזיק ר' יעקעל'עס ער איז נישט געוועזען פון די גרויסע גבירים און ער האָט געהאַט עטליכע מיידליך חתונה צו מאַכען געוועהנליך האָט ער בייא טאָג און בייא נאַכט געהאַלטען און איין בעטען השי"ת זאָל איהם צו שיקען אַישועה ער זאָל קענען זיינע טעכטער געבוגען טוהן מיט נדנים און אַנדערע הצטרכות אַזוי וויא דער שטייגער איז. איינמאָהל האָט מען איהם געזאָגט און חלום דאָס ער זאָל פאָהרען קיין פראָג און דאָרט אונטער דער בריק וואָס איז לעבען דעם קייזערליכען פאַלאַץ זאָל ער גראָבען וועט ער דאָרט געפונען אַ גרויסען אוצר און ער וועט דער פון נתעשר ווערען. און וויל ער איז ארום געגאַנגען מיט דער פאַנטאַזיע אַז ער דאַרף ווערען צו זיינע קינדער אַ גביר ער זאָל זייא קענען חתונה מאַכען מתוך הרחבה. האָט ער גאָהר נישט איבער געטראַכט אַז דאָס איז דאָך אַגעפערליכע זאַך צוא גיין גראָבען אונטער דער בריק וואָס איז ביים קייזערליכען פאַלאַץ וויל פערגעוויס שטעהט דאָך דאָרט אַ וואַך וועלכעס היט בייטאָג און ביינאַכט און אַבוואָהל ער איז אַ ערליכע מאַן און ער האָט דער ביי נישט קיין בייזע געדאַנקען עפיס שאַדען צוא ברענגען דעם קייזערליכען הויף. אָבער ווער וועט דאָס איהם גלויבען פיליייכט איז ער אַ שפּיאָן און ער וויל וועלכעס אומגליק ברענגען צוא דעם קייזערליכען הויף. און אויב ער וועט אויס זאָגען דעם סוד פון דעם חלום וועט דאָך דיא מלוכה צוא נעממען דעם גאַנצען אוצר. וויל און אמת אריין וויא קומט ער דערצו עס איז דאָך דאָה נישט זיין פלאַץ. און יעצט איבער דיא גרויסע שווערינקייטען וועלכע ער דאַרף אַדורך ברעכען ביז ער וועט קומען קיין פראָג וויל דונגען אַ פיהר ביז פראָג איז דאָך נישט געוועזען פאַר זיין פערמעגען און גיין צו פוס וויא לאַנג דאַרף ער זיך פלאַגען און זיין נע ונד ביז ער וועט קומען קיין פראָג. אָבער זיין פאַנטאַזיע אין לוסט צום גרויסען אוצר האָט אַלעס פון איהם פאַהרלויפיג געמאַכט פערגעסען און ער האָט זיך געקלובען און דעם וויטען וועג. און ער איז נאָך עטליכע חדשים צוא פוס וואַנדערען אָהן געקומען קיין פראָג און ער האָט זיך תיכף געלאָזט גיין צוא דעם קייזערליכען פאַלאַץ, אָבער

דאה

דאָה איז הערשט געקומען דאָס רעכטע ענטוישונג. ער איז צוא געקומען האָט ער דערזעהן אַ שטרענגע וואַך שטעהן ווי געוועהנליך ביים קייזערליכען פאַלאַץ אין עס האָט איהם אויס געוויזען ווי זיי וואָלטען איהם נאָכגעקוקט יעדען טריט ווי ער גייט. זעלבסט פערשטענדליך דאָס ער האָט זיין פּלאַן שוין נישט געוואַגט אַ דורך צו פיהרען. נאָהר פונדעסטוועגען ווייל ער האָט זיך זייער פיהל אָהנגעפּלאַגט אין דעם ווייטען וועג איז איהם שווער געווען אוועק צו לאָזען זיך אַזוי ליידיג פון דאָרט. אין ער האָט בעשלאָסען ער זאָל דאָרט פער בלייבען עטליכע טעג אפשר וועט ער בעקומען עפּיס אַ געלעגענהייט ווי אַזוי צו בעקומען אַ צו טריט צו דער בריק ער זאָל קענען אויס גראָבען דעם אוצר ווייל ער האָט זיך שטאַרק געהאַלטען ביי דער פאַנטאַזיע וואָס האָט זיך איהם פאָהרגעשטעלט. ער האָט זיך אַזוי אַרום געדרייט אַ גאַנצען טאָג הין אין צוריק שטאַרק פערטראַכט און אין זיין מוח איז פאָהר געקומען פערשידענע געדאַנקען. איינמאָהל האָט זיך איהם געדאַכט דאָס עס איז אומזונסט זיין וואַרטען דאָה ווייל ווי קען דאָס אַ מישוב'ען מענטש איינפאַלען דאָס ער זאָל זיך ריזיקירען אינטער צו קאָפּען די בריק וועלכע איז ביים קייזערליכען הויף. אין ווידער איז איהם פאָהר געקומען דיא שיינע פאַנטאַזיע וויא ער וועט געפונען דעם גרויסען אוצר און ער וועט ווערען פון דיא גרעסטע גבירים. און ער וועט מיט זיינע טעכטער קענען דיא בעסטע שידוכים טוהן און אליין זיין אַגליקליכער זיין גאַנץ לעבען. האָט ער זיך אַזוי אַרום געדרייט ביז עס איז פינסטער געוואָהרען און ער האָט געמוזט פער לאָזען דאָס אָרט א פערמאַטעטער פון אַגאַנצען טאָג אַרום דרייען און קלערען. ער איז געגאַנגען אין אַ בית המדרש אריין אין ער האָט זיך דאָרט צו געשפּאַרט אויף אַ באַנק און איז אַזוי איבער געלעגען דיא נאַכט. צוא מאָרגענס האָט ער ווידער אַזוי פערברענגט דעם גאַנצען טאָג אַרום דרייענדיג זיך ביי דעם קייזערלעכען פּאַלאַץ אין פאַרנאַכט איז ער אַוועק געגאַנגען און בית מדרש אריין און אַזוי האָט ער געטוהן עטליכע טאָג נאָך אַנאַנד:

דער עלצטע פון דער געהיים פּאָליציי וועלכע איז דאָרט ביים דעם פּאַלאַץ געשטאַנען אויף וואַך צוא בעמערקען יעדען פערדעכטיגען אַדורך גייער איז געוואָהרען די זאַך זייער אויפפאַלענד וואָס עפּיס אַ אָרימער אַפּראָווינצער יוד ווייל מען האָט דער קענט און זיינע מלבושים. דאָס ער איז אַ פּראָווינצער דרייט זיך שוין דאָה אַרום עטליכע טעג און בעאַבאַכטעט אַלעס.

אַלעס וואָס דאָרט איז פערהאַנדען ער האָט איהם אָהנגעהויבען נאָך צוא שפּירען אָבער ער האָט קיין שום פּערדיכטיגעס און איהם נישט דער קענט. אַלזאָ האָט ער בעשלאָסען דעם יוד אַליין צוא פרעגען פון וואַנען ער איז און וואָס ער טוהט דאָה. און וויא ער איז און דער פריזה געקומען אויף דעם פּלאַץ, האָט דער עלצטער איהם צוא גערופען מיט אַ גוטע מינע און איהם געפרעגט „הערריין יודע" וואָס זיכט איהר דאָה און אויף וועמען ווארט איהר דאָה שוין עטליכע טאגע, וואָס איך בעמערק אייך דאָה אַגאַנצע טאָג ביז פּאַרע נאַכט אַרום שפּאַצירען און שטאַרק פערטראַכטקייט. פיללייכט זענט איהר אַמאָהל פון דיא מענטשען וועלכעס מיין אַמט צווינגט מיך צוא בעקעמפען זייער אַנוועזענהייט דאָה אַרום דעם קעניגליכען פּאַלאַץ. דער יוד האָט זיך זייער איבער גע׳שראָקען און ער האָט דעם עלצטען דער ציילט דיא גאַנצע מעשה. דאָס שוין פין עטליכע וואָכען אַז עס חלומט זיך איהם אַלע נאַכט דאָס ער זאָל פאָהרען קיין פּראָג און אונטער דער בריק וואָס איז בייא דעם קעניגליכען פּאַלאַץ זאָל ער גראָבען וועט ער געפינען אַגרויסען אוצר און צוליעב דעם איז ער געקומען פון קראָקאָ קיין פּראָג צו פיס און ער האָט זיך זייער פיהל אָהנגעפלאָגט און דעם וויטען וועג. נאָהר ערגער ווי אַלעס איז דאָס ענטוישונג וואָס ער האָט בעקומען דאָס ער האָט גאָהר נישט דיא ערמעגליכקייט צוא ערקונדיגען זיך און דיא ווירקליכקייט פון זיין חלום. און ער האָט איהם זייער געבעטין ער זאָל איהם עפּיס דער צוא אַ עצה געבען. וויא דער עלצטער האָט דאָס געהערט האָט ער אָהנגעהויבען זייער צוא לאַכען און איהם געזאָגט איהר מוזט נישט זיין קיין נאַרמאַלער מענטש נאָהר אַגרויסע פּאַנטאַזיאר וויל וועלכער נאָרמאַלער מענטש מאַכט אַדורך אַזוי אַשטרעקע צוליעב עפּיס אַ חלום. עס האָט זיך מיר אויך געחלומט דאָס איך זאָל פאָהרען ין קראָקאָ און דאָרט איפזיכען דאָס וואָהנונג פון דעם יוד אייזיק ר' יעקעלס און צו לייגען זיין קוימען אויוען און דאָרט אונטער דעם פּודאַמענט גראָבען וועל איך געפינען אַ גרויסען אוצר. יאָ וועל איך גלויבען און דעם חלום און צוא ליעב דעם פאָהרען קיין קראָקאָ, עס וואָלט דאָך געוועזען פון מיין זייט אַ רעכטער שיגעון. און דיא האָסט געטוהן אַזוי אַנאַרישקייט זיך אָהנצופּלאָגען אַזוי פיהל צוליעב אַ חלום. און וויא אייזיק ר' יעקעל׳ס האָט געהערט דיא ווערטער פון דעם עלצטען און זיינע חלומות האָט ער פעו ־יאַנען דאָס נאָהר צוליעב דעם האָט מ...ן פון הימעל אַזוי געפּוהרט דאָס ער ־אָל אַהער קומען כדי ער זאָל פון דעם עלצטען געוואָהר ווערען אַז דער אוצר געפינט זיך באמת.

נישט

נישט דאָה נאָהר בייא איהם אין שטיב און אז ער דארף זיכען בייא זיך אין שטיב וועט ער געפינען דעם אוצר. איז ער תיכף צוריק אהיים געגאַנגען קיין קראָקא און וויא ער איז אריין געקומען און שטוב אריין האָט ער זיך גענומען צוא ציא לייגען דעם קוימען אויוועז. האָבען אפילו זיין אייגען בני בית געהאַלטען דיא זאך פאַר אַ שיגעון און האָבען געצווייפעלט אין ווירקליכקייט פוןביידע חלומות. אָבער זיי האָבין לאַנג נישט בעדאָרפין צו טראַכטען ווייל דער אוצר איז ווירקליך באַלד געפינען געוואָרען און ער איז זייער רייך געוואָהרען און ער האָט אויפגעבאָהט פון דעם געלד די גרויסע קראָקאווער שוהל וועלכע ווערט נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג גערופען אייזיק ר' יעקעל עס שוהל. אזוי איז די זאך מיט יונגע לייט וועלכע קומען דאָס ערשטע מאָהל צום רבי'ן דאָס אז ער קומט צום רבי'ן ווערט ער הערשט געוואָהר אַז דער אוצר פין יראת שמים קען ער אין אמת אריין גאָהר געפינען ביי זיך אין דער היים. אין ער דארף איהם נאָהר גוט זיכען ער זאָל צו צי לייגען דעם קוימען דאָס הייסט ער זאָל זיך נישט נאָך געבען תאות האכילה אין דעם אויוועז דאָס הייסט ער זאָל נישט זיין פויל אין ווארימען זיך גאַנצע טעג נאָהר ער זאָל זיך ווארימען אין דעם פייער פון דער תורה הקדושה אזוי ווי אין פסוק שטייט הלא כה דברי כאש דער נביא זאָגט צו די יודען אין הש"ת נאָמען מיינע ווערטער וואָס איך האָב אייך איבער געגעבען אין דער תורה זענען גלייך ווי פייער אין מען דארף גאָהר נישט אוועק צו גיין פין דער גמרא ווארימען זיך ווייל אז מען לערינט מיט חשק שפירט מען קיין קעלט נישט. אין דאמאָלסט וועט ער זעהן וויא אמת די ווערטער פין אונזערע הייליגע חכמים זענען וואָס זיי האָבען געזאָגט יגעת ומצאת תאמין. דאָס הייסט אויב די וועסט זיך בעמוהען אין דער תורה אמת'דיג וועסטו געפינען דעם ריכטיגען פשט אין ממילא תאמין וועסטו זוכה זיין צו אמונה וואָס דאָס איז דער גאַנצער יסוד פין חסידות אין יראת שמים. דער זכות פין דיא צדיקים זאָל אונז ביישטיין מיר זאָלען אלע זוכה זיין צו אמת'דיגע אמונה אין, צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# דאָס גרויסקייט פון רבי'ן ר' בונם זכרונו לברכה ווען ער איז נאָך געוועזען אלעם יונגער אפטייקער און פשיסחא:

עס איז בעוויסט דאָס דער רבי ר' בינם זכרונו לברכה איז יונגער מאנוויס געוועזען א אפטייקער אינ דער שטאָדט פשיסחא און פון דרויסען האָט מען אין איהם גאָהר נישט דערקענט וויל ער איז געגאַנגען און דיא זעלבע מלבושים וויא אלע אפטייקערס נאָהר זיינע היילינע עבודות פלעגט ער טוהן בעהאלטען קיין שום מענטש זאָל דער פון נישט וויסען. איינמאָהל האָט ער חשק בעקומען צוא פאָהרען צוא דעם היילינען רבי'ן פון לובלין זכרונו לברכה. און וויל ער האָט נישט געוואָלט אז אין דער היים זאָל עמיצער דער פון וויסען דרובער האָט ער זיך בעשלאָסען אדורך צו מאַכען דעם וועג פון פרשיסחא קיין לובלין צוא פיס. און וועג האָט ער געהאט עיכובים וועלכער האָבען איהם געברענגט דער צוא דאָס ער האָט געמוזט פערבלייבען אונטער וועגינס שבת. אלזאָ האָט ער זיך אָבגעשטעלט אין דער שטאָדט לעלוב. און דאמאָלסט איז דאָרט געוועזען דער בעוויסטער צדיק ר' דוד'ל לעלובער זכרונו לברכה. פרייטאג פאָרע נאכט איז ער אריינגעקומען אין דעם רבינ'ס בית מדרש אריין און וויל ער איז געגאנגען און די דייטשע קליידער אזוי וויא דער שטייגער פון אפטייקערס האָט ער זיך געשעמט צוא וויזען און בית המדרש צעווישען דעם עולם און אפילו אריין צו גיין צום רבי'ן ר' דוד'ל זכרונו לברכה האָט ער זיך אויך נישט געקענט פאסען קיין מוטה. דעריבער האָט ער קיין שלום נישט גענומען נאָהר ער איז אין בית המדרש אריין געגאנגען צווישען דעם אויוען וואָס דאָרט פלעגט צוא זיין דאָס אָרט פון דיא אלע ארחי ופרחי. און ער האָט דאָרט געדאווענט. נאָך דעם דאווינען ווען דער רבי ר' דוד'ל איז געגאַנגען צום טיש האָט ער אויסגערופען שמחה בונם בן פיגא זאָל זיך זעצען ביים טיש. אין בית המדרש איז שטיל געוואָרען וויל עס האָט זיך צווישען דעם גאַנצען עולם נישט געפינען אזוי אמענטש וועלכער זאָל הייסען דעם נאָמען. און דער עולם האָט זיך אווילע ארומגעקוקט ווען דער רבי מיינט דאָה. אָבער עס איז קיינעם ווי איינגעפאַלען צוא טראַכטען וועגען דעם אָרחי ופרחי וועלכע ... אוי ... ר דעם אויוען און קורצע דייטשע קליידער און וויל דער ... ר' בונים האָט געמיינט דאָס עס געפינט זיך צווישען דעם עולם אמענטש

אמענטש וועלכער הייסט דעם נאָמען האָט ער זיך אויך נישט וויסענדיג געמאכט. אָבער וויא דער רבי ר' דוד'ל האָט נאָך אמאהל אויסגערופען שמחה בונם בן פיגא זאָל זיך זעצען בייא דעם טיש און עס איז ווידער קיינער נישט צוא געגאַנגען האָט שוין דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה פער שטאַנען אַז איהם מיינט מען טאַקע און ער איז תיכף צוא געגאַנגען צום טיש. און דער רבי ר' דוד'ל האָט איהם שטאַרק מכבד געוועזען און ער האָט איהם געגעבין פון זיין עסען פון יעדער מאכל וואָס מען האָט איהם דערלאַנגט צום טיש. דער זכות פון דיא צדיקים זאָל אונז בייששטיין מיר זאָלען זוכה זיין צוא דער גאולה שלימה אמן:

## אַגוט וואָרט פון דעם הייליגען רבי'ן ר' בונם זכרונו לברכה עפ"י משל:

רש"י אין פרשת בלק ברענגט דעם מדרש פון אונזערע חכמים זכרונו לברכה וואָס האָט בלעם הרשע זוכה געוועזען צו רוח הקודש. ענטפערט דער מדרש כדי די אומות העולם זאָלען נישט האָבען קיין טענה ווען עס וועט זיין דער יום הדין אין מען וועט זיי פרעגען פער וואָס זיי זענען געגאַנגען אין אזעלכע שלעכטע וועגען. אין זיי האָבען זיך נישט אָב געלערנט פון די יודען. וואָלטין זיי גיענטפערט ווען זיי וואָלטען געהאַט נביאים גלייך ווי די יודען וואָלטען זיי אויך געוועזען געגאַנגען אין גוטען וועג אַזוי ווי דער נביא וואָלט זיי געלערנט. האָט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געפרעגט אדרבה אַזוי וועלען זיי דאָך געכער האָבען א טענה צום רבונו של עולם דאָס צו די יודען האָט ער געגעבען א נביא אמת משה רבינו עליו השלום וועלכער האָט זיי געפוהרט אין גוטען וועג אין צו זייא האָט ער געגעבען א פאַלשען נביא בלעם הרשע וועלכער ער איז זעלבסט געוועזען פערדאָרבען. דרובער האָבען זיי דאָך נישט געהאַט פון וועמען זיך גוטעס אָב צו לערנען. האָט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה גיענטפערט מען קען די זאַך פערשטיין עפ"י משל. אין ער האָט דערציילט א געשיכטע וועלכע איז איהם אַליין פאַהר געקומען. ווען דיא אויגען איהם האָב געטוהן איז ער געפאָהרען קיין בערלין צו א דאָקטער האָט ער [illegible] אין

דעם

דעם האָטעל נאָך געפרעגט אויף די אויגען דאָקטער האָט מען איהם געזאָגט דאָס עס איז פערהאַנדען איין דאָקטער וואָס ער היילט גאָהר שנעל אין מען רופט איהם העד ווינדער דאָקטער. האָט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געזאָגט דאָס ער וויל נישט גיין צוא דעם ווינדער דאָקטער אין ער הייסט איהם באַלד געזאָגט זיין טעם דרונגען. ווייל אין אמת אַריין דאַרף א יוד אַז ער ווערט ניט געזונד ח"ו צו גיין צו דעם צדיק הדור ער זאָל אויף איהם בעטען רחמים דאָס השי"ת זאָל איהם שיקען א רפואה שלימה נאָהר פערוואָס גייט מען צו א דאָקטער ווייל מען וויל זיך נישט פיהרען הין לדרך הטבע. אָבער צו גיין צו א ווינדער דאָקטער וואָס דאָס איז אין קיין דרך הטבע איז דאָך שוין גלייכער צו פאָהרען צום הייליגען קאָזיניצער מגיד. אין מיט דעם איז פער ענטפערט די קשיא וואָרען אין אמת האָט משה רבינו עליו השלום געוואָלט לערנען אפילו מיט די אומות העולם אזוי וויא ער האָט געזאָגט צוא פרעה'ן ביי יעדען מכה למען תדע כי לה' הארץ. דאָס הייסט אַז די מכה וואָס שיקט אויף איהם איז שט חלילה מחמת א כזריותקייט נאָהר כדי ער זאָל וויסען אַז השי"ת איז דער אמת'דיגער בורא עולם אין ער זאָל אַוועק וואַרפען זיינע אַלע שטותים פון דער געצענדינערייא אין נאַטור. קענסט נאָהר דינען השי"ת אַליין. אָבער פרעה מיט זיין סעקטע וויא אויך אַללע אומות העולם האָבען אפ געלייקענט דיא אַלע מופתים וואָס משה רבינו עליו השלום האָט בעוויזען. און האָבען געזאָגט אַז אַלעס איז נאַטור ערשייניגען און צוליעב דעם האָבען זייא נישט געפאָלגט משה רבינו'ת תורה. דערוובער האָט השי"י זיי גיגעבען א נביא בלעם הרשע וואָס ער האָט אויך בעוויזען מופתים נישט בדרך הטבע אין פונדעסט וועגען האָבען דיא אומות העולם אין זיינע רייד יאָה געגלייבט. וועלען זייא שוין קיין שום טענה נישט האָבען וואָס זייא האָבען נישט געגלייבט און דער נבואה פון משה רבינו עליו השלום ווייל זייא האָבען נישט געגלייבט און קיין אומנאַטורליכעס פער וואָס דען האָבען זייא געגלייבט און בלעם'ס הרשע'ס נבואה. דער זכות פון דיא הייליגע צדיקים זאָל אינז ביי שטיין אמן.

## דָאס גְרויסֶע עֲנִיווֹת פוּן רֶבִּי'ן ר' בּוּנָם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה :

דֶער בֶּעוויסטֶער חסיד ר' רפאל משה סאָכטשאָווער האָט דער ציילט אז דאָס ערשטע מאָהל ווען דער רבי ר' בונם איז געפאָהרען קיין קאַרלסבּאַד אין וואַרעם באָד אַריין. האָט זיך גיהערט און דער גאַנצער עסטרייכישער מדינה דאָס עס איז געקומען אַ פוילישער רבי און וויל דיא מתנגדים האָבען געזאָגט דאָס די רבי'ס קענען נישט לערנען. און אין פראָג וואָס דאָרט איז געוועזען דער גרעסטער צענטער פון דיא מתנגדישע לומדים האָבען זייא געהערט דאָס מען טוהט אָהן דעם פוילישען רבי'ן גרויס כבוד האָט זייא דיא זאַך זייער פערדראָסען. אַלזאָ האָבען זייא געמאַכט אַ אַסיפה און עס איז בעשלאָסען געוואָהרען דאָס זיי זאָלען שיקען צוויא גרויסע לומדים זייא זאָלען מיט איהם שמיסען און לערנען און זייא זאָלען ווייזען דעם גאַנצען עולם אַז דער רבי קען נישט לערנען ווי פערוווינדערט זענען זיי געבליבען ווי זיי האָבען געזעהן דאָס דער רבי ר' בונם האָט זייא גיענטפערט מיט זייער אַ שאַרפען פערשטאַנד און ער פערענטפערט זייערע אַלע האַרבּע קשיות וואָס זיי האָבען זיך געהאַט צו געגרייט איהם צו פרעגען דערמיט איהם אָבצושטעלען. דאָס האָט אויף זיי געמאַכט זייער אַ גרויסען איינדרוק און זיי האָבען זיך מיט איהם זייער פריינדליך געזעגענט דערנאָך ווי זיי זענען אַוועק געגאַנגען האָט דער רבי ר' בונם זכרונו לברכה געזאָגט צו זיין משמש ר' משה ראָזוואַדאָווער דאָס ער האָט געהאַט גרויסע נסים מן השמים וואָס ער האָט זיי געקענט ענטפערען אויף זייערע אַלע קשיות מיט פערשטאַנד דאָס זיי זאָלען נישט קענען איהם קיין שלעכטס טוהן אין זיי זענען פין איהם אַוועק צופרידענע. דער זכות פין די היילגע צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אַ גוטע פרנסה מתוך הרחבה אָמן :